STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04877

MAYN RAYZE IBER RUSLAND

Hersh David Nomberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Henriette Wenkart Epstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ד. נאָמבערג

געזאמלטע ווערק

5=טער באנד

פארלאג „קולטור=ליגע", ווארשע

ה. ד. נאָמבערג

מײַן רײזע איבער רוסלאַנד

פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע

Printed in Poland

H. D. Nomberg
Majn rajze iber rusland
Wyd. „Kultur-Liga", Warszawa, 1928
געדרוקט אין 1000 עקז.

Drukarnia „Hacefira" Leszno № 54.

אַ שטיקל הקדמה.

אַט וויל איך די זאַכן באַשרייבן כּסדר, כראָנאָלאָגיש, אַזוי ווי איך האָב זיי געזען און געהערט. אָט שרייב איך אַ טאָג-בוך.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך פּרוּאוו דאָס צו טאָן. איך האָב אין מיין לעבן נישט געשריבן קיין טאָג-ביכער, און האָב נישט ליב געהאַט, ווען אַנדערע טוען דאָס. ווייל נישט אַלע טעג זענען אינטערעסאַנט, און אַז מען פאַלט אַריין אין דער געוויינהייט צו פאַרצייכענען עפּעס יעדן טאָג, ווערן נאַרישקייטן און גאָרנישטקייטן דערהויבן צו וויכטיקע געשעענישן.

שרייבן טאָג-ביכער איז אַ שלעכטע מאַניער: אַ קליין ביסל געשמאַקלאָז.

וויל איך טאַקע אַזוי ווערן — געשמאַקלאָז! נידער מיט דער עסטעטיק!

איך פאָר קיין רוסלאַנד „טאָן מיין חוב". נישט ווייל ס'איז מיר לאַנגוויילִיק אויף דער וועלט און איך זוך איינדרוקן. אויף דערויף זענען פאַראַן מער זוניקע ערטער, מיט מער באַקוועמ-לעכקייטן, מיט בעסערע האָטעלן און מיט בעסערע, געשליפע-נערע (ווייל — בורזשואַזע) געוויינהייטן. איך פאָר זען. איך רעכן, ס'וועט זיין אַ שטיקל אָפּקומעניש (צי האָב איך דען ווייניק געזינדיקט, אַז איך זאָל נישט פאַרדינען אַן אָפּקומען?); איך רעכן, אַז קיין פריינטלעכע האַנט וועט מיר קיינער דאָרט נישט

אויסשטרעקן אַנטקעגן. א י י ג ע נ ע מענטשן האָט מען דאָרט אַריינגעזאָגט און אויסגעמוסרט, אַזוי ווי קליינע זינדיקע קינ-דערלעך; היינט וואָסער פּנים קאָן האָבן א י ך — אַ פרעמדער?

אָבער רוסלאַנד, רוסלאַנד! גאָט איז מיין עדות, אַז איך וויל דיך זען, איך וויל דיך פאַרשטיין.

יאָ, דאָס איז אַ לאַנד, וואָס שטייט אָפן, ווייט און ברייט, און עס איז פול מיט סודות. נישט פון היינט אָן, זינט דער רעוואָלוציע, איז רוסלאַנד אַזאַ לאַנד. אַזוי איז עס שטענדיק געווען פאַר מיר; אַזוי איז געווען דער גייסט פון אירע מענטשן אין איר וואונדערלעכער ליטעראַטור, וואו הימל און ערד, רעאַ-ליזם און מיסטיציזם, זענען צוזאַמענגעמישט אין איין מאַסע, צו-זאַמענגעקנאָטן. ווייל — מערקט אייך! אַז אַ שרייבער אין רוס-לאַנד באַשרייבט אייך, ווי עס מעקעט אַ קו פאַרנאַכט, בשעת זי גייט אין שטאַל אַריין, דוכט זיך, אַז ער האָט דערביי אין זין דאָס גרויסע רעטעניש פון לעבן און טויט, אַז דער סוד פון דער וועלט האָט זיך דאָ באַהאַלטן אונטער דער קו, וואָס מעקעט פאַרנאַכט....

און פון איצטיקן רוסלאַנד, פון ראַטן-פאַרבאַנד, ווייסן מיר אַלץ און מיר ווייסן גאָרנישט. רוסלאַנד האָט פריינט און פיינט, הייסע אָנהענגער, פאַרביטערטע געגנער. אַלץ, וואָס מען לייענט, שמעקט מיט אַגיטאַציע... האָב איך אָבער אַ פאַרשאָלטענע נאַטור, אַז ווען מען אַגיטירט מיר פ אַ ר אַ זאַך, בין איך, צולהכעיס, קעגן, און פאַרקערט. אַלע בייזע אַרטיקלען קעגן די באָלשעוויקעס האָבן מיך שטענדיק איבערגעצייגט אין זייער גע-רעכטיקייט; אַלע אַרטיקלען, וואָס האָבן אַגיטירט פ אַ ר זיי, האָבן מיך שרעקלעך אָפּגעשטויסן פון דעם באָ. שעוויזם...

ווען מיר דעריבער נישט אַגיטירן, נישט פאַר, נישט קעגן. „וואָס דו האָסט אַליין נישט ליב, זאָלסטו נישט טאָן דיין חבר". אויב מען זאָל מיך פרעגן בנאמנות, צי איך בין פאַר ראַטן-רוסלאַנד, צי קעגן — ווייס איך נישט, וואָס צו זאָגן. איך בין דורשטיק צו זען.

וועל איך לאָזן די געשעענישן דורכלויפן פאַר מיר; זאָל

זיך וויקלען דער פילם פאַר מיינע אויגן. איך רעכן, אַז אין אַ לאַנד, וואָס האָט איבערגעלעבט אַזאַ דערשיטערונג, אַזאַ איבערקערעניש, אַ לאַנד, וואו מענטשן האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף דעם סדר פון דער וועלט, באַדאַרף אַלץ צו זיין אינטערעסאַנט, די לעצטע קלייניקייט אפילו.

איך בין מסופק, צי אַלץ וועט זיין אינטערעסאַנט, דעמאָלט וועט אויסקומען איבערצוהאַקן דעם טאָן פון אַ טאָג-בוך. אָבער אין אַזאַ פאַל וועט דאָס זיין מיין שולד, נישט רוסלאַנדס...

I

דער אַרויספאָר פון פוילן.

סוף אָקטאָבער בין איך אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע מיט דעם צוג, וואָס גייט אָפּ 10 אינדערפרי קיין מאָסקווע. אַמאָליקע צייטן פלעגט די שטרעקע וואַרשע—מאָסקווע, איבער באַראַנאָוויטש און מינסק, ווימלען פון מענטשן. צוגן זענען געלאָפן, צוגן זענען געפלויגן, און זיי זענען געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זענען געלאָפן און געפלויגן, פאַרטאָן אין מסחר. דער פאַרקער איז דאָ געווען אַ געוואַלדיק גרויסער. לאָדזשער אַגענטן, סוחרים פון טיף ראָסיי, פון מאַנדזשוריע און כינע, האָבן אָנגעפּראָפּט אַלע וואַגאָנען. פוילן איז געווען דאָס טויער פון אייראָפּע פאַר גאַנץ רוסלאַנד, און אַהער. צו דעם טויער און פון דעם טויער, האָט אַלץ זיך געשפּאַרט. געדענקט איר ביי שלום-עליכמען די מעשה, ווי אַזוי יידן אין אַ וואַגאָן שפּילן אַ זעקס-און-זעכציק אויף אַ געוויסן קערפּער-טייל פון אַ פּאָפּ? — די מעשה האָט פּאַסירט נישט ערגעץ אַנדערש, ווי אָט אויף דער שטרעקע. אָט דאָ, איבער די רעלסן, פלעגן די גרויסע, גרויסע וואַלד-סוחרים פאָרן טעג און נעכט. דער יידישער הומאָר, אין געשטאַלט פון לאָדזשער פּעטע וויצן, האָט דאָ געבליט. די דריי יידישע דיאַלעקטן, דער פּוילישער, ליטווישער

און אוקראַינישער, האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעמישט און צוזאַמענגעקלונגען, און דאָס באַרימטע באַרדיטשעווער רוסיש פון „פּרי-יעכאַיטיע — פּריִיעכאַיעם” האָט זיך דאָ געגאָסן עמערווייז אין זיין גאַנצער לעבערלעכקייט. ס'איז געווען אַן אַטמאָספער פול נערוועזאישקייט, יידישע רירעוודיקייט, פּויזאַדיקייט; אַ יאַריד, וואָס שטייט נישט, נאָר לויפט אין די מרחקים אַריין.

איצט — די גאַנצע באַוועגונג אָפּגעשטאָרבן. פאָרט איך איינמאָל מיט דעם צוג, זעט איך ערשט רעכט, ווי אָפּגעשניטן פּוילן איז געוואָרן פון מזרח. נישט אַזוי ווי אַ גרענעץ וואָלט דאָרט ביי דעם שטעטל סטאָלפּצי געווען, נאָר ווי אַן אייזערנע וואַנט וואָלט דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן, און נאָר דורך אַ שמאָל טירל ווערן דורכגעזופּט און דורכגעלאָזט איינצלנע מענטשן.

דער צוג איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער, פּאַריז — מאָסקווע. אין דעם שלאָף-וואַגאָן פאָרן דיפּלאָמאַטישע קוריערן, מיטגלידער פון פאַרשידענע מיסיעס, וואָס זייער צאָל האָט זיך זייער פאַרמערט אויף דער וועלט נאָך דער מלחמה. דאָס איז אַן עולם פאַר זיך. אין דעם צווייטן וואַגאָן, דעם ציווילן, געפינען זיך אַ גרופּע פּערסישע אונטערטאַנען, וואָס פאָרן אַהיים איבער רוסלאַנד, איך און נאָך עטלעכע צופעליקע פאָרער.

ביז מיר קומען צו קיין סטאָלפּצי, 8 פאַרנאַכט, ווערט אונזער משפחה אַלץ קלענער און קלענער. 12 מענטשן זענען מיר געבליבן, אַ חוץ די דיפּלאָמאַטן, וואָס זענען אַ משפחה פאַר זיך.

אַ פּערסיש פּאָר-פאָלק זיצט מיט מיר אין איין קופּע. די יונגע דאַמע רעדט אַ ביסל ענגליש. צאַרט און איידל איז זי, אַזוי ווי אַ בלום פון מזרח. נאָך עטלעכע טעג אינגאַנצן וועט זי זיך קאָנען פרייען מיט דער אייראָפּעאישער פרייהייט, ביז זי וועט צוקומען צו די גרענעצן פון איר פאָטערלאַנד; דאָרט וועט זי מוזן אַריבערציען דעם שלייער איבער איר פּנים.

פֿאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג אין הארעם און נישט וואָגן ווען זי דערמאָנט אַרויסצורעדן אַ וואָרט צו אַ פֿרעמדן מאַנספּאַרשוין. זעענען טאַקע אירע אויגן טרויעריק, און יעדע פֿראַזע, וואָס גייט אַרויס פֿון איר מויל, קלינגט אַזוי אומזיכער. זי מאַכט מיט איר רעדן און באַנעמען דעם איינדרוק פֿון אַ קראַנקער, וואָס פּרואוווט צו מאַכן עטלעכע טריט און מוז זיך באַלד צוריק לייגן אין בעט אַריין.

זי איז מיד. מאַכן מיר פֿאַר איר אַ פּלאַץ, זי זאָל זיך קאָנען צולייגן אויף דער באַנק. אָבער זי טרויט זיך נישט אָן צולעגן אין דער אָנוועזנהייט פֿון פֿרעמדע. ערשט נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט איר מאַן אויף פּערסיש, געלינגט עס אים זי איבערצוצייגן, אַז זי קאָן דאָס טאָן.

ליגט זי, די בלום פֿון מזרח, און לייענט אַ קליין ביכעלע מיט אַראַבישער שריפֿט: אַ ביכל לידער. איך דערקען, ווי די אויסגעשטעלטע שורות.

וואָס איז עס?

ס'איז — אָמאַר קהאַיאַם, אַ באַרימטער פּערסישער דיכטער, געלעבט מיט 500 יאָר צוריק.

— אים קען איך, דערקלער איך; געלייענט אים אין דער ענגלישער איבערזעצונג פֿון בראַונינג. די לעצטע צייט, דער־צייל איך, איז אַרויס אויך אַן איבערזעצונג אויף מיין מאַמע־שפּראַך, אויף יידיש... אָמאַר קהאַיאַם האָב איך זייער גערן. ער איז אַ דיכטער פֿון אונטערגאַנג, פֿון אַן איבערצייטיקער קולטור. שרעקלעך טרויעריק. נישט וואָר?

— אַזוי... די בלום פֿון מזרח איז שטאַרק איבער־ראַשט, שטאַרק פֿאַרשעמט, און ווייסט נישט, וואָס מיט זיך צו טאָן.

• • •

איך בין שוין אין מיין לעבן דורכגעפאָרן פאַרשידענע גרענעצן אויף דער יבשה און אויפן ים, אָבער אין ערגעץ האָב איך זי נישט געזען, די גרענעץ, די מיסטישע וואַנט, נישט אָנגעטאַפּט זי מיט די הענט, אַזוי ווי דאָ. מען פאָרט געוויינלעך פון איין לאַנד אין אַנדערן אַריין, באַזוכט מען דיך, און מען באַטאַפּט, און מען באַשמעקט, און מען נישטערט דורך דיינע זאַכן, איין מאָל אויף דער זייט, איין מאָל אויף יענער זייט. צווישן ביידע סטאַציעס ליגט די גרענעץ. איר זעט זי נישט. דער צוג לויפט דורך די שטרעקע, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין וואַנט, אויף דער מחיצה.

דאָ איז גאָר עפּעס אַנדערש. וואָס ס׳וואַר — דאָס איז וואָר. די לאַנדשאַפט האָט זיך נישט געענדערט. די טרויעריק-פאַרבענקטע, אין זייער פאַרלאָזנקייט פאַרזונקענע, וועלדער און לאָנקעס פון ווייס-רוסלאַנד, זענען די אייגענע דאָ און דאָרט. ווייל אַלע מלחמות און שלומס, אַלע פאַרגלייכן און אָפּמאַכן האָבן נישט געענדערט דאָס אויסזען פון דער געגנט. אָבער די וואַנט פון אומצוטרויען איז אַ הויכע, אַ שטאַרקע, אַ פעסטע.

אונזער וואַגאָן ווערט פאַרריגלט נאָך אין סטאָלפּצי, אויף דער פוילישער זייט. מיר זענען אַזוי ווי אַרעסטאַנטן פאַרשפּאַרט, די פענסטער זענען פאַרמאַכט. אין וואַגאָן מיט אונז שטייען מלחמה-גרייט, אין אייזערנע קאַשקעטן אויף די קעפּ, מיט פולער באַוואָפענונג, אַ גרופּע זעלנער, אונזער קאָנוואָי. דער פוילישער באַאַמטער גייט דורך און גיט אונז אָפּ די פעסער. ס׳איז שטיל אין וואַגאָן. עפּעס אַזוי ווי אַ פייערלעכע שעה. דערוואַרטונג.

לויט די אָנגענומענע אינטערנאַציאָנאַלע מנהגים, וואָס ביידע צדדים זענען שטאַרק מקפּיד אויף זיי, טאָר קיין באַוואָפנטער מענטש פון איין זייט נישט ווייזן זיך אויף דער צווייטער אין זיין באַוואָפענונג. שטעלט זיך דער צוג אָפּ אין מיטן

דער טונקלקייט פון דער נאַכט אין אַ וויסטער געגנט, און די פּוילישע וואַך פאַרלאָזט אונז. זיי נעמען מיט מיט זיך צוויי פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געפּרוווט שוואַרצן די גרענעץ.

ווייל די גרענעץ שוואַרצט מען. אין דער צייט פון דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט אין פּוילן האָבן אַרבעטער און אינ־טעליגענטן פון די ראַנד־לענדער געזוכט דעם וועג קיין רוסלאַנד. אַריבערקומענדיק אויף יענער זייט, ווערט דער פּאַסאַזשיר אַרעס־טירט, פאַרהאַלטן עטלעכע טעג און פריי געלאָזן. די צוויי פּאַ־סאַזשירן אָבער האָבן נישט געהאַט קיין מזל, און מען האָט זיי אַראָפּגענומען אין דער פינסטערער נאַכט אַריין, אָט טאַקע דאָ לעבן דעם גרענעץ־צייכן — אַ סלופּ מיט אַ רויטן צייכן.

איצט זענען מיר געבליבן אַליין, אין קיינעמס רשות נישט. וואָס איר ווילט, קאָנט איר זינגען, און וועלכן גאָט איר ווילט, קאָנט איר דינען. הפקר! דאָס געדויערט פינף מינוט, איך האָב געהאַלטן דעם זייגער אין האַנט. דער צוג האָט קוים גערירט און באַלד זיך ווידער אָפּגעשטעלט. מיר זענען אויף דער רוסי־שער זייט.

רוסישע באַאַמטע, באַלייט פון עטלעכע רויטע אַרמייצעס, קומען אַריין, און זענען אונז מקבל־פּנים. „בירגער, די פּאַספּאָרטן דערלויבט!" צוויי פאַרשוין אין ציוויל, מיט זייער שאַרפע אויגן, גייען דורך גאָר באַזונדער, קוקן אונז אָן און רעדן קיין וואָרט נישט. מיר פאָרן איצט ביז נ י ע ג אָ ר י ע ל אָ י ע, די רוסישע גרענעץ. אין פאַרלויף פון עטלעכע מינוט האָב איך געפּידט, ווי איך בין געווען אונטער דריי הערשאַפטן: צוויי באַוואָפנטע מאַכטן און איין גאָטס פרייע וועלט.

און סך־הכל זענען דאָס געווען ווייטע, אומעטיקע פעלדער, וועלדער און לאָנקעס פון ווייס־רוסלאַנד, די אייגענע דאָ און דאָרט, דיזעלבע פאַרלאָזנקייט אויף ברייטע שטחים ערד אי דאָ, אי דאָרט, און נאָר פון צייט צו צייט זעט מען אַן אָרעמע פּויערישע כאַטע, אונטערטעניק געבויגן צו דער ערד, און וועלדער פול מיט דאַרינקע ביימלעך שטייען האַלב־אויסגעהאַקט, און קיין לעבעדיקער מענטש באַווייזט זיך נישט, און אַפילו נישט קיין

פוזמה, וואָס זאָל הנאה האָבן, קייענדיק דאָס פעטע גראָז פון פייכטע שטיקער פלאַכלאַנד, האַלב פאַרגאַסענע און מאַלאַרישע. דער מענטש שלאָפט דאָ נאָך, און איז נאָך נישט געוואוינט גע־וואָרן צו טעטיקייט... זיין חבר איז דער צער פון וואַלד, וואָס פון אים דערציילן און זינגען די ווייס־רוסישע מעשיות און לידער...

אין מינסק זייענדיק, בין איך געווען אין ווייס־רוסישן מיני־סטעריום פאַר בילדונג („נאַרקאָמפּראָס") און אין אַ באַזונדערן צי־מער זיצן ווייס־רוסישע יונגע־בחורים, די מאַמעס מילך ליגט זיי נאָך אויפן פּנים, פלאַקסענע האָר און פויערישע שטערנס, וואָס קנייטשן זיך שטאַרק ביי יעדן געדאַנק, און קיין וואָנסעס וואַקסן זיי נאָך נישט. דאָס זענען די נייע ווייס־רוסישע פּאָעטן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג. אָט די מעשיות און לידער פון די בערן און מענטשן אין די טיפע וועלדער פון ווייס־רוסלאַנד באַזינגען זיי. אָפיציעל. אויפן חשבון פון דער מלוכה: מען שטעלט אויף אַ ווייס־רוסישע קולטור.

און מיט די יונגע יידישע פּאָעטן און שרייבער לעבט מען בשלום און מען עסט זיך פון די פּיסקלעך.

און עס איז געוואָרן אָפּגעמאַכט:

די יונגע ווייס־רוסישע פּאָעטן וואַרפן אַרויס פון לעקסיקאָן פון דער ווייס־רוסישער שפּראַך (ער ווערט איצט באַאַרבעט) דאָס וואָרט „זשיד", און די יידן וואַרפן אַרויס פון לעקסיקאָן פון דער יידישער שפּראַך (ער ווערט אויך איצט אין דער יידישער אָפּטיילונג פון „נאַרקאָמפּראָס" באַאַרבעט) די ווערטער „שייגעץ" און „שיקסע".

האָב איך אויך, ווי איר זעט, אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך, בפירוש געשריבן „ווייס־רוסישע ב ח ו ר י ם", כאָטש אַן אַנדער וואָרט האָט זיך געבעטן אויף דער צונג.

אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט...

א

אויף דער גרענעץ.

עס איז שפּעט בייננאַכט, אַ זייגער 11, ווען מיר קריכן אַרויס פון צוג אין ניעגאָריעלאָיע. מיר זענען אַריבער די שוועל פון אַ ניי לאַנד, פון אַ נייער מדינה. מיר זענען אַריבער די גרענעץ.

די אייזערנע מויער, וואָס אַרום ראַטן-רוסלאַנד איז אַזוי ווי די באַרימטע כינעזישע מויער, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס ווייטע ברייטע לאַנד פון רייז-פעלדער, קיסרים און מאַנדאַרינען, און כאָטש די מויער אַרום דעם ראַטן-פאַרבאַנד איז מיטן אויג נישט צו זען און מיט די הענט נישט אָנצוטאַפּן, פילט איר זי דאָך שטאַרק און אייזן-פעסט, פיל מער, ווי ווען זי וואָלט געמויערט געווען פון שטיינער. אויב רוסלאַנד איז איצט פאַרמעל נישט בלאָקירט, איז זי פאַקטיש אָפּגעזונדערט. אַ ביסל גערנווילִיק, — ווייל מען לאָזט שווער אַריין קיין רוסלאַנד, און באַקומען אַ וויזע איז נישט פון די גרינגע זאַכן, און אַרויסלאָזן לאָזט מען אויך נישט גערן, און אַ ביסל איז מען טאַקע באַמיט פון דרויסן מצד ווייטע און נאָענטע מלוכות, צו דערפירן דעם פאַרקער מיט רוסלאַנד ביז צום מינימום. רוסלאַנד איז איזאָלירט.

דער גרויסער וועלט-שמוגל פון אידעען און געדאַנקען ווערט געפירט אין די קעפּ. גרענעץ-באַאַמטע האָבן אויף זיי

קיין שליטה נישט. איז בעסער ס'זאָלן וואָס ווייניקער קעפּ זיין אַריבערטראָגן פון איין זייט אויף דער צווייטער...

דער עיקר איז, וואָס איר אַליין, קוים זענט איר נאָר אַריבער די גרענעץ, פילט איר אייך נישט נאָר ווי אין אַ נייעם לאַנד, נאָר ווי אין אַ נייער וועלט. אייער האַרץ זאָגט אייך, אַז דאָ איז אַלץ אַנדערש, און איר מוזט אָנטאָן אַנדערע שפּאַקולן אויף די אויגן — אַנדערע!

אָר צי איז טאַקע אַלץ אַנדערש? צי האָט די רעוואָלוציע און דיקטאַטור טאַקע באמת געענדערט דאָס לעבן, פון אונטן ביז אויבן, צי זענען די געדאַנקען און געוואוינקייטן פון די מענטשן אין זייער לעבנס-באַנעמונג טאַקע אַנדערש געוואָרן, אָדער פאַרקערט — צי איז די נייע אָרדענונג נאָר אַ זאַך פון אויבן-אויף, וואָס ליגט איבער די זאַכן און איבער די מענטשן, וואָס פירט זיי, דיקטירט זיי איר ווילן און שלעפּט זיי איבערגעוואַלט? —

נאָר לאָמיר נישט פאַרלויפן פאָרויס. אָט די פראַגן און ענלעכע קוויילן מיך, און מסתמא קוויילן זיי מיליאָנען מענטשן אויף דער ערד, וואָס ווילן וויסן, וואָס דאָ קאָכט זיך און וואָס וועט זיך איבערקאָכן...

דערווייל איז אַן אָסיענדיקע נאַכט, אָנגעפילט מיט שוידער און מיט נאַסן ווינט. די סטאַציע איז קאַרג באַלויכטן. מיר קריכן אַריבער איבער עטלעכע פאָר רעלסן (נישט זייער באַקוועם!) און קומען אַריין אין אַ געביידע, גיכער אַ באַראַק, צוזאַמענגעשטעלט פון ברעטער. אַלץ איז רוי, צייטווייליק, אָן שום שוין — הוילע ברעטער, נישט געהיבלעוועטע, די איינציקע זאַכן פון פוץ זענען די פּאָרטרעטן פון לענין, סטאַלין, ריקאָוו און אַנדערע (טראָצקין און זינאָוויעוון האָב איך נישט באַמערקט אויף די ווענט. זיי זענען איצט אין דער „אָפּאָזיציע" און — אין חרם). די פּאָרטרעטן זענען פון געוויינלעכן שוואַרצן דרוק אויף ווייסן פּאַפּיר, און ערטערווייז זענען זיי איינגעריסן. די איצטיקע הערשער פון רוסלאַנד זענען אָרעמע פּשוטע מענטשן, און זייערע פּאָרטרעטן זענען אָרעמע, נישט אַזוי ווי פון אַמאָליקע

קייסער... די טרעגער שלעפּן אַריין אונזער געפּעק און מיר שטעלן זיך אויס אין אַ ראָד אַרום. אין מיטן שטייען די באַ־אַמטע, וואָס דאַרפן רעווידירן אונזערע זאַכן און אונז אָפּפאַר־טיקן. עס זענען דאָ מינדנסטנס אַ מאַן 12—15, כּמעט אַזױפיל באַאַמטע, ווי פּאַסאַזשירן. דער גרעסטער טייל פון די באַאַמטע זענען געקליידט ציוויל, אָן שום „פאָרמע", לעדערנע קורטקעס, שטיוול, און אַ היטל אויפן קאָפּ. צווישן זיי אַ מיידל מיט אַ יידיש אויסזען. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין דער רע־וואָלווער, וואָס הענגט איר ביי דער זייט. די מאַנספּאַרשוינען האַלטן דעם רעוואָלווער ערגעץ פאַרשטעקט אין דעם טאַש, ביי איר פּאַראַדירט ער פון אויבן, די „סאָבאַטשקע" (דאָס הינטל, אַזוי האָט מען דאָ געקרוינט מיט אַ צונאָמען דעם רעוואָלווער). מען איז דאָ באַוואָפנט. עס איז דאָך האַרט ביי דער גרענעץ. און איבערפאַלן פון אַזויגערופענע „דיווערסיע-באַנדעס" טרעפן דאָ און טרעפן אויך דאָרט, אויף דער פּוילישער זייט, אין סטאָלפּצי. דאָס זענען אָפּגעגעבענע זאַכן. שלאָגט מען דאָ, שלאָגט מען דאָרט! די לעצטע צייט איז שטיל. נישט די רוסן אויף דער זייט, נישט די פּאָליאַקן אויף יענער זייט ווערן נישט פּלוצלונג איבערגעפאַלן, געהרגעט און צעראַבירט, אַזוי ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אַ צייט צוריק. אָבער אין שטענדיקער גרייטקייט איז מען אויףביידע זייטן. דאָס מיידל איז מסתמא באַשטימט דערויף, אַז טאָמער דאַרף מען האָבן אַ לייבלעכע רעוויזיע פון אַ פרוי, ד. ה. אויב מען דאַרף אויסטאָן נאַקעט, אום צו באַזוכן פון קאָפּ ביז פיס, דאַרף זי עס טאָן. דערווייל פירט זי אויס געוויינלעכע פונקציעס פון אַ גרענעץ-באַאַמטין, נישטערט דורך די זאַכן פון די פּאַסאַזשירן, פּאַמעלעך און גרינטלעך, ווייל די רעוויזיע איז דאָ אַ שטרענגע.

ווער איז זי און פונוואַנען שטאַמט זי? זי איז נישט קיין אַרבעטאָרין, דוכט זיך. די האַנט איז אַ פיינע, אַ „ווייס הענטל" זאָגט מען אויף רוסיש. און ביי דער גאַנצער שטרענג־קייט קוקט דאָך פון ערגעץ אַרויס די „באַרישניאַ". מן הסתם

איז דאָס אַ פּאַרטיי-טוערין, און זי שטאַמט, האָב איך מורא, פון דער בורזשואַזיע.

מיר איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט איר. דאָס איז געשען נאָכדעם, ווי אַ דריי באַאַמטע האָבן מיך איבער-געשיקט איינער צום צווייטן. און נאָכדעם, ווי חבר זאַכאַר אָסיפּאָוויטש האָט רעווידירט דעם נומער פון מיין באַגאַזש און האָט אים פאַרגלייכט מיט דעם צעטל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט, וואָס האָט שטאַרק געציטערט פון אַלטקייט און שוואַכקייט.

דערדאָזיקער זאַכאַר אָסיפּאָוויטש האָט זיך מיר מאָדנע איינגעקריצט אין זכרון, צוזאַמען מיט דער פינסטערער נאַכט און מיט די ביידע גרענעצן. אַ מענטש אין די יאָרן, אַ גרוי בערדל, הויך, דאַר, געבויגן, מיט אַן אויפגעהויבענעם אַקסל, מיט ברילן, איז ער אַרומגעגאַנגען נישט ווי אַ דאָרטיקער. יעדער פון די באַאַמטע האָט אים געמונטערט גוטמוטיק, האָט אים אָנגעוויזן, וואָס ער זאָל טאָן, און צו טאָן האָט ער, דאַכט זיך, גאָרנישט געהאַט. זאַכאַר אָסיפּאָוויטש האָט אַ שטערן אַ גרויסן מיט קנייטשן, ער האָט אין די אַלטע צייטן געדאַרפט צופּסקענען שאלות. איך מיין, אַז אויך איצט וואָלט זיין אָרט געווען בעסער איבער אַ שווער זייטל פון קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס, ווי דאָ אין דעם באַראַק שפּעט ביינאַכט. איצט, אויף יעדן פאַל, וואָלט ער זיך באַדאַרפט אויסרוען. ס'איז האַלבע נאַכט און ער זעט אויס זייער צעבראָכן.

— זאַכאַר אָסיפּאָוויטש, פּאָזשאַלויסטאַ... רופט מען אים צו און מען ווייזט אים, און ער גייט פויל, פּאַמעלעך, און הייבט ער אויף אויף אייך די אויגן, דערפילט איר אַ בליק פון אַ מענטשן, וואָס זיינע געדאַנקען זענען נישט מיט אייך, נאָר זיי וואַנדערן איצט צווישן שורות פון טיפזיניקע ביכער.

אַ ביכער-מענטש, עס זעט אויס, געליטן נויט, אַהער קאָמאַנדירט, כדי צו געבן אים אַ באַשעפטיקונג.

מיין ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז די ביוראָקראַטישע מאַשין אַרבעט שווער, ס'איז צופיל רעדער און נישט געשמירטע.

און עס קלאַפּט נישט ווי געהעריק. זאַכאַר אָסיפּאָוויטש וואָלט געמעגט גיין שלאָפן. ער איז אוודאי אַן איבעריקע ראָד פון דער מאַשין.

אָבער שוין גאָר אַן אַנדער איינדרוק מאַכט דער חבר פּאַלין, דער איינציקער, וואָס טראָגט אַ מונדיר מיט אַ שווערד ביי דער זייט, אין פולער פאָרם. אַ שטאַרקער, קרעפטיקער מאַנספּאַרשוין, מיט אויגן פול לעבן און ענערגיע. ער דרייט זיך אַהין און צוריק און האָט אויף אַלעמען אַן אויג. ער איז, קענטיק, דער פּאָליטישער אויפזעער פון דער סטאַציע. די רעוויזיע, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז אַ שטרענגע. די ביכלעך, וואָס איר פירט מיט זיך, און יעדעס געדרוקט שטיקל פּאַפּיר לייגט מען אַוועק אין אַ זייט. דאָס געהערט אויסשליסלעך צו דעם מענטש מיט דער שווערד ביי דער זייט, צו חבר פּאַלין, מיין ביכער-סקלאַד איז געווען גאָר אַ קנאַפּער. צוויי דריי ביכער, און צווישן זיי אַ דייטש ביכל, וואָס באַהאַנדלט עקאָנאָמישע פראַגן. חבר פּאַלין האָט אויפגעמישט דאָס ביכל, און איך האָב באַמערקט, אַז איך האָב אויסגענומען אין זיינע אויגן. ער האָט די איבעריקע צוויי ביכלעך נישט געקוקט און צוריקגעגעבן זיי דעם באַאַמטן.

ווילט איר וויסן, מיט וואָס איך האָב געפונען ליטזעליקייט אין זיינע אויגן?

— אָט מיט וואָס:

אין רוסלאַנד ווערט די אינטעליגענץ פון אַ מענטשן געמאָסטן דערמיט, אויף וויפל ער אָריענטירט זיך אין עקאָנאָמישע פראַגן. דאָס איז די ערשטע, די גרעסטע, די איינציקע אויפקלערונג, וואָס מען גיט דעם עולם. וואָס לענגער איך האָב פאַרבראַכט אין ראַטן-פאַרבאַנד, אַלץ מער האָב איך זיך דערין איבערצייגט. מענטשן זענען דאָ אויסגעצייכנט אָריענטירט אין די פאַרוויקלטסטע עקאָנאָמישע פראַגן — פינאַנס-פּאָליטיק, האַנדלאון צאָל-בילאַנס, פרייזן פון אינדוסטריע און לאַנד-ווירטשאַפט אדג"ל., אַ מענטש, וואָס האָט די מינדסטע פּרעטענזיע פאַררעכנט צו ווערן פאַר אַן אינטעליגענט, איז גוט באַהאַווגט

אין די אַלע פראַגן. אין ערשטן קלאַס פון דער פאָלקס-שולע (אַרבעטס-שולע) הויבט זיך דאָס אָן, און אין אַלע קעמערלעך, אין אַלע פּאַרטיי-שולן לערנט מען עקאָנאָמיק. איך מוז מודה זיין, אַז גראָד אויף דעם געביט פון עקאָנאָמיק איז די בילדונג כאָטש אַן איינזייטיקע, דאָך אַ גרינדלעכע, און זי איז נישט אַזוי אַגיטאַטאָריש פאַרדרייט, ווי די ידיעות פון פּאָליטישן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַנדערע מדינות, וואָס ווערן צוגעטראָגן דעם עולם דורך די צייטונגען און דורך דער גאַנצער מאַשין פון דער אַגיטאַציע. דער עולם האָט אַ פאַרדרייט אויסגעקרימט בילד פון דעם, וואָס פּאַסירט אין אויסלאַנד; רוסלאַנד זעט די וועלט אין אַ קרומען שפּיגל.

די לייטזעליקייט, וואָס איך האָב געפונען אין די אויגן פון חבר פּאַלין און וואָס האָט געשטאַמט דערפון, וואָס ער האָט אין מיר געזען אַ מענטש אַן אינטעליגענטן, וואָס לייענט עקאָנאָמישע ביכער אויף אַ פרעמדער שפּראַך — אָט די לייטזעליקייט האָט זיך אויך איבערגעטראָגן אויף דעם מיידל מיט דעם רעוואָלווער, אין וועמענס רשות איך בין געווען. די רעוויזיע פון מיינע זאַכן איז איצט צוגעגאַנגען אַ סך גיכער. אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, וואָס איז לכתחילה פון מיר צוגענומען געוואָרן, איז מיר צוריקגעגעבן געוואָרן. איר באַנעמען איז געוואָרן מילדער, און — איך וואָלט געשוואוירן — אַ שמייכל, אַזוי זיך אַ פּראָסטער, אַ מענטשלעכער, איז געווען אין אירע אויגן.

— איר, חבר, דאָס וויפלטע מאָל זענט איר אויף „קאָמאַנדיראָווקע״? — פרעגט זי מיך. זי האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ ראַטן-באַאַמטן, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד.

איך האָב פאַרשעמט געענטפערט.

— אַנטשולדיקט, איך בעט אייך, איך בין... אַ פּוילישער בירגער...

— אַזוי...

און דאָסמאָל האָט זי אויך געשמייכלט, אָבער, דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער שמייכל.

„הייסט עס, איר זענט פון די יעניקע, פון די פאנעס"—
אַט וואָס דער שמייכל האָט געזאָגט.

פוילן איז פיל מער ווי נישט באַליבט אין ראַטן-רוסלאַנד. ווער דערין איז שולדיק, ווייסט איין גאָט. אָבער אַ פייער ברענט. אַפילו ענגלאַנד, וואָס מיט איר שטייט ראַטן-רוסלאַנד אין אַן אָפענעם טאָג-טעגלעכן קאָנפליקט, און וואָס איר רעגירונג איז דער אויסגעשפּראָכנסטער שונא פון ראַטן-רוסלאַנד — אַפילו ענגלאַנד איז נישט קיין פאַרגלייך מיט פוילן אין דער הינזיכט.

און אָט אַזוי האָט די רעוויזיר-מאַשין ביי דער גרענעץ געאַרבעט אַ שעה אנדערטהאַלבן נאָכאַנאַנד. אַלע זענען געווען פאַרהאַוועט, און אַלע זענען געווען זייער שטרענג, כאָטש העפלעך און קאָרעקט. בכלל האָט זיך געפילט, אַז עס פעלט אַ געניטע האַנט פון אַ טיכטיקן אָרגאַניזאַטאָר. צוויי-דריי דייטשן, צי אַמעריקאַנער, וואָלטן, מיין איך, געקאָנט באַזאָרגן די אַרבעט פונקט אַזוי גרינגלעך און מיט מער עקאָנאָמיע פון צייט, ווי אָט די פאַרוויקלטע מאַשין.

ווייל יעדער טוט דאָ זיין אַרבעט נישט בלויז אַלס באַ-אַמטער, יעדער בויט רוסלאַנד, בויט דעם סאָציאַליזם. דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך. יעדער, וואָס לייגט אַוועק דעם ציגל, האָט אין זין דעם בנין. דאָס איז זייער מענטשלעך און פון עסטעטישן שטאַנדפונקט זייער שיין, אָבער זייער נישט פּראַקטיש. דער, וואָס לייגט דעם ציגל, דאַרף לייגן דעם ציגל און נאָר דאָס: וואָס בעסער און וואָס פּרעציזער אים אַוועק-לייגן. פאַר דעם בנין זאָרגט דער אַרכיטעקט.

איבריקנס, איז פאַראַן גאָר נישקשה פון אַ ביוראָקראַ-טיזם אין ראַטן-פאַרבאַנד, און די „אָפּאָזיציע" האָט דעם קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם אַרויסגעשטעלט אַלס אַ לאָזונג.

עס איז מיר געווען גאַנץ קאַלט, און איך האָב איבער-געשפּרונגען פון איין פוס אויף דעם צווייטן. איינער פון די טרעגער איז אַריינגעקומען און האָט זיך געווענדט צו די זייניקע, רופנדיק מיט אַ העלער שטים און מיט פייערלעכקייט:

— חברים! דער באַגאַזש-וואַגאָן איז צוגעגרייט, לאָמיר אָנלאָדעווען!

איך האָב מיך דערמאַנט אָן דעם אַלטן רוסישן „נאָסילש-טשיק", וואָס פלעגט זיך בויגן אין דרייען פאַר דעם פּאַסאַזשיר, דעם באַרין, און האָב אים פאַרגלייכט מיט דעם איצטיקן פרייען בירגער פון ראַטן-רוסלאַנד... פרייער בירגער? — דאָס איז אַ ביסל צופיל געזאָגט און אַ ביסל צו ווייניק געזאָגט. ווייל דער פּראָלעטאַריער, דער טרעגער, אַזוי ווי דער אַרבעטער אין דער פאַבריק, איז (לויט ווי עס איז אָנגענומען צו זאָגן) דער באַלעבאָס פון לאַנד, דער וואָס הערשט, וואָס האָט די דעה — דער פּריווילעגירטער.

— לאָמיר, חברים, אָנלאָדעווען!... און דאָס האָט גע-קלונגען: נישט קיין פּראָסטע מלאכה — אָנלאָדעווען די זאַכן פון די בורזשויען, נאָר בויען רוסלאַנד, בויען דעם סאָציאַליזם.

צופיל מענטשן זענען נאָר געווען. אַ דריטל וואָלט גענוג געווען.

דער באַלעבאָס פון לאַנד, מוז איך זאָגן, האָט גאַנץ גוט באַדינט, אַריינגעטראָגן די זאַכן און געקריגן אויף טיי (און ער האָט צוגענומען!), כאָטש דאָס איז נישט דערלויבט (אויך באַלעבאַטים פון לאַנד האָבן ליב „אויף טיי"...) אָבער די שטעל, די שפּראַך זיינע און באַנעמונג, איז געווען אַן אַנדערע.

דער פּאָלקס-מענטש בכלל האָט דאָ געמאַכט אַ שפּרונג פאָרויס.

יעדער מענטש, וואָס גייט פאַרביי מיינע אויגן אין דער מדינה, רופט ביי מיר אַרויס אומגערנווילליק די פראַגע: איז ער צופרידן מיט דער נייער מאַכט, אָדער פאַרקערט, בענקט ער נאָך דער אַלטער? האָט ער וואָס געוואונען, אָדער האָט ער פאַרלאָרן, צי איז ער נאָר באַהערשט פון דעם רעזשים, אָדער איז ער דער רעזשים אַליין? דאָס איז פאַר מיר נישט קיין פּאָליטישע פראַגע, אָפּצושאַצן פּערספּעקטיוון פון דער סאָ-ציאַלער רעוואָלוציע, נאָר אַ פּסיכאָלאָגישע פראַגע, אַ ריין-

מענטשלעכע. איך בין שרעקלעך נייגיריק. אָבער מיין נייגי־ריקייט קאָן ווייניק העלפן. מענטשן, דוכט זיך, רעדן דאָ נישט, וואָס זיי פילן. און אפשר האָבן זיי אויפגעהערט צו פילן, ד. ה. זיי ווייסן מער נישט פון קיין געפיל, און נאָר מעשים, טאַט־זאַכן, די רויע ווירקלעכקייט האָט פאַר זיי א באַדייטונג.

אָבער בשעת איך האָב געהערט דעם טרעגער, וואָס האָט אויסגערופן מיט אזא שטים פון נצחון „דער באַגאַזש־וואַגאָן איז צוגעגרייט, לאָמיר, חברים, אָנלאָדעווען", דעמאָלט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער מענטש האָט נישט פאַרלוירן.

ווייל — וואָס האָט ער געהאַט צו פאַרלירן! — —

מינסקער וואַנדערונגען.

איך בין אָנגעקומען קיין מינסק שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. אַ ביסל מיד אָבער זייער אין אַ גוטער שטימונג. אַ קלייניקייט! דורכגעלאָזט געוואָרן דורך אַזוינע צוויי גרענעצן, איך בין גאַנץ, און מיינע זאַכן זענען גאַנץ, און מיין טייערער פּאַס איז ביי מיר אין טאַש אַ געשטעמפּלטער, אַ כשרער... איך פאַרזיכער אייך: דאָס איז אַ גרויס פאַרגעניגן צו קוקן אויף דיין איי־גענעם פּאַס! און פאַר דער מלחמה האָבן מענטשן ממש שיער נישט געהאַט פאַרגעסן אָט דאָס פאַרגעניגן!

אַז איך בין געווען אין מינסק צוויי טעג, האָט מיין פּאַס פאַרלוירן דעם גאַנצן חן אין מיינע אויגן. ער איז נישט גענוג. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די וויזע, וואָס איך האָב באַקומען אין וואַרשע, איז קנאַפּ. איך מוז אַרויסקריגן דאָ, אויפן אָרט, אַן ערלויבעניש צו פאַרברענגען אין רוסלאַנד, און דאָס איז, מינדעסטנס אין מינסק, זייער אַ פאַרוויקלטע פּראָצעדור. איך מוז אָנשרייבן אַ פּאַפּיר, ברענגען פאָטאָגראַפישע בילדער, איינצאָלן 6 רובל און וואַרטן... און וואַרטן.

אַ צווײ טאָג צײַט האָט דאָס בײַ מיר געדױערט, און דאָס קען אַ מענטש אַרױסבּרענגען פון געדולד.

װײַל דער חבר ראַכימאָװסקי, װאָס דאַרף מיר דאָס באַשטעטיקן (און װעמען איך האָב געפונען ערשט נאָך דעם, װי איך בין געשיקט געװאָרן פון איין קאַנצעלאַריע אין דער צװײטער) איז זײער אַ װאױלער גױעץ, אַ גוטער רוסישער מענטש, און רעדט פּאַמעלעך און ליבלעך און האָט צײַט. טענהט ער זיך מיט מיר אױס, אַז ער קאָן היינט נישט. טענה איך: איך מוז הײַנט פֿאָרן. קומט דערװײַל אַ צװײטער, רעדט ער מיטן צװײטן פּונקט אַזױ פּאַמעלעך און געמיטלעך װי מיט מיר. דערװײַל קומט אַ דריטער רעדט ער מיטן דריטן אױך — רעדן מיר אַלע צוזאַמען, און חבר ראַכימאָװסקי רױכערט אַ פּאַפּיראָס און האָט צײַט. אַ טײַערע נשמה, איר װעט אים נישט אַרױסבּרענגען פון געדולד. איר זאָגט דאָס אײַעריקע, ער דאָס זײַניקע, און שמועסן שמועסט ער גאַנץ גערן: „חבר, איך קען נישט", „חבר, מאָרגן", „חבר, איר מוזט האָבן נאָך צװײ פּאַפּירן". רעדט איר — הערט ער אײַך אױס ביז צום סוף, דאַכט זיך, זײער אױפמערקזאַם, און ענטפערט דאָס זײַניקע. אָבער אַזױ װי מיר רעדן שױן אַלע דרײַ צוזאַמען און אַנשטאַט צו שאָקלען אַהער מיטן קאָפּ (אַז ער האָט אױסגעהערט) שאָקלט ער אַהין. אַ װײַסרוסישער באַאַמטער. קאָן שלעכט די מלאכה. אָבער זײער ערנסט איז ער, זײער גוט, און היט די ביוראָקראַטישע פֿאָרמאַליטעטן ביז צום קלענסטן פּינטעלע, און װאו ער װײסט נישט זיכער איז ער מחמיר. ס'איז בכלל בעסער זיך נישט צו אײַלן. די װעלט לױפֿט נישט אַװעק.

זע איך, אַז ס'איז שלעכט, פֿאַל איך אױף אַ המצאה. און רוף מײַן ביסל יידישע חוצפה צו הילף: חבר, אַזױ און אַזױ. איך בין אַן אױסלענדישער קאָרעספּאָנדענט, מוז פֿאָרן אין די קאָלאָניעס און איך רעד אַרױס מיט אַ שאַרפֿן חיתוך-הדיבור די הײליקע נעמען: „קאָמזעט", „אָזעט" און רוף אָן מאָסקװער נעמען. און דאָס האָט געהאַט אַ שטאַרקע פּעולה.

ער האָט זיך גענומען אויפן אָרט מיר אויסשרייבן מיין בייעם פּאַס, די דערלויבעניש צו פאַרברענגען אין רוסלאַנד.

אָבערביים סאַמע סוף בין איך געבליבן שטיין געפּלעפט, עפּעס האָט זיך פאַרהאַלטן. חבר ראַכימאָווסקי האָט דער-קלערט, אַז דער פּאָרזיצער איז אַוועק מיטן שטעמפּל. נישטאָ דער שטעמפּל, ער וועט שיקן אַן עקסטרע-קוריער מיט אַ „איזוואָשטשיק" זוכן דעם פּאָרזיצער מיטן שטעמפּל. כ'האָב חושד געווען, אַז מיינע פּאַפּירן מוזן צום ערשטן גיין אין דער ג. פּ. או. (אַמאָליקע טשע-קאַ). איך האָב גערדולדיק גע-וואַרט אַ גאַנצן טאָג. און ערשט אויף צו מאָרגן האָב איך באַקומען דאָס פּאַפּיר.

איך האָב נישט שטאַרק חרטה געהאַט אויף דעם וואַרטן. געזען דערוויייל און געהערט מענטשן רעדן. אין דער קאַנצע-לאַריע האָט אַ יונגער באַאַמטער, אַ פּויערישער קאָפּ, געשמועסט מיטן צווייטן וועגן די עקזאַמענס און ווי אַזוי ער האָט זיך „אָפּגעריסן" (דורכגעפאַלן) ביי זיין אַרבעט „די פּרייזן לויט קאַרל מאַרקס", געווען עפּעס אַ מעשה וועגן אַ שפּיאָן, וואָס האָט געזאָלט אויסגעטוישט ווערן, נאָר ער וועט אינגיכן דער-שאָסן ווערן.

יך האָב געהאַט צו לויפן. קודם-כל איינצאָלן מיינע וועקס רובל האָב איך געמוזט גיין אין פינאַנץ-אַמט, און דאָרט איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, נישט צו דערשלאָגן זיך. אַן עולם אַ גרויער, דאַכט זיך, אין פּויערישע פּוטערלעך, באַ-וואַקסענע בערד. געווען איז עס אַ „נעפּ"-עולם — לויטער הענד-לער. עפּעס איז אַרויס פאַר עטלעכע טעג אַ גזירה, אַז מען דאַרף צוצאָלן צו די פּאַטענטן אַ נייע הוספה, איז עס גע-ווען דער לעצטער טאָג, און אין רוסלאַנד איז זייער שטרענג. פאַר פאַרשפּעטיקן אַ טאָג איז אַ גרויסע געלט-שטראָף, דער עולם קלאָגט זיך. איינער, הער איך, זאָגט צום צווייטן: „ווען אַלע וואָלטן געווען אַזוינע אידעאַליסטן ווי חבר לענין איז גע-ווען, וואָלט געווען נאָר עפּעס אַנדערש". — „ווען אַלע וואָלטן

געווען גוט און פרום — ענטפערט דער צווייטער — וואָס-זשע וואָ׳ט דאָס געווען פאַר אַ וועלט?״

דאָס געשפּרעך איז זייער כאַראַקטעריסטיש. עס איז אַן עולם גאַרנישט קיין פּראָלעטאַרישער: יידישע און גויאישע הענדלער צוזאַמען, וואָס מען האָט זיי נעבעך אַ קוועטש גע-געבן. אָבער אַלע ציען אויף זיך אַרויף נישט נאָר די פּ ע ל פון אַן אָרעמען מענטשן (זענען עקסטרע שלעכט געקליידט) נאָר זיי רעדן נאָך אַלע כּסדר מיטן פּראָלעטאַרישן לשון. חבר און חבר... דאָס איז בעסער און געזונטער פאַר דעם גוף און פאַר דער נשמה.

אין דעם לויפּעניש האָב איך געהאַט נאָך אַ גליק. איך האָב געטראָפן עפּעס אַזוינס, וואָס איך וואָלט אַהין מיטן גלייכן וועג קיינמאָל נישט אָנגעשפּאַרט.

איך בין געווען אין מינסק און האָב געזוכט די בורזשו-אַזיע, געזוכט ווידערשפּעניקע, וואָס זענען נישט צופרידן מיט דער ראַטן-מאַכט, וואָס טראָגן נישט קיין לעדערנע קורט-קעס און זאָגן נישט חבר, און — האָב נישט געפונען. זענען זיי נישטאָ! עס מוזן יאָ זיין, אָבער אַלץ פאַרשטעקט זיך, באַ-האַלט זיך, ציט זיך צוזאַמען, מען זאָל עס נישט אַרויסזען, עס איז נישט זייער צייט.

וואו זענען די אַלטע גבירים? — טייל אויסגעשטאָרבן, טייל זענען אין אויסלאַנד, טייל זענען געוואָרן באַאַמטע, „ספּעצן״, ביי דער ראַטן-מאַכט. דער האָטעל, וואו איך וואוין, אַ רייכער גוטער האָטעל מיט גוטע איינאָרדענונגען (אויף וויפל זיי זענען געבליבן) האָט געהערט צו דער רייכער פאַ-מיליע פּ אָ ל י אַ ק. איין ברודער איז אין פּאַריז, דער צווייטער איז אין מינסק. דעם האָטעל, האָט מען, פאַרשטייט זיך, צו-גענומען, און ער געהער איצט צו דער שטאַט-פאַרוואַלטונג. — די קינדער פון די רייכע לייט וואו זענען? — פאַרשפּרייט איבער דער וועלט. אַ פריילין פון אַ רייך הויז האָט בעסער געטאָן, אַז זי איז אַוועק ווייט ערגעץ, קיין מאָסקווע צי קיין טולע, כּדי צו זוכן אַ שטעלע און צו פאַרדינען אויף ברויט.

איפן אָרט האָט איר דער אַלטער יחוס בשום אופן נישט גע־קענט צונויץ קומען. פאַרקערט. דאָרט אין דער ווייט, אין דער פרעמד, איז גרינגער געווען צו געפינען אַ שטעל, און עס איז גרינגער געווען אָפּצוהאַקן מיטן אַלטן לעבן, ווערן אויס „באַרישניא", און צוגעוויינען זיך צו אַ פּראָסט, האַרט לעבן, וואָס עס לעבן איצט די מענטשן אין רוסלאַנד.

אָבער עס זענען דאָ נייע פאַרמעגלעכע מענטשן, אויפגע־קומענע אין דער לעצטער צייט; זיי זעט מען נישט. שטילער פאַר וואַסער, נידעריקער פאַר גראָז. עס איז אַ חרפה צו זיין רייך, און מען באַהאַלט די חרפה.

איך בין געלאָפן מיך פאָטאָגראַפירן, ווייל דער חבר ראַכימאָווסקי באַדאַרף צו האָבן דריי פאָטאָגראַפיעס (דריי פאָ־טאָגראַפיעס האָב איך שוין געגעבן אין וואַרשע, בעת איך האָב גענומען די וויזע... רוסלאַנד פאַרמאָגט איצט אַ גאַנץ טוץ פאָטאָגראַפיעס פון מיין פנים, ווייל אין מאָסקווע האָב איך מיך ווידער געמוזט פאָטאָגראַפירן), איז וויל איך נישט אַוועק־גיין ביז די פאָטאָגראַפיעס וועלן נישט זיין פאַרטיק. כאַטש האַקט מיך. איך גיי נישט. איך האָב מיך איינגעשפּאַרט גובר צו זיין די שווערפעליקייט פון די רוסישע רעדער — זיי מוזן זיך דרייען געשווינדער. איך מוז היינט אַרויסבאַקומען מיין דערלויבעניש, און אין קאַנצעלאַריע וועט זיין צו שפּעט. איך וואַרט דאָ, איך גיי נישט אַוועק — דערקלער איך. אָבער אין אַטעליע איז קאַלט, פאַרבעט מען מיך אין שטוב אַריין.

האָב איך דערזען אַ שטוב מיט ווייסע פאָרהענגלעך און מיט אַ פּיאַנאָ און מיט אַ בילד פון אַן אַלטן רב, און די הויז־פרוי איז אַהיימגעקומען מיט אַ קוישל, איינגעקויפט פון אַלדאָס־גוטס — גאָר ווי אין די אַלטע צייטן און לויטן אַלטן שניט. עס האָט זיך געפילט אין דער שטוב פאַרמעגלעכקייט און זאַטקייט, איך בין געזעסן אייגנטלעך אין סאַלאָן. און פון אַ דערבייאיקן צימער האָט איך געהערט צוויי שטימען, פון אַן עלטערן מענטש און פון אַ קינד. איך האָב צוגענויגט מיין אויער, איך האָב געלוישט, די מענטשן וואָלטן דאָס געוואוסט.

אַז דאָ שפּיאָנירט זיי איינער, וואָלטן זיי מאָמענטאַל אָפּגעהאַקט. און איך בין געווען אין דער ראָל פון אַ שפּיאָן! (מיין נייגעריקייט, מיין נייגעריקייט! צו וואָס זי קען מיך אַלץ ברענגען!) אין דער צווייטער שטוב איז פאָרגעקומען אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער אַקט. דאָרט האָט אַן עלטערער מענטש געלערנט מיט אַ קינד העברעאיש און מיט דער ספרדישער הברה (אויסשפּראַך), איך האָב געהערט ווי די סאָפּראַן־שטים האָט געלייענט „על כל צעד" און דער באַס האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש: „נאַ קאַזשדאָם שאַגו", און די סאָפּראַן־שטים נאָכאַמאָל: „על כל צעד — נאַ קאַזשדאָם שאַגו".

לאָמיך נישט זינדיקן מיט די ריי״ד, לערנען העברעאיש מיט קינדער איז אין רוסלאַנד נישט פאַרבאָטן. עס איז געדולדעט, אָדער באַגרעניצט. עס שטייט אויף דער מדרגה פון אַנדערע זינדיקע זאַכן. נאָר דריי קינדער מעגן לערנען צוזאַמען, אָבער נישט מער, ווייל מער ווי דריי קינדער צוזאַמען, הייסט דאָס שוין אַ שולע, און דאָס איז נישט דערלויבט. דערפאַר קען מען זיך גוט אָנרייסן.

און אין דערבייאיקן צימער איז געווען נאָר איין קינד. איז דאָס נישט קיין אָפּיציעלע עבירה. דאָך איז פיל בעסער, מען זאָל דאָס טאָן שטילערהייט. איינער, וואָס לערנט זיין קינד „על כל צעד — נאַ קאַזשדאָם שאַגו", און דערצו מיט דער ספרדישער הברה, איז פאַרדעכטיק אין ציוניזם, און דאָס, זעט איר, איז שוין גאָר אַן אַנדערער ענין. אויף די ציוניסטן האָט די גע־פּע־או אַן אויג. פאַר ציוניסטישער טעטיקייט ווערט מען שטרענג באַשטראָפט.

אַ העברעאישער לערער אין ראַטן־פאַרבאַנד לעבט זיך גאַנץ לעגאַל. און קיינער וועט אים נישט שטערן, און די גע־פּע־או וועט מיט אים נישט האָבן צו טאָן. ער טוט דאָס צוליב פּרנסה. אַנדערש אָבער דער איבערצייגטער ציוניסט, וואָס לערנט זיין קינד העברעאיש און מיינט עס אויף אַן אמת. אַזאַ מענטש איז אַ פאַרדעכטיקער.

מיר איז אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ העברעאישן לערער

אין מינסק. „וואָס הערט זיך? איז דאָ פּרנסה?" — וויינ־ קלאָגט ער זיך—געבליבן, אזוי ווי עס שטייט געשריבן: איינער אין אַ שטאָט, צוויי אין אַ משפּחה.

— ס'איז שלעכט איצט?—פרעג איך אים—געווען בעסער?..

עך — זאָגט ער און מאַכט אַ מינע, אַז ער איז מיט מיר נישט מסכּים — עס איז דאָך געווען אַ רעוואָלוציע מיט פּאָ־גראָמען. מען איז אַלץ מקבּל באהבה... אויף ברויט איז דאָ, אָבער אַז עס קומט צו אַ שטיקל מלבּוש איז גרויסע צרות...

און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ דירה האָט ער גראָד אַ בעסערע ווי זיינע ברויטגעבער, די פאַרמעגלעכע מענטשן. ווייל ער אַלס אַרבעט-מענטש, צאָלט ער קוים אַ צענטל דערפון, וואָס עס צאָלט אַ נעפּמאַן. אַ נעפּמאַן, וואָס וויל זיך פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן צו וואוינען אין עטלעכע צימערן, באַצאָלט דערפאַר אומדערהערטע פּרייזן. מען רייסט פון אים אַ פּאַס. קומט איינער מיט אַ ביכל פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, מעג ער זיין אַ העברעאישער לערער, ווערט ער אומעטום גאָר אַנדערש באַהאַנדלט.

וויפל איך האָב נישט געפּרוּווט אַריינצוקאָזן זיך אין אַן אינטימען שמועס מיט דעם פאָטאָגראַפיסט, האָב איך אַלץ גאָר־נישט אויסגעפירט. אַ בייזער מענטש, אַן ערנסטער, אַן אָנגע־שטרענגטער, רעדט נישט גערן. די ווענט האָבן אויערן. און ווער ווייסט, ווער איך בין...

איך האָב געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ קאָמוניסט, וואָס קען גוט די אינערלעכע פּאָליטיק אין רוסלאַנד, מכּוח דעם ציוניזם. זעט איר — האָט ער געזאָגט — מיר באַטראַכטן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם פאַר אַן אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער בורזשואַזיע, און מיר רודפן זיי. קיין צערעמאָניעס מאַכן מיר נישט, ווי איר ווייסט.

— איך מוז אייך זאָגן, אַז אונזער גע-פּע-או (און דאָס וואָרט „אונזער" איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַן אַקצענט) האָט צו טאָן נאָר מיט צוויי אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס: פון די רוסישע ווייסע און פון די ציוניסטן. און עס ווייזט זיך

אַרויס, אַז די ציוניסטן זענען אַ פיל שטאַרקערע אָרגאַניזאַציע ווי די ווייסע. אַלע ווייסע, וואָס מען האָט געכאַפּט און גע־משפּט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר געצאָלטע אַגענטן, געשטיצט פון אויסלאַנד. געקויפטע נשמות אַוואַנטוריסטן. מיט די ציוניסטן האָבן מיר אַ שווערער שטיקל אַרבעט. דאָס זענען איבערצייגטע מענטשן, און אַן איבערגעצייגטן מענטש איז שווערער צו באַ־קעמפן ווי אַן אַוואַנטוריסט, וואָס אײנער דעם אַנדערן איז גרייט אַרויסצוגעבן, ווי נאָר עס וועט זיך לוינען.

— אָבער, וואָס האָט איר צו די ציוניסטן?

— זיי זענען אַן אָרגאַניזאַציע פון דער בורזשואַזיע. דאָס אַליין איז שוין גענוג. צווייטנס, זענען זיי אָריענטירט אויף ענגלאַנד, און ענגלאַנד איז אונזער גרעסטער שונא...

אַזוי האָט מיר דערקלערט דעם ענין אַ קאָמוניסט (נישט פון די „יעווסעקן”) און איך לאָז עס, פאַרשטייט זיך, אינגאַנצן אויף זיין אחריות — אָט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט.

* * *

און איך האָב געקעמפט און איך האָב געקעמפט און האָב אויסגעפירט. איך האָב די באַרעכטיקונג צו פאַרבלייבן אין רוסלאַנד אַרויסגעקראָגן. אין נאָמען פון דער ווייס־רוסישער סאָוויעטישער רעפובליק איז מיר דערלויבט געוואָרן, מיט אַ שטעמפּל פון רויטן לאַק און מיין פאָטאָגראַפיש בילד, אויף אַ גרויסן רויטן בויגן פּאַפּיר, צו גיין פריי מיין וועג.

אָבער צרות האָב איך געהאַט דערנאָך מיט דעם פּאַפּיר. עס איז געשריבן אויפן ווייס־רוסישן לשון, און ביים איינמעלדן זיך אין אַ האָטעל אין מאָסקווע צי אין כערסאָן, האָט מען נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט שטייט געשריבן.

דאָס נייע לשון איז נאָך נישט פּאָפּולער אין לאַנד.

IV

מען פילט זיך אין רוסלאַנד ווי נאָך אַ קראַנקייט.

אין יידישן פאָלקס-געריכט אין מינסק האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען פאַרשידענע טיפּן פון דער יידישער פאָלקס-מאַסע. די משפטים אַליין ווי די משפּטים. עס לאָזט זיך הערן אויף דער וועלט, און עס איז שוין נישט איינמאָל באַשריבן געוואָרן, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ געריכט אויף דער יידישער שפּראַך. מיר איז געווען נאָכמער אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיטן עולם, און הערן, וואָס מ'רעדט צווישן זיך, נישט נאָר פאַר דעם באַריער פון דעם ריכטער און זיינע צוויי ביי־זיצער. צייט איז געווען גענוג, ווייל די בירגער-ריכטער האָבן זיך פאַרשפּעטיקט אויף אנדערהאַלבן שעה, איז מען געזעסן אויף די בענק אָדער געשטאַנען, און מען האָט געטרויכערט געשמאַק, און אַ פּיצעלע קינד האָט געוויינט ביי אַ יונגער מוטער אויף דער האַנט, און דער עולם איז געווען ריידעוודיק, אַזוי ווי אין בית-המדרש צווישן מנחה און מעריב (וואָסערע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע פאַרשטעלונגען עס קריכן מיר אין קאָפּ אַריין!)

צורעד איך זיך מיט אַ יידן וועגן דער לאַגע. אייגנטלעך איז ער, אויב איך וויל וויסן, דאָס הייסט, אויב מען זאָל וועלן אַריינקוקן אין אמת פון דער זאַך — אַן אַרבעטאָרער, דאָס הייסט, אַ מענטש פון אַרבעט: „טרודאָוואָי עלעמענט”

אלא וואָס דען? שייך צו זאָגן, ער אַרבעט נישט? אַרבעט ווי א פערד, ווי אַן אייזל. די שכנים, וואָס וואוינען ביי אים אין הויז, לאָזן דען א וואָך אָפּרוען, און א טאָג יאָ? דאָ א קליאַמקע, דאָרט — דער בוידעם, היינט ביי דעם דער קוימען, מאָרגן ביי יענעם דעם קעלער, און דאָס אַלץ מוז מען טאָן אליין. פאַריאָגט און פאַרפּלאָגט איז מען פון אינדערפרי ביז אויף דער נאַכט. און מיט דער מיליציע איז עפּעס שייך צו זאָגן... א האָרעוואַניע און א פּלאָגעניש, און מישטיינס געזאָגט— וואָס מען ציט איין אינגאַנצן דירה-געלט? אַז זיי (די באַלשע-וויקעס) גיבן דיר עפּעס צוריק, קאָן דאָס שוין האָבן א ווערט?— פרעג איך אייך.

— א שטייגער וויפל איז ווערט דאָס הויז, וואָס מען האָט אייך צוריקגעגעבן?

— פאַרשטייט זיך, נישט מער, ווי פינף טויזנט רובל ווערט, ווייל מער גיט מען נישט צוריק. מיינט איר, איך בין דאָס אַזוי געלאָפן צוריקנעמען? — און דאָ האָב נאָך צו טאָן און משפט זיך...

געמשפט האָט ער זיך מיט דעם „אינוואַליד".

דערדאָזיקער אינוואַליד האָט געמאַכט פריילעך דעם גאַנצן עולם, ווייל נישט אויפן אויער האָט מען דערציילט, נישט קיין סוד איז דאָס געווען, נאָר אָפן פאַר אַלע איז אַרומגערעדט געוואָרן זיין אינוואַלידנטום. ער פאַרמאָגט ביידע יידישע קראַנקהייטן. און דאָס איז א פאַרמעגן!

ער איז געזעסן אויף א באַנק, א קליין יידעלע מיט אַן אויסגעקראָכן בערדל, א שמוקלער געווען. פאַרנעמט ער אין דעם הויז דריי צימערן. איז אָבער די מעשה, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר א קאָמיסיע פון דער „סאָצסטראַך" (סאָ-ציאַלע פאַרזיכערונג) און זי האָט אים, נאָך א גרינדלעכער בדיקה, אַריינגעשטעלט אין דעם צעטל פון די אינוואַלידן, וואָס האָבן דאָס רעכט אויסצוהאַלטן צו ווערן פון דער געזעלשאַפט, איז ער א מיוחס, פילט זיך זייער שטאַרק ביי זיך, ווייל דער בירגער-ריכטער וועט אים נישט טאָן קיין עוולה. דער באַלעבאָס

פון הויז, דער וואָס טיטולירט זיך אַליין „טרודאָוואָי עלעמענט", טענהט, אַז אַזאַ בירגער האָט געטוג איין צימער. וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז ער מוז פאַרנעמען דריי צימערן, בשעת דער מאַנגל אין דירות איז אַזוי גרויס? ער, דער באַלעבאָס אַליין, וואוינט אין איין שטוב, און קאָכט דאָרט אויף אַ פּרימוס-מאַשינקע, ווייל דער שכן וויל אים (דעם באַלעבאָס!) נישט אַריינלאָזן צו זיך אין קיך אַריין. ער איז אַ געריבענער יונג דער באַלעבאָס, דער „טרודאָוואָי עלעמענט", אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, שטאַרק, פעסט, געזונט, געמוזט אמאָל זיין אַ גרויסער תקיף. מיר דוכט זיך, אַז ער מוז האָבן אַ שוואַכקייט צו משפטן זיך, ער האָט דאָס ליב געהאַט, און אַזוי ווי לויט זיין מיינונג, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צייטן, פּרוּווט ער ווידער אַריינצו-גיין אין זיין אַלטער ראָלע און אַרויסווייזן זיין תקיפות. זיין ענין (דיעלאָ) איז האָפנונגסלאָז. דאָס ווייסן אַלע אין געריכטס-זאַל. ער ווייסט דאָס מסתמא אויך. אָבער... ער פּרוּווט זיך. ער פאָדערט „יושר".

און דאָס יידל, דער אינוואַליד, זיצט זיך רואיק, און קוקט מיט אַ פּאָר קליינע כיטרע אויגן פון אונטער דעם קאַש-קעטל אַרויס.

— מען ווייסט, ווער איר זענט! — זאָגט ער נאָך אַ לאַנגן שווייגן. — „טרודאָוואָי עלעמענט"... און מאַכט אַ באַוועגונג פון ביטול מיט דער האַנט. דער בירגער-ריכטער וועט מיר נישט טאָן קיין עוולה.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

צו וואָס זשע האָט ער זיך גענומען לאָדן? — דער באַ-לעבאָס האָט זיך זיין לאָגיק. נישט היינט איז מאָרגן. אָט וואָס ער טראַכט וועגן דער לאַגע אין גאַנצן, אין גרויסן. ער האָט אַ פילאָזאָפיע, און ער דערקלערט זי מיר גאַנץ אָפן...

— האָט איר שוין געזען אַ טיפוס-קראַנקער גייט אַראָפּ פון בעט, ער זאָל באַלד זיין גלייך מיט אַלע מענטשן? ניין. צום ערשטן מאַכט ער אַ טריט, פּרוּווט מיט אַ שטעקן, דער-נאָך צוויי טריט... פּאַמעלעך. אָבער, פאַרשטייט איר מיך, איין

טאָג און צוויי טעג און ער שטעלט זיך אויף די פיס, און איז גלייך צו אַלע מענטשן. אַט אַזוי איז דאָס.

זיין אָפּשאַצונג, ווי איר הערט, איז, אַז די פּאָליטיק אין לאַנד גייט אויף צוריק. מען גיט אָפּ צום ערשטן די קליינע הייזער, דערנאָך וועט מען צוריקגעבן די גרויסע, און עס וועט ווידער צוריקגעשטעלט ווערן די אַלטע אָרדענונג... פּאַמעלעך — פאַרשטייט זיך. „די וועלט וועט בלייבן וועלט״.

איך מיין אייגנטלעך, אַז ער האָט אַ טעות, דער ייִד. עס האַלט נישט אין רוסלאַנד ביים מאַכן ווייטערע קאָנצעסיעס דעם נעפּמאַן און דעם פּריוואַטן אייגנטום. אין דער נאָענטסטער צייט — געוויס נישט. פאַרקערט, קען מען רעכענען, אַז די פאָדערונגען פון דער „אָפּאָזיציע״ אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מען זאָל געבן אַ קוועטש דעם פּויער און דעם נעפּ-מאַן, וועלן (מינדעסטנס בנוגע דעם לעצטן) אויסגעפירט ווערן. די „אָפּאָזיציע״ האָט מען גענומען פאַרן קאַרג און אַרויסגע-וואָרפן, אָבער מיט אירע אָנווייזונגען וועט מען זיך געוויס רעכענען. די נעפּלייט האָבן דאָס שוין אָנגעהויבן צו פילן. אָבער דער ייִד איז אַן אַלטער תקיף, מיט ענערגישע אויגן, און האָט זיך זיינע תּקיפישע מיינונגען.

אָבער זיין משל מיט דעם קראַנקן, וואָס שטייט אויף פון בעט, איז אַ גוטער משל.

דאָס איז די שטימונג פון דעם דורכשניטלעכן מענטש, וואָס איר טרעפט דאָ. וואָס האָט מען אַלץ נישט דורכגעלעבט און דורכגעליטן די לעצטע יאָרן? הונגער, מלחמה, רעוואָלוציע, בירגער-קריג, באַנדעס, פּאָגראָמען, מגפות... און ביי אַלע מענטשן, כמעט, איז די נשמה שטענדיק געהאָנגען אויף דער שפּיץ נאָז, לעבן און טויט האָבן זיך געוויגט אויף דער וואָג-שאָל. און הונגעריק איז מען געווען שטענדיק — ווער האָט געגעסן צו דער זעט? און אָפּגעריסן זענען אַלע געגאַנגען, און ווער ס׳האָט אַפילו געהאַט אַ גאַנצן בגד, האָט פּשוט מורא געהאַט צו ווייזן זיך אין אים אויף דער גאַס. וואָס יעדער מענטש האָט דורכגעלעבט, דאָס איז אַ גרויס בוך אָנצושרייבן.

און אָט לעבט מען איצט. דאָס לעבן איז שווער, אָבער זיכער, און ברויט איז דאָ, ווייסע בולקעס (פאַר אַלע! פאַר אַלע! פאַר אַלע!). מען הונגערט נישט אין רוסלאַנד. און באָרשטש איז דאָ, און אַ גרויס שטיק פלייש דערין, און אַ הערינג איז אויך נישט קיין חזיר. און אַ פּאָר שטיוול טראָגט מען, שווערע, נישט-עלעגאַנטע, טייערע, אָבער — שטיוול אויף די פיס! מייינסטנס גאַנצע, כאָטש איינגעטונקטע אין בלאָטע און אויסגעקרומטע, און אַ לעדערנע קורטקע טראָגט מען, צי אַ פויעריש פוטערל, און אַ גאַנצן קאַשקעט אויפן קאָפּ, און ווייבער פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל (אַ קאָמסאָמאָלקע טראָגט אַ רויט טיכל אויפן קאָפּ). עסט מען די בולקע מיט אַפּעטיט, געשמאַק, מען פילט נאָך דעם טעם פון עסן צו דער זעט, און די אָרעמע גראָע קליידונג איז דאָך פאָרט גאַנץ און וואַרעמט דעם גוף. דאָס לעבן איז שווער, אָבער הנאה האָט מען דערפון מער, ווי דער רייכסטער מענטש קען הנאה האָבן פון לעבן — אָט טאַקע אַזוי ווי דער קראַנקער, וואָס שטייט אויף פון בעט און איז זיך מחיה מיט אַלצדינג... אַזאַ געפיל איז אין רוסלאַנד ביי דעם דורכשניטלעכן עולם.

דער מינימום, וואָס איז נויטיק אויף אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון אַ מענטש, דער קערפּער זיינער זאָל באַקומען די נויטיקע קאַלאָרן, ער זאָל האָבן וואו אַנידערצולייגן דעם קאָפּ, וואו אָפּצורוען (אויף דערויף זענען פאַראַן קלובן אָן אַ צאָל) — דער מינימום איז דערגרייכט, און נאָך די דורכגעלעבטע צייטן איז דאָס געגליכן שיער נישט צו גליק.

אמת, אויב איר זאָלט פּרואוון מענטשן פון אַן אַנדער מדינה, וואָס האָבן נישט דורכגעלעבט דאָס אַלץ, וואָס רוסלאַנד האָט דורכגעלעבט — אויב איר זאָלט זיי פּרואוון אַריינשטעלן אין די באַדינגונגען, וואָס אין זיי לעבן איצט די מענטשן אין רוסלאַנד, וואָלטן זיי זיך געפילט, מיין איך, נישט זייער גליק-לעך. מען וואָלט עס קוים אויסגעהאַלטן. איך ווייס נישט, ווי עס איז די לאַגע פון די אַרבעטאָרער אין די גרויסע פאַבריקן (זיי זענען דאָך דאָס אויבערשטע פון שטויסל און פאַרנעמען

די סאָציאַלע פּאָזיציע, וואָס אין אַן אַנדער לאַנד פֿאַרנעמט די אַריסטאָקראַטיע, און זיי געניסן אויך פֿון אַלע מעגלעכע פּריווילעגיעס), ווענן דעם האָבן עקאָנאָמיסטן דאָס וואָרט. און ווענן דעם, וואָס ווייטער וועט זיין — האָט די „אָפּאָזיציע" וואָס צו זאָגן. דער דורכשניטלעכער אַרבעט-לוין איז נאָך אַלץ נידריקער פֿון פֿאַר דער מלחמה מיט אַן ערך 10%, אָבער דאָ מוז מען באַרעכענען די אַלע פּריווילעגיעס, וואָס דער אַרבעטער קריגט (אָפּרו, קראַנקן-שטיצע, זאָרג פֿאַר זיינע קינדער א. אַז. וו.) און וואָס מאַכן אויס געוויס מער ווי די 10% וואָס פֿעלן. אָבער מענטשן זענען דאָך פֿאַראַן אין רוסלאַנד איבער 130 מיליאָן און די אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע ציילט פֿון צוויי ביז דריי מיליאָן מענטשן...

און אויך דער אַרבעטער-אַריסטאָקראַטיע פֿעלט אַ סך, אַ סך צו דעם מינימום, מיט וואָס אַן אַרבעטער לאָזט זיך צופֿרידנשטעלן אין דייטשלאַנד, שוין נישט צו רעדן פֿון אַמעריקע.

אָבער גליק איז דאָך סוף-כּל-סוף נאָר אַ רעלאַטיווער ענין, און אַ סוביעקטיווער. פֿאַראַן אין רוסלאַנד — און דאָס האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן באַלד די ערשטע טעג, וואָס איך בין געווען אין מינסק — אַ לעבנס-הייטערקייט. מענטשן זען נישט אויס דערשלאָגן. דער קאָפּ איז אויפֿגעהויבן, די אויגן קוקן דרייסט, דער טריט איז אַ זיכערער און מען עסט ווייסע בולקע...

איך האָב אין קיין שום שטאָט אויף דער וועלט נישט געזען עסן בולקע מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי איך האָב דאָס געזען אין מינסק. און איך פֿאַרזיכער אייך, אַז אַ יידישער בחור, וואָס אַרבעט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, האָט מער הנאה פֿון זיין גלאַנצעדיקער לעדערנער קורטקע, ווי אַ גביר פֿון זיינע טייערסטע מלבושים.

איך וויל נישט זאָגן, אַז די מענטשן פֿילן זיך גליקלעך, פֿילן זיך צופֿרידן. איך פֿלעג אַ סך מאָל, זייענדיק אין פֿאַרשידענע שטעט, טראַכטן: וואָס וואָלט דאָס געווען, ווען איך

זאָל אָפּשטעלן 100 פון די ערשטע בעסטע מענטשן, וואָס גייען פאַרביי און זיי פרעגן:

— איר זענט צופרידן פון דער נייער אָרדענונג? יאָ צי ניין!

און איך האָב מיר אַליין געענטפערט: 95 פון הונדערט וועלן ענטפערן: ניין, נישט צופרידן.

און נאָך אַן אַנדערע פראַגע:

איך וועל די אייגענע הונדערט מענטשן שטעלן די פראַגע:

— ווילט איר, אַז די ראַטן-מאַכט זאָל פאַלן? יאָ צי ניין?

און איך בין ווידעראַמאָל זיכער, אַז 95 פון הונדערט וועלן ענטפערן: ניין! מיר ווילן נישט די ראַטן-מאַכט זאָל פאַלן!

דאָס זעט אפשר אויס, ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אַן אײַנגערלעך געפּיל זאָגט מיר אונטער, אַז דאָס איז דער ריינער אמת.

און דער זעכציק-יעריקער ייד, דער תּקיף, האָט זייער שלעכט אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע ליניע, וואָס ווערט איצט געפירט אין רוסלאַנד. ווייל ווען ער איז געקומען פאַר דעם באַריער פון ריכטער און מען האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— בירגער אַזוי און אַזוי, אייער סאָציאַלע שטעלונג?

און ער האָט געפּרואווט, ווי פאַר מיר, צו דרייען מיט דער צונג, איז געוואָרן אַ געלעכטער אין זאַל, און דער ריכטער האָט ערנסט, מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, אַרויסגעלייענט פון די אַקטן (די איניאַנים — הייסט דאָס אויפן נייעם יידיש), אַז ער איז דער באַלעבאָס פון אַ הויז, וואָס איז אים ערשט נישט לאַנג צוריקגעגעבן געוואָרן.

און דער אינוואַליד איז מיט זיינע צוויי יידישע קראַנקהייטן געשטאַנען פאַר דעם ריכטער, און געענטפערט אויף דער פראַגע: „סאָציאַלע שטעלונג?"

— אַ מיטגליד פון אַ פּראָפאַריין.

איז דעמאָלט זיין תּקיפות אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און עס פאַרשטייט זיך, אַז דעם משפט האָט ער פאַרשפּילט, און דער אינוואַליד איז געבליבן אין זיינע דריי צימערן.

אָבער אַז אין רוסלאַנד פילן זיך די מענטשן אַזוי, ווי מען

פילט זיך נאָך אַ שווערער קראַנקייט — אָט מיט דער אָפּשאַצונג איז ער גראָד געצעכט געווען.

מען האָט הנאה נישט נאָר, ווען מען עסט ווייסע בולקע, נאָר ווען מען זעט אַ רעדל דרייט זיך אין אַ מאַשין, קלויבט מען נחת.

אין מיין האָטעל האָט עטלעכע טעג פאַר מיין אָנקומען זיך אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אַ ווינדע, איז מען געלאָפן אויף חידושים אָנקוקן, ווי די מאַשין פאָרט אין דער הויך.

שול-קינדער פלעגן שטיין פאַר דעם האָטעל און ווען איך בין דורכגעגאַנגען, פלעגן זיי מיך צורופן:

— פעטער, נעם מיך מיט אַרויף!

און פון זייערע יונגע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ מאָדנע התפעלות: „וואָס רוסלאַנד קאָן אַלץ! עס פאָרט"...

V

יידישע קולטור־טעטיקייט אין ווייס־רוסלאנד.

אז אין מינסק ביים וואָקזאַל איז דאָ אַן אויפשריפט אויף יידיש — האָט איר געהערט? — מסתמא, געהערט. נו, קוקט אייך גוט אָן די אויפשריפט, קלויבט נחת און האָט הנאה צו דער זעט. ווייל אין נאָך פיל אַנדערע שטעט אין רוסלאַנד וועט איר דאָס נישט געפינען, אַפילו נישט אין אַזוינע יידישע שטעט ווי אָדעס, קיעוו, אין אוקראַינע. אויך דאָ אין ווייס־רוסלאַנד נישט אויף אַלע וואָקזאַלן.

די סטאַציע איז קאַרג באַלויכטן, אָבער מיין יידישיס־טישער פּאַטריאָטיזם האָט גליק, ווייל די אויפשריפט מינסק טיילט זיך אויס פון דער פינסטערניש. זי קומט אויס פונקט קעגן לאַמטערן. און איך וויל אייך אָפּגעבן אַ גרוס פון איר: די סמך פון מינסק האָט זיך זייער אויסגעצויגן אין דער ברייט, אַזוי ווי אַ סופר טוט, בשעת ער דאַרף אויסצופילן אַ שורה.

און איך דערמאָן עס אַנטקעגן דעם, וואָס די יידישע אויפשריפט אין מינסק איז נישט בלויז קיין דעמאָנסטראַציע,

און נישט בלויז קיין „פאָליטישע ליניע”. אין מינסק איז דאָ אַ יידיש קולטור-לעבן. איך האָב דעם איינדרוק: מער ווי אומעטום. מער ווי אין דער אוקראַינע. און אויב נישט מער, טאָ אויף יעדן פאַל איז דאָס קולטור-לעבן דאָ ריינער, זאַפטיקער, ווי ערגעץ-אַנדערש, וואו עס טראָגט זיך פון דער נייער יידישקייט אַ ספּעציעלער, שטיקנדיקער גערוך פון דעם מאָסקווער יעווסעקנטום.

מינסק איז אַן אַלטע יידישע שטאָט, יידיש אין אַלטן טראַדיציאָנעלן זין און יידיש אין מאָדערן-פאָלקסטימלעכן זין.

דאָ זענען אַמאָל געווען די גרויסע רבנים און באַרימטע מגידים, און דאָ, אויף די בלאָטיקע גאַסן און געסלעך, איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון נישט איין יידישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. דאָ איז שטענדיק געווען אַ יידיש מאַסן-לעבן. די אוקראַינע איז שטענדיק געווען מער רוסיפיצירט. דער קרעמער האָט אויך דאָרט גערעדט יידיש, אָבער ער האָט די שפּראַך נישט אנערקענט. די יידישיזאַציע פון אוקראַינע איז דעריבער מער אַ דרוק פון אויבן, אַ „פּאָליטישע ליניע”, אַ טייל פון דער דיקטאַטור. אין דער צייט פון די יידישע מיניסטעריומס אין אוקראַינע האָט די יידישיסטישע באַוועגונג געהאַט כאָטש אַ ביסל וואַרעמקייט, נאַציאָנאַלן פּאַטאָס. איצט אָבער, לויט דער שיטה פון טשעמערינסקי, ליטוואַקאָוו און אסתּר פרומקין, טאָר מען אַזוינע זאַכן, ווי נאַציאָנאַלן פּאַטאָס און יידישיזם, נישט דערמאָנען, ווייל זיי קענען, חלילה, אַ מענטשן אַראָפּפירן פון גלייכן וועג, אים דערפירן ביז... צו קליינבירגערלעכקייט. די נעצן פון קליינבירגערלעכער זינדיקייט ליגן אויסגעשפּרייט, און שוואַכע נשמות קענען דאָרט געכאַפּט ווערן.

די אָנפירער פון דער יידישער סעקציע האַלטן, אַז זייער הויפּט-אויפגאַבע איז אָפּצוהיטן די יידישע גאַס פון אַפּיקורסות, פון קליינבירגערלעכער טומאה. אַלץ איבעריקע איז

בײַ זיי אַ נעבן-זאַך. דער עיקר — דער עיקר איז צו פֿאַר-זאָרגן די נשמות. דער דאָזיקער גײַסט לויערט אויף אַלצדינג, האָס זיי טוען. איך האָב זיי אָנגעקוקט און מיר האָט זיך גע-דאַכט, אַז זיי גייען נאָך אַלע באַוואָפֿנט מיט ביקסן און שיסן... אויף גײַסטער, פֿאַרשטייט זיך. יידישע גזלנים! דער מי-ליטערישער קאָמוניזם האָט זיך לאַנג שוין אויסגעלעבט אין ראַטן-פֿאַרבאַנד; קיינער זוכט נישט צו טראָצן, צו שאַפֿן קאָנ-פֿליקטן. ס'זענען דאָ אַנדערע דאגות אויפֿן קאָפּ. פֿאַרקערט: עס מערקט זיך אַ טענדענץ אָפּצולאָזן די לייצעס אין קולטור-ענינים. אָבער אויף דער יידישער גאַס דרייען זיך נאָך אַרום „יעווסעקן" (נישט אַלע, פֿונדעסטוועגן) אין פֿולער באַוואָפֿנונג און שיסן — פּיף-פּאַף! זאָלן זיי עס מיר מוחל זיין, זיי זענען אַ ביסל דאָן-קישאָטיש, פֿאַרשפּעטיקטע ריטער פֿון דער גרוי-סער רוסישער רעוואָלוציע,

אָבער זיי גיבן דעם טאָן.

און זייער קולטור-בויאונג איז דעריבער אַ שיסנדיקע. איך האָב נישט קיין איבעריקע אמונה אין אַזאַ „קולטור".

טראָץ דער גאַנצער פֿאַרצווייגטער אַרבעט פֿון שולן, סע-מינאַרן, פֿאַקולטעטן, האָב איך קיין יידישע קולטור-אַטמאָספֿערע נישט געטראָפֿן אין דער אוקראַינע. אָבער אַ יידישע קולטור-אַטמאָספֿערע איז פֿאַראַן אין מינסק, אַ פֿאָלקסטימלעכע און געזונטע.

אַפֿילו דער אָפֿיציעלער אָרגאַן פֿון די יידישע קאָמוניסטן אין מינסק, דער „אָקטיאַבר", האָט מער פֿאַרוואָרצלטקייט אין יידישן לעבן, ווי דער מאָסקווער „עמעס", און אַפֿילו מער, ווי דער כאַרקאָווער „שטערן".

איך זאָג: דער „אָקטיאַבר" האָט „מער פֿאַרוואָרצלטקייט" און איך מוז באַלד מאַכן אַ באַמערקונג צו מיינע ווערטער. דאָס הייסט נישט, אַז ער איז דער אויסדריקער פֿון די שטי-

מונגען ביי די מאסן, און איך ווייס אויך נישט, צי אפילו די שטימונגען פון די ארבעטער דריקט ער אויס. אזוי ווייט האלט עס נישט. איר טארט אויף קיין איין רגע נישט פארגעסן, זייענדיק אין ראטן-פארבאנד, אז איר לעבט אונטער א דיקטאטור, וואס ווערט דורכגעפירט מיט אן אייזערנער האנט. אבער אלץ אויף דער וועלט איז דאך רעלאטיוו. פארהעלטנישמעסיק הערט זיך אין „אקטיאבער" מער דער אפקלאנג פון א מאסן-לעבן, אזוי צו זאגן, די שטים פון פאלק, ווי אין מאסקווער „עמעס", וואס ווער ס'האט אים ליב איז שווער צו זאגן, אבער פארהאסט איז ער, וואס קיין ארגאן אויף דער וועלט איז אפשר נאך נישט אזוי פארהאסט געווען.

אפילו די יידישע ערד-איינארדענונג, דידאזיקע באוועגונג, וואס האט אויפגעטרייסלט די יידישע מאסן, איז אין ווייס-רוסלאנד מער פאלקסטימלעך, האט מער ארויפגעלייגט איר שטעמפל אויף דעם גאנצן אנבליק פון לעבן, איז געזונטער (לויט מיין מיינונג) און פול-בלוטיקער ווי ערגעץ אנדערש. זי איז געוואקסן פון די קליינע שטעטלעך ארויס, ארגאניש און געזונט, און אירע דערפאלגן, טראץ די באגרענעצטע געלט-מיטלען, וואס זי האט געהאט, זענען גוואלדיק גרויס. ביז 8 טויזנט יידישע פאמיליעס (40,000 נפשות) לעבן איצט אין ווייס-רוסלאנד פון ערד-ארבעט, און וועגן זייערע פאקטישע דערגרייכונגען האט דערציילט די אויסשטעלונג פון דער יידישער לאנדווירטשאפט אין מאסקווע אין דער צייט פון דער קאנפערענץ פון „אזעט". געהייסן האט עס: „די אויסשטעלונג פון דער יידישער לאנדווירטשאפט"; אויסגעשטעלט האט פאקטיש נאר ווייס-רוסלאנד; דרום-רוסלאנד און קרים האבן געשיקט בלויז... ליטעראטור, פראגראמען, צייכענונגען, פלענער. אבער לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן, און אין זייער א שיינער, באלערנדיקער צאל, האט געשיקט ווייסרוסלאנד. דידאזיקע „יידישע ווייס-רוסישע לאנדווירטשאפטלעכע אויסשטעלונג" (אזוי דארף זי הייסן) האט ארויסגערופן די אנטציקונג פון אלע באזוכער. די אויסגעשטעלטע פראדוקטן האבן גערעדט קלארע רייד. זיי

האָבן באַוויזן, אַז נישט נאָר די יידן טויגן זיך צו ערד-אַרבעט, און אַז זיי קאָנען טאָן, וואָס אַנדערע קאָנען, נאָר אויך, אַז זיי קאָנען עפּעס אויפטאָן אין דעם ענין פון ערד-אַרבעט. די יידן האָבן אַרויסבאַקומען בעסערע פּראָדוקטן פון דער ערד, ווי די אַרומיקע פּויערים, זיי האָבן פאַרזייט די זאַכן, וואָס זענען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו דער נאַטור פון באָדן. צו דער מאָדערנער ערד-אַרבעט פאָדערט זיך אַ געוויסע מאָס אינטעליגענץ און נישט נאָר בלויז פיזישע כּוחות. דער יידישער אַגראָנאָם פון ווייס-רוסלאַנד איז אַ פאָלקס-מענטש אין פולן זין פון דעם וואָרט, אַ מענטש פון דער מאַסע, באַהאָפטן מיט איר. ער איז מיט-געווען אויף דער אויסשטעלונג און געגעבן די דערקלערונגען אין אַ גוטן, אַ ביסל האַרטן, מינסקער יידיש, און עס האָט זיך געפילט אין יעדן וואָרט זיינעם, אין דער גאַנצער באַנעמונג, ווי ליב ער האָט די זאַך. מיר האָבן אַלע (אויך דאָרט — אין מאָסקווע) אָנגעקוואָלן פון דעם יידישן בחור, דעם אַגראָנאָם אין די שטיוועלעס און אין ווייסן פוטערל.

אויף דער „אויסשטעלונג" איז געווען קאַלט, די צימערן זענען נישט געווען געהייצט, און מען האָט געכאַפּט אַ ציטער. און דער בחור איז אַזוי געשטאַנען שעהן נאָכאַנאַנד און האָט דערקלערט, און די אויגן האָבן ביי אים געלויכטן. אַבי נאָר מען האָט אים געוואָלט הערן. עס זענען געקומען אַרבעטער, אינטעליגענטן, בורזשויען און בורזשויקעס (למשל, איך דער „בורזשוי" האָב באַזוכט די אויסשטעלונג צוזאַמען מיט דער „בורזשויקע" קלאַרע יאַנג), און אסור, אויב דער אַגראָנאָם אין די שווערע שטיוול האָט געמאַכט אַן אונטערשיד. ער האָט אונדז געוויזן דעם ווייץ און דעם גוואַלדיק גרויסן רעטעך און דעם קעז (מיר האָבן געמוזט פּרובירן), און איז גאָרנישט מיד געוואָרן, און ביים אַוועקגיין האָט ער אונדז אונטערגערוקט אַ בוך, וואו מיר זאָלן פאַרצייכענען אונזערע איינדרוקן פון דער אויסשטעלונג.

אַ פּוילישער זשורנאַליסט, געקומען פון דער פּוילישער רעגירונגס-פּרעסע, האָט זיך צעגאָסן אין לויב-געזאַנגען, גע-

שריבן אויף פוילישׂ, — און גאָרנישט. קלאָרע יאָנג האָט גע־ שריבן עפּעס זייער שיינע ווערטער: ווייבערישע און אַרטיס־ טישע. איך האָב אָבער אַ נאַטור (אַזוי ביי אַלע מיינע קאָלעגן), אַז איך געדענק נישט, וואָס אַנדערע שרייבן. איך געדענק אָבער, וואָס איך האָב אַריינגעשריבן אין דעם בוך מיט אַ ציטערדיקע האַנט, יאָ, מיט אַ ציטערדיקער האַנט, ווייל ס'איז געווען קאַלט, און מיר האָט זיך געוואָלט גיכער גיין ערגעץ אַנוואַרעמען.

איך האָב געשריבן:

„ווערטער צעשיידן; מעשים פאַראייניקן. די יידישע ערד־ איינאָרדענונג האָט נענטער געבראַכט די יידישע אינטעליגענץ פון ראַטן־פאַרבאַנד צו דער יידישער אינטעליגענץ פון גאָר דער וועלט״.

דאָס מיין איך מערעזשינען, דעם שטילן, סאָלידן אַרבעטער אויף דעם געביט פון דער יידישער ערד־איינאָרדענונג, וואָס מיינט נישט דעם שאָס, דעם פּיף־פּאַף, נאָר טאַקע די אַרבעט. דאָס מיין איך דעם בחור אין די שטיוואַלעס פון ווייס־רוסלאַנד, וואָס איך ווייס נישט זיין נאָמען! אים און הונדערטער אַזעלכע וואוילע בחורים ווי ער. ביי אַזאַ איבערגעגעבנקייט געדייעט אַן אַרבעט.

*

*

איך האָב באַזוכט אין מינסק דעם אינסטיטוט פאַר יידישע לערער. (איך האָב פאַרגעסן זיין אָפיציעלן נאָמען. אַנטשולדיקט. איך מאַך מיר נישט קיין נאָטיצן פון קיין רייזע און איך פאַרלאָז מיך אויף מיינע געהירן, וואָס רעגיסטרירן נאָר „איינ־ דרוקן״). די אינסטיטוציע איז נאָך נישט איינגאַנצן איינגע־

אָרדנט. עס בויט זיך. אָבער די אַרבעט איז דאָרט אַוועקגעשטעלט אויפן מאָדערנסטן אופן, און מאַנכע זאַכן איבערראַשנד. די ביאָלאָגישע זאַמלונג באַשטייט כמעט אינגאַנצן פון די עקזעמפּלאַרן, וואָס די שילער האָבן אַליין צוזאַמענגעקליבן אויף עקסקורסיעס. אַלץ וואָס געפינט זיך אויפן ווייס-רוסישן באָרג, אין ווייסרוסלאַנדס וואַסערן, זומפּן און וועלדער (פאַרשטייט זיך, נישט קיין גרעסערע חיות, וואָס מען זעט אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן), איז דאָ מיט מי צוזאַמענגעבראַכט. די שילער און שילערינס האָבן דאָס מיט אייגענע הענט אויפגעזוכט, אונטער דער אָנפירונג פון דער לערערין.

אַ מערקווירדיקער טיפּ אָט די לערערין. זי רעדט מיט מיר יידיש, געאַרבעט איר לעבן-לאַנג אין רוסישע שולעס, עס קומט איר אָן שווער דאָס יידיש-רעדן, אָבער זי וויל נישט, זי וויל נישט רעדן רוסיש. פעלט איר אַ וואָרט, בלייבט זי שטיין, און פרעגט, ווי מען זאָגט אויף יידיש.

זי פרעגט חבריש ביי די שילערינס, יידישע מינסקער מיידלעך, זייער פּראָסט אָנגעטאָן, פון אָרימען שטאַנד, און מיט צעשויבערטע האָר (נישטאָ דער מנהג פון פאַרקעמען זיך אין מינסק!). זיי אַרבעטן פלייסיק, די מיידלעך, זיי באַאָבאַכטן עפּעס אַ ספּעציעלן מין פון דער ווייס-רוסישער פלאָראַ. לערנען זיי די לערערין יידיש זיך אויסצודריקן, און די לערערין לערנט זיי נאַטור-וויסנשאַפט. אַ גוטער טויש.

אין אוקראַינע רעדן די יידישיסטישע טוער מייסטנס צווישן זיך רוסיש, און פאַרלאַנגען פאַרלאַנגט מען פון עולם — יידישיזאַציע.

און זי האָט זיך איר פאַנאַטיזם, אָט די לערערין. זי האַלט מלחמה מיט דער אידעע פון פּראָגרעס אין דער נאַטור-אַנטוויקלונג. פאַראַן צופּאַסונג צו דער סביבה, און די צופּאַסונג – אַזוי זאָגט אַ נייע שיטה אין דער נאַטור-וויסנשאַפט — קאָן אַמאָל זיין אַ רעגרעס. אָט נעמט זי אין דער האַנט אַריין אַ קראָט (אַ „יאָזש”) און ווייזט אונז, ווי זיינע לאַפּקעס

האָבן רעגרעסירט. אַמאָל זענען זיי געווען אַנטוויקלט, איצט — ווייניקער.

וואָס גייט איר אַזוי, מיינט איר, אין אַפּלייקענען דעם פּראָגרעס אין דער ביאָלאָגיע?

ווייל, פאַרשטייט איר, פּראָגרעס איז אַ מיסטישער באַגריף, ער קאָן פירן צו אַן אידעע פון גאָטהייט.

— פאַרשטייט איר, חבר, די אידעע פון פּראָגרעס זאָגט, אז ס'איז דאָ עפּעס אַן אַלגעמיינע טענדענץ אין דער נאַטור, אז ערגעץ אַהין, צו אַ העכערן ציל, פירט אַ וועג. דאָס איז געפערלעך...

און די אויגן פינקלען ביי איר.

„געפערלעך".

אין רוסלאַנד איז אַלץ געוואָרן אַזוי פשוט. די אידעע פון גאָטהייט איז — געפערלעך... פּאַרטיק!

און אין רוסלאַנד, דערמאָנט אייך, האָט דאָך אַמאָל געלעבט דאָסטאָיעווסקי, און זוכנדיק אַ גאָט, האָט ער געזאָגט: איך ווייס, אַז איך האַק מיטן קאָפּ אַ וואַנט, און איך וועל נאָר דעם קאָפּ צעקלאַפּן, אָבער די וואַנט נישט דורכברעכן, און דאָך וועל איך קלאַפּן מיט מיין קאָפּ די וואַנט, און פאַרבלוטיקן וועל איך...

ווייל — אַנדערש האָט ער נישט געקענט. און טאָלסטאָי האָט אַנדערש נישט געקאָנט.

און ביי דער סימפּאַטישער לערערין, אַ מענטש שוין אין די יאָרן, פינקלען די אויגן, ווען זי האַלט מלחמה מיט נאָט דורך באַקעמפן די אידעע פון פּראָגרעס אין דער ביאָלאָגיע:

ווייל — „חבר, דאָס איז געפערלעך"...

VI

ביי די אייזנבאַנער.

„די רעוואָלוציע איז אַזוי ווי אַ שטורעמווינט, זי צע־שמעטערט אַלץ, וואָס שטעלט זיך איר אַנטקעגן"—מיט גאָלדענע אותיות שטייט דאָס געשריבן אויף דער גרויסער געביידע, אויף דעם פּלאַץ פון דער רעוואָלוציע אין מאָסקווע.

דער רוסישער אָדל איז אָפּגעווישט. אַזוי ווי אַ מבול וואָלט אים אָפּגעשווענקט. און די געוועזענע מענטשן זענען מער נישטאָ. דאָס הייסט: מען זעט זיי נישט אָן.

אָבער נישט אַלע פון די געוועזענע מענטשן האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן, נישט אַלע זענען פיזיש אויסגעראָטן געוואָרן. די געבליבענע האָבן איינגעבויגן די קעפּ, און דער שטורעם־ווינט האָט זיי געטראָגן, ערגעץ פאַרטראָגן, פאַרוואָרפן זיי אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, דאָרט „דינען" זיי.

אַ וויסט געפיל טראָגט זיך פון די מענטשן.

איר קענט טרעפן אַזאַ פאַרשוין אומעטום, אין אַלע אינסטיטוציעס. ער האָט זיך צוגעפּאַסט; מען מוז עסן.

אין רוסלאַנד שרייט דאָס לעבן אויף אַלע גאַסן־עקן און אויף אַלע פּלעצער (מען שרייט נישט אויף קאַטאָוועס!) דאָס גרויסע געשריי.

— ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט!

עס איז דאָס געשריי פונם נייעם רוסלאַנד. אַרבעטן! עס וואַקסט אויס אַ קולט פאַר אַרבעט, און דאָס מוז ווען עס איז באַפרוכפּערן דאָס ווייטע ברייטע לאַנד, וואָס איז הונדערטער יאָרן רעגירט געוואָרן דורך אַ קלאַס אַ צופּוילטן, צו גאָרנישט טויגנדיקן.

דער פאַרבליבענער פאַרשוין, דער געוועזענער מענטש, האָט געמוזט עסן, האָט ער זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט און גע־נומען אַרבעטן. זיין פּנים איז אָנגעברוגזט. די מוסקולן אָנגע־צויגן; זעלטן קוקט ער אַ מענטשן גלייך אין די אויגן אריין. ער טראָגט געוויינלעך דיקע וואָנסעס (מן-הסתם כּדי צו פאַר־היטן דאָס מויל פון איבעריקע רייד); די אויגן זיינע באַדעקן שווערע ברעמען... און ער ברומט...

וואָס ברומט ער? — גאַנץ געוויינלעכע זאַכן. איך האָב אים געהערט אויף אַ סטאַציע ברומען: „צוג נומער 57 אַריבער־פירן אויף די צווייטע רעלסן". „18 ערטער זענען באַזעצט אין אינטערנאַציאָנאַלן צוג". איך האָב מיך געפונען אין דער געביידע פון דעם נאַטשאַלניק פון דער סטאַציע שפּעט ביינאַכט. אַפּאַרנדיל קיין מאָסקווע.

ווי קום איך אַהין און וואָס האָב איך דאָרט געהאַט צו טאָן — דאָס איז אייגנטלעך אַ גאַנצע מעשה צו דערציילן, אָבער עס ווילט זיך מיר נישט רעדן צו פיל וועגן דער שווערקייט פון דער ביוראָקראַטישער מאַשין. וועלן מיר עס מאַכן בקיצור:

אַז איך בין געקומען קיין מינסק, האָב איך געגעבן אַ „נאָסילשטשיק" (טרעגער) דאָס צעטל פון מיין באַגאַזש. על פּי טעות האָט ער מיר צוריקגעבראַכט צוזאַמען מיטן באַגאַזש אויך דאָס צעטל, און נאָך דערצו אַ צווייט צעטל, אַז איך האָב אָפּגעצאָלט 60 קאָפּ. שטאָט-שטייער פאַר מיין באַגאַזש (מאָדנע שטייערן!). נעם איך די צוויי צעטלען און וואַרף זיי אַריין אין קויש פאַר אָפּפאַל; דערדאָזיקער קויש איז אַ גרויסער אויפטו אין רוסלאַנד, דאָס האָט די נייע אָרדענונג איינגעפירט מען האָט צוגעוויינט דעם עולם (דעם רעוואָלוציאָניזירטן רוסישן

צולם) נישט צו ווארפן אויף דער פאדלאגע. און מען ווארפט נישט. האט זיך מיר, ביי מיין ערשטן אנקומען אין רוסלאנד, געוואלט מקיים צו זיין די סימפאטישע גזרה פון ווארפן אין קויש אריין... וואס דארף איך דאס צעטל, אז איך האב שוין דעם באגאזש? אבער אין מינסק, אין מיין האטעל, האט מיך יעדן אינדערפרי געוועקט דער „נאסילשטשיק“, א הויכער, ליבער רוסישער מענטש, איך זאל אים העלפן ראטעווען אים און זיין פאמיליע. ער פארלירט די שטעל. דער נאטשאלניק פארלאנגט דאס צעטל... איך האב אנגעשריבן א בריוו א קבלה— אויף מארגן אינדערפרי, ער וועקט מיך: ס'איז ווייניק. גיב איך מיין פאס מיט — אלץ נישט גענוג. בין איך געקומען אליין צו דער סטאציע און מען האט געמאכט אן אקט.

אן אקט מיט אלע פיטשעווקעס. און מען האט געשריבן און מען האט צעריסן און מען האט ווייטער געשריבן, ביז איך האב געראטעוועט דאס לעבן פון א הויכן סימפאטישן רוסישן מענטשן.

אט אזוי איז מיר אויסגעקומען צו פארברענגען א שעה צייט אין דעם צימער פון „נאטשאלניק“ פון דער סטאציע, הערן, ווי עס קלינגט דער טעלעפאן און עס קלאפט דער טעלעגראף, און ווי עס ברומט זיינע באפעלן א ברוגזער מענטש פון זיינע דיקע וואנסעס ארויס.

די אייזנבאנער זענען א מלוכה פאר זיך. זי איז יידן־ריין. יידן האבן פארנומען שטעלעס אומעטום, אחוץ ביי די באנען. נישט קיין גרויסע און אפילו נישט קיין קליינע שטעלעס פארנעמען זיי דא. פארוואס? — ס'איז דא וועגן דעם פיל צו רעדן (וועגן אלץ אין רוסלאנד איז דא... פיל צו רעדן). די הויפט־סיבה איז, וואס די צאל ארבעטלאזע איז זייער גרויס ביי זיי. און דערצו נאך גייען די רעדוקציעס, מען מוז אפזאגן מענטשן, היינט ווי קאן מען צונעמען נייע!

און מיט רעדוקציעס איז עס א זייער שווער לייענען אין ראטן־פארבאנד. ס'זענען דא איבריקע מענטשן. איר דארפט נישט צו לייענען די סטאטיסטישע טאבעלן, איר דארפט נישט

פאַרגלייכן מיט אַן אַנדער לאַנד, כּדי זיך איבערצוצייגן, אַז מענטשן זענען כּמעט אומעטום פאַראַן צופיל, אין אַלע אינ-סטיטוציעס. (וואָס עס טוט זיך אין די פאַבריקן — דאָס איז אַן אַנדער ענין). איר מערקט דאָס, אַזוי צו זאָגן, מיטן פראָסטן אויג. אין דער באַן, וואו איר פאָרט (עטלעכע מאָל ווערט דיין בילעט קאָנטראָלירט און יעדעס מאָל טוען דאָס דריי מענטשן). איר מערקט דאָס אין האָטעל, וואו איר פאַרפאָרט, און וואו נישט? — איבעריקע מענטשן, דאָס זענען נישט נאָר בלויז איב-ריקע הוצאות, וואָס עמעצער מוז דאָך סוף-כּל-סוף פאַר זיי צאָלן; איבעריקע מענטשן זענען אַ דעמאָראַליזאַציע. האָט זיך טאַקע אין רוסלאַנד אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי, און אַזוי ווי עס פירט זיך אין דעם לאַנד, ווערט אַלץ געמאַכט מיט אַ קנאַק, מיט אַן עפעקטפולן וואָרט, מיט אַ לאָזונג:

„רעזשים-עקאָנאָמיע".

הייסט דער נייער לאָזונג.

ווייסט דאָס יעדער דירעקטאָר, יעדער פאַרוואַלטער, און מען מוז מאַכן עקאָנאָמיע. די רוסן האָבן ליב אַ וויץ און אַ גוט וואָרט-שפּיל, האָבן זיי פון דעם „רעזשים" געמאַכט „ריעזשעם" (מיר שניידן עקאָנאָמיע). ווייל מען האָט אָנגעהויבן „צו שניידן". אָבער אַזוי ווי דעם לוין פון דער אַרבעט קען מען נישט שניידן, ער איז געווען באַשטימט לויט 17 קאַטעגאָריעס און אויסגערעכנט לויט די פּרייזן פון די לעבן-באַדערפענישן אין פאַרשידענע ערטער, האָט מען גענומען אָפּזאָגן מענטשן. פאַר-שטייט זיך, אַז דאָס רופט אַרויס אַ גרויסע אומצופרידנקייט; די אָפּגעזאָגטע מענטשן פאַרמערן די צאָל פון די אַרבעטלאָזע, וואָס מוזן אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה.

אין די צייטונגען זענען אויך דערציילט געוואָרן פאַקטן, ווי אַזוי דער „רעזשים-עקאָנאָמיע" האָט דאָ און דאָרט אַרויס-גערופן מיסברויכן. דער דירעקטאָר האָט מקיים געווען די מצווה פון „רעזשים-עקאָנאָמיע", האָט אָפּגעזאָגט 6 מענטשן, צוגעשטעלט וועגן דעם אַ ראַפּאָרט, וואָס איז באַלד באַשטע-טיקט געוואָרן; אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט ער אָנגעשטעלט

נייע 6 מענטשן, צי גאָר 8. דער „רעזשים-עקאָנאָמיע״ איז גע־וואָרן דורכגעפירט, אָבער די הוצאות זענען אויסגעוואקסן, ווייל די אָפּגעזאָגטע מענטשן האָבן געמוזט קריגן אָן אַנטשעדיקונג.

מען דאַרף אַזעלכע פאַקטן אפשר נישט גענעראַליזירן, נישט מאַכן פון זיי אַ כלל. קלאָר איז אָבער, אַז דער „רע־זשים-עקאָנאָמיע״ האָט ארויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט, און ווי עס ווייזט אויס, האָט מען די רעדוקציעס געמוזט אָפּשטעלן.

דער רעזשים דריקט זיך נאָך אויס אויך אין קאַרגער באַלויכטונג. אין רוסלאַנד האָט מען אָפּגעשאַפט די קלאַסן, פאַרשטייט זיך, פאָרמעל נאָר; עס איז געבליבן אַ „האַרטער״ וואַגאָן, אַן אַמאָליקער דריטער קלאַס, און אַ „ווייכער״, אַמאָ־ליקער צווייטער קלאַס. איז טאַקע אין דעם „האַרטן״ וואַגאָן פינסטער; ערגעץ אין אַ ווינקל צאַנקט אַ ליכט, און דאָס אויך נישט שטענדיק, דער עולם ליגט אויסגעצויגן אויף די בענק און שנאַרכט אין דער טונקלקייט, און די באַן-גנבים האָבן אַ גרינג -לעבן...

פאָרט איר מיט די באַנען אין רוסלאַנד, און ווער שמועסט נאָך אין אַ „האַרטן״ וואַגאָן, פאַרגייט אייך דאָס געלט ערגעץ אין אַ מלבוש. און אויך דאָס העלפט נישט שטענדיק.

איך האָב אַליין געטראָפן אַ פאַל, און גראד ביי אַ יידישן „קאָמיסאַר״, אַ קאָמוניסט מיט אַ רעוואָלווער אין טאַש, וואָס האָט געהאַלטן איינגענייט 800 רובל רעגירונגס-געלט ביי זיך, האָט מען אים דעם רעוואָלווער געלאָזן און די 800 רובל האָט מען, צוזאַמען מיט אַ שטיק מלבוש, אויסגעשניטן.

איך בין געפאָרן אין אַ „ווייכן" וואַגאָן, און דער באַגלייטער פון וואַגאָן, אַ יונגער רויט-באַקיקער און שמייכלדיקער רוס, האָט מיר אויסגעבעט אַ געלעגער (פאַר וואָס מען צאָלט באַזונדער). אָבער איך האָב נישט געקענט שלאָפן. אויף איינער פון די סטאַציעס איז אַריינגעקומען אַ מענטש מיט קלומעקעס מיט עטלעכע פלעשער, און איידער וואָס און ווען, נישט באַוויזן זיך אַפילו אומצוקוקן, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך די שטיוול און איז שוין געלעגן און האָט געשנאָרכט.

אָבער די לעזער וועלן מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך דערצייל זאַכן, נישט אָנגענומענע צו דערציילן און נישט אָנגענעמע. איך פאַרזיכער זיי, אַז מיר איז אַוודאי געווען נישט אנגענעם אויפצושטיין אַ זייגער צוויי ביינאַכט און אַרויסגיין אין קאָרידאָר אַריין. ווייל די אויפגעדעקטע פיס פון דעם אָנגעקומענעם פאַרשוין האָבן אייסגעפּילט דאָס קופּע מיט אַ ריח, וואָס איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן...

און אָט אַזוי האָב איך אַ נאַכט, כמעט אַ גאַנצע, דורכגערעדט זיך מיט אַ יונגן מענטש פון די אייזנבאַנער, און איך האָב פאַר מיר געהאַט אַ מענטש פון נייעם רוסלאַנד. אַן אַנדערע דערציאונג, אַן אַנדער צוגאַנג צו זאַכן. ער ברומט נישט, ווי יענער דאָרט אויף דער סטאַציע, נאָר ער רעדט, פרעגט, ענטפערט, און „בויט דעם סאָציאַליזם".

דער מענטש מיט די קלומעקעס, בין איך געוואָר געוואָרן פון אים, איז אַ גאַנץ געוויינלעכער באַן-אַרבעטער פון דער נידריקסטער קאַטעגאָריע. פאַרוואָס פאָרט ער אין „ווייכן" וואַגאָן, צווייטער קלאַס, הייסט דאָס? — דערפאַר וואָס ער פאָרט מער ווי 300 וויאָרסט, עס איז קיין שום אונטערשיד נישט צווישן אַ העכערן און אַ נידריקערן באַאַמטן. ווייניקער ווי 300 וויאָרסט דאַרף מען זיך נישט צולייגן, איז גענוג אַן האַרטע באַנק; מער אָבער ווי 300 וויאָרסט באַדאַרף אַ מענטש

זיך אויסרוען און אויסציען, קריגט ער אַ „ווייכן" פּלאַץ. דער באַן-אַרבעטער איז קאָמאַנדירט געוואָרן אויף אַן אַנדערער סטאַציע, איז ער געפאָרן אין „ווייכן" וואַגאָן.

— יאָ, אַן אַרבעט-מענטש, — דערקלערט מיר דער יונגער וואַגאָן-באַגלייטער, — אַ פּראָסטער, נישט קיין „גראַמאַטנער". האָט ער זיך אויסגעצויגן און שנאָרכט... ער ווייסט אפילו נישט, אַז ער שטערט עמעצן מיטן ריח פון זיינע פיס... וואָס זשע? אַן אומגעבילדעטע פאָלק.

— מיר ליקווידירן די עם-הארצות — דערציילט ער מיר מיט שטאָלץ — צום 10-טן יאָרצייט פון דער רעוואָלוציע זאָלן מיר אָפּשאַפן דאָס עם-הארצות. אַלע וועלן קענען לייענען און שרייבן, וועט זיין אויך „קולטור" ביי אַט אַזאַ מענטשן.

איך פּרואוו מיך אַריינצולאָזן מיט אים אין אַ געשפּרעך. ער איז פון די יונגע רוסישע טיפּן, וואָס רעדן מיט אַ ברוסט-שטים און ציילן גוטמוטיק די ווערטער, און האָבן שטענדיק קלאָרע אויגן, און אַ שמייכל פון צוגעלאָזנקייט. דערמאָן איך אים, אַז צום 10-טן יאָרצייט פון דער רעוואָלוציע איז געבליבן נישט מער ווי איין יאָר, און אויף צו ליקווידירן די עם-הארצות זענען נאָך געבליבן 40 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

— מיר וועלן באַווייזן, אויף זיכער וועלן מיר באַווייזן. אַז מיר האַלטן שוין ביי 60 פּראָצענט, וועלן מיר האַלטן ביי 100. אונזערע ליקווידאַציע-פּונקטן אַרבעטן ענערגיש, ביי אונז, די אייזנבאַנער, וועט אין אַ יאָר אַרום נישט בלייבן קיין איינציקער...

ער איז נישט נאָר אַ סימפּאַטישער מענטש, נאָר אויך אַ גרויסער אָפּטימיסט. דאָס נייע רוסלאַנד איז זיין. „מיר" טוען, „מיר" מאַכן. ער איז פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך.

און אָט ווייזט ער מיר דעם וואַגאָן, און דערקלערט מיר אַלע איינריכטונגען. ערשט אַרויס פון דער פאַבריק. „מיר האָבן ביז איצט אַזוינע וואַגאָנעס געמוזט ברענגען פון אויסלאַנד, איצט מאַכן מיר אַליין"...

און מיר האָבן זיך צורעדט וועגן דער עקאָנאָמישער

לאגע פון רוסלאנד אין איצטיקן מאמענט. ער איז זייער גוט אינפארמירט וועגן די לעצטע סטאטיסטישע טאבעלן, וועגן די פלענער פון „גאספלאן" (די העכסטע רעגירונג-שטעל, וואס ארבעט אויס די פלענער פון דערווירטשאפט). רוסלאנד, ווייסט ער, איז צוגעקומען צום קריטישסטן מאמענט אין מלוכה-בויאונג. אלע פאבריקן און מאשינעס, וואס זענען ליידיק געשטאנען אין דער צייט פון בירגער-קריג און מהומות, זענען שוין גע-לאזט געווארן, זענען שוין אויסגענוצט. די ירושה פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג האט מען ווי עס זאל נישט זיין צוריקגעשטעלט צוביסלעך. די אלטע פאבריקן גייען. אבער אויף ווייטערדיקער בויאונג מוז מען האבן ריזיקע סומען, קא-פיטאלן...

טרייסט מיך דער יונגער רוס:

— אויסלאנד וועט אונז לייען געלט. מיר מוזן האבן מיליארדן, דעמאלט וועט ביי אונז די אינדוסטריע ערשט קע-נען אויפבליען, און מיר וועלן ווייזן וואס מיר קענען.

און אז איך באמערק אים, אז איך בין זייער מסופק, צי די אויסלאנדישע קאפיטאליסטן וועלן לייען סאוויעט-רוס-לאנד געלט, מאכט עס אויף אים קיין שום איינדרוק נישט. ער איז אן אפטימיסט און האט שטענדיק א גוטן הומאר און א גוטן גלויבן:

— זיי וועלן געבן. פארוואס זאלן זיי נישט געבן? מיר וועלן באצאלן, מיט פראצענטער וועלן מיר באצאלן...

און ער קוקט מיר אין די אויגן אריין, צי נאך דער-דאזיקער פארזיכערונג בין איך (דער אויסלענדער) גרייט שוין עפענען מיין טאש און לייען רוסלאנד דאס געלט, וואס זי באדארף נויטיק צו האבן...

VII

מײן אָנקומען קײן מאָסקווע.

איך בין אָנגעקומען קײן מאָסקווע דרײ אַ זײגער נאָכמיטאָג, אין אַ גרױען טאָג פון אָסיען, און גראָ איז געװען דער װאָקזאַל, גראָ די מענטשן, נישט אַזױ האָב איך דיך געזען אין דער פאַנטאַזיע, מאָסקווע!

מענטשן און שטעט, װאָס מיר האָבן אין די אויגן נישט געזען, נאָר מיר האָבן אַ סך װעגן זײ געהערט, מאָלן זיך שטענדיק אױס אין אונזער פאַנטאַזיע אין באַשטימטע געשטאַלטן און פאַרבן. מאָסקווע (איך בין דאָ דאָס ערשטע מאָל) האָב איך מיר פאָרגעשטעלט שנײ־װײסיק, ליכטיק, ברײט־שמײכלדיק, און גרױסע פערד הירזשען דאָרט מיט הױך אױפגעהױבענע קעפּ, און די קוטשערס האָבן שװאַרצע בערד און רױטע גאַרטלען. מאָסקווע— און גראָקײט, װי פּאַסט זיך דאָס?

מיר איז אױסגעקומען צו װאַרטן אױפן װאָקזאַל אַ דרײ פערטל שעה צײט. װידער עפּעס אַ צרה מיטן עקספּעדירטן באַגאַזש. ער איז פאַרװאָרפן מיט פּאָסט־פּאַקעטן. מען װעט אָפּרײניקן די פּאָסט, װעל איך קריגן מײן באַגאַזש. דערװײל גײט דער „נאָסילשטשיק" אַװעק און לאָזט מיך שטײן מיט מײן האַנט־באַגאַזש. און ער זאָגט מיר אָן, איך זאָל גוט אַכטונג געבן, קוקן מיט בײדע אױגן, װײל חברה גנבים לױערט פון אַלע זײטן, און מען מוז זײז אָפּגעהיט.

שטיי איך אזוי אין א ווינקל, א שומר ביי מיין באַגאַזש, ווי אַ זעלנער אויף דער וואַך, און קוק מיך אום. ווער איז דאָ דער גנב? — אַלע זענען גלייך. גראָע מענטשן, גראָע קליידונג און גראָ, גאַרנישט־זאָגנדיק זענען די בליקן. רוסלאַנד אַמעריקאַניזירט זיך. אַט אַזוי ווי אי. הערט. עס אַרבעט זיך אויס אַן אוניפאָרם, איין קליידונג פאַר אַלע, איין פּנים פאַר אַלע, איין בליק פאַר אַלע און איין געדאַנק פאַר אַלע. און דער אוניפאָרם איז אַ גראָער... אויסערלעך און אינערלעך אַזוי.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער אויסערלעכקייט פון די מענטשן, איז די גראָקייט אַ פאַקטישע. דער זעלנער, דער פויער, דער שטאָט־מענטש אאז״וו. די שטיוול, פאַרשטייט זיך, באַקומען דעם גראָען ניואַנס פון פאַרבלאָטיקטקייט און נאָר די לעדערנע קורטקע קאָקעטירט אַמאָל מיט איר שוואַרץ־בלאַנקנדיקייט און ביי דעם מיליציאַנט אויף דער גאַס איז געבליבן גאָר אין דער הויך, איבער דער גראָקייט פון זיין קאָפּ־טראַכט, אַ שטיקל רויט טוך. זעט איר עס נאָר אַרויס, ווען איר קוקט אַראָפּ פון אַ פענסטער...

וואָס אָנבאַלאַנגט דער אינערלעכקייט, די פּסיכיק פון די מענטשן, איז זי אויך אַ גראָע. — דאָס איז שוין בלויז מיין אָפּשאַצונג, מיין באַציאונג, די באַציאונג פון אַ פאַרפאַלענעם אינדיווידואַליסט, וואָס איז פאַרליבט אין דער פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטשלעכן טראַכטן און פילן. ווי האָט געזאָגט דער אַלטער געטהע? — „גראָ איז יעדע טעאָריע”. רוסלאַנד איז אַלץ נאָך אַ טעאָרעטישע מדינה.

שטיי איך אַ פאַרשעמטער אין אַ ווינקל מיט מיין אייראָפּעאישן געפּעק; אין אַ פּעלץ, מיט אַן איטאַליענישן הוט פירמע באָרסאַלין אויף מיין קאָפּ. דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך כ'ווייס נישט וואָס געגעבן אין דער מינוט, איך זאָל אויך זיין אַ שטיק גראָקייט: שטיוול, אַ גראָען פּאַלטן און אַ קאַשקעטל אויפן קאָפּ.

ווייל פון דער גראָקייט טיילט זיך אויס אייגער, אַ צוויטער,

אַ דריטער און קומט צו נאָענט צו מיר. איין שטיק גראָקייט זאָגט גאָר־נישט, גלאַט אַזוי גייט ער פאַרביי און קוקט אָן מיך, מיין פּעלץ, מיין הוט און מיין אייראָפּעאישקייט, וואָס ליגט לעבן מיר. אַ צווייטער פרעגט: צי איך בין פון ווייט? זאָג איך: פון ווייט — פון אַמעריקע. מיין אינסטינקט זאָגט מיר, אַז עס איז געשייטער צו זיין פון אַמעריקע, איידער פון פּוילן, כאָטש מיר, פּאָליאַקן, האָבן שוין אָנערקענט רוסלאַנד, און אַמעריקע וויל נישט אָנערקענען... פון אַמעריקע האַלט מען אין רוסלאַנד זייער פיל. (ערגעץ אין אַ שטאָט צי אַ דאָרף אין דרום־רוסלאַנד האָט מיר אַ יידיש יינגל שטאַרק געריסמט אַמעריקע, ווייל דאָרט האָבן אַלע לימענע צו טיי). פון אייראָפּע איז נישטאָ וואָס צו רעדן. אייראָפּע איז צופוילט. אירע לענדער ליגן אַזוי ווי פאַרהלשטע קעץ, נאָר צום פּגרן. מיט אַמעריקע פאַרמעסט מען זיך אין רוסלאַנד. וועגן פאָרד און פאָרדיזם קאָנט איר לייענען אַרטיקלען אין אַלע צייטונגען.

פאַרשטייט זיך, אין קיין לאַנגע חקירות קאָן איך מיך נישט אַריינלאָזן מיט דעם, וואָס פרעגט מיך, ווייל איך שטיי דאָך אַ שומר ביי מיינע זאַכן. קורץ הייסט דאָס: איך בין געקומען „פּאָ דיעלאַם" (געשעפטלעך).

אַ דריטער, און דער איז שוין נישט קיין שטיק גראָקייט, ווייל ער טראָגט אַ לעדערנע קורטקע און האָט אויגן פלינקע און לעבעדיקע. לייגט מיר פאָר זיין אויטאָ מיך אָפּצופירן אין האָטעל. מיין באַגאַזש האָב איך נאָך אַלץ נישט — זאָג איך. אָבער דאָס מאַכט נישט אויס — ער וועט וואַרטן.

און פאַר דעם קורצן שמועס, פאַר די 20 מינוט וואַרטן, האָב איך באַצאָלט דערנאָך מיט עטלעכע דאָלאַר (די שאָפערס זענען קינדער פון איין ראַסע אומעטום אויף דער וועלט).

עס פאַרדריסט מיך אויף מיר אַליין, הלמאי איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע אין אַזאַ נישט אויפגעלייגטער שטימונג. — צי אַזוי דאַרף מען צו זען אַ ניי לאַנד, אַ נייע וועלט־אָרדענונג? — אָבער עס איז קאַלט און פייכט. אָסיענדיק, איך בין נישט אויסגעשלאָפן, און מיר איז גראָ אויף דער נשמה... איך שטיי

לעבן דער בודקע פון טעלעפאָן-אויטאָמאַט און הער אויס נאַרישע געשפּרעכן (די רוסן האָבן ליב צו רעדן הויך), און שטעלט איך פאָר, אַז די גראָקייט פון וואָקזאַל האָט מיך שטאַרק אַרומגענומען, אַזוי ווייט, אַז איך האָב באַקומען אירע געפילן: אָט איז עפּעס אָנגעלאָפן אַ דאַמע (אַזוי ווי איר הערט — אַ ד אַ מ ע) מיט אַ הוט אויפן קאָפּ און מיט זאָקן פון לייב-קאָליר און איז אַריין איילִיק אין דער טעלעפאָן-בודקע און צוגעקלאַפּט דאָס טירל זייער האַסטיק — האָב איך זי פּיינט געקריגן מיט אירע זאָקן פון לייב-קאָליר. מיט וואָס איז די גראָקייט, זאָגט מיר, שלעכט? און צו וואָס באַדאַרפן די דאַמען קורצע קליידער, עלעגאַנטע שיך און זאָקן פון לייב-קאָליר? — אָט טוען זיך פרויען אין רוסלאַנד אָן, כדי צו באַדעקן דאָס לייב, און אַ ציצן טיכל אויפן קאָפּ....

אַז זי איז אַרויס פון דער בודקע, האָב איך מיך אויסגעדרייט און אָפּגעווענדט מיין פּנים, כדי זיך נישט צו טרעפן מיט איר בליק. איך האָב דערמיט געמיינט צו זאָגן (מיר אַליין), אַז איך בין נישט אירס גלייכן און נישט איר געזעלשאַפט...

די גראָקייט, ווי די גראָקייט. איך האָב דערנאָך געהאַט די געלעגנהייט צו זען מאָסקווע אַנדערש, ווי איך האָב זי געזען. מאָסקווע פון קרעמל, מאָסקווע פון רויטן פּלאַץ, מאָסקווע די הערלעכע און גאָלדענע, מאָסקווע די איין-איינציקע, וואָס מיט קיין שטאָט אויף דער וועלט איז זי נישט צו פאַרגלייכן.... ערגער פאַר דער גראָקייט איז געווען דער אָנבליק פון קליינע באַשעפענישן פון מענטשלעכער אָפּשטאַמונג, אָבער נישט מער קיין מענטשלעכע קינדער — גרופּעס פון צוויי צי דריי פון די פאַרוואָרלאָזטע („בעזפּריזאָרניע דיעטי”), — דידאָזיקע גרויסע אַרמיי פון מענטשלעכן אָפּפאַל, וואָס איז צושאָטן איבער גאַנץ רוסלאַנד, און ציט מיט אַלע וועגן און שטעגן קיין מאָסקווע.

מען רוימט זיי אָפּ. אַלץ מעגלעכע איז געטאָן געוואָרן פאַר זיי. ספּעציעלע הייזער, ספּעציעלע פּעדאַגאָגן, ספּעציעלע געזעצן אַפילו. אַ גאַנצע ליטעראַטור... פון די מאָסקווער גאַסן איז זיי נישט אָפּצוטרייביקן.

איך מיין, עס וועט מיר נאָך אויסקומען אין מיינע ווי-טערדיקע בריוו אָפּצושטעלן זיך אויף דערדאָזיקער סאָציאַלער געשוויר, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף רוסלאַנדס קערפּער אין דער צייט פון דער מלחמה, רעוואָלוציע און מהומות. די פאַר-פּאַסטן פון דער ארמיי, איינצעלנע עקזעמפּלאַרן פון די פאַר-וואָרלאָזטע קינדער, האָב איך געטראָפן אין מינסק, און געזעען זיי אויף די סטאַציעס פון דעם פענסטער פון מיין וואַגאָן. דאָ, אויפן מאָסקווער וואָקזאַל, האָב איך מיך באַגעגנט מיט זיי צום ערשטן, ביי מיין אומגעמיטלעכן וואַרטן, אין זייער „היים“.

זיי גייען שטענדיק אין גרופּעס. זעלטן וועט איר באַגע-געגנען איינעם אַליין. עפּעס אַ טראַנטע פול מיט לעכער איז זייער אָנטאָן. דאָס האַלט ער מיט איין האַנט צו פון פאָרנט, ווען עס איז אים קאַלט, אָדער אַ געוויינלעך שנירל בינדט ער אַרום, שטיקער פון זיין נאַקעטן לייב ווייזט ער אייך שטענדיק אַרויס, דער נפש. גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ שאַנד צו באַדעקן דאָס גאַנצע לייב. אָבער די שטיקער לייב, וואָס איר זעט אַרויס, זעען אויס אַזוי ווי אַדורכגעאַרבעטער פּאַרמעט, אָדער ווי אַ וואַקס-געלע סעראַטע. עס איז נישט דער אָנבליק פון אַ מענטשלעכער הויט, ווייל חדשים און יאָרן האָט אַזאַ נפש נישט באַנוצט קיין וואַסער צו וואַשן דאָס לייב—פּרינ-ציפּיעל נישט! ווייל זיי האָבן איינגעשטעלט מנהגים, און ווער פון זיי עס גייט קעגן דער אייגענער פאַרוואָרלאָזקייט, קעגן דעם שמוץ, דער איז — אַ פאַררעטער. ס'איז דער גרעסטער פאַרראַט צו טראָגן אַ העמד! די פיס זענען פאַרבונדן מיט שמאַטעס, אויף איין פוס קען זיין אַ געוועזענער קאַמאַש, אויפן צווייטן אַ קאַלאָש. אַלץ וואָס ער טראָגט, מוז אומבאַדינגט זיין גענומען פון מיסט-קאַסטן, און טויגן פאַרן מיסט-קאַסטן, ווייל וואָס ס'האָט נאָר די מינדסטע ווערט, דאָס פאַרקויפט ער, — פּרינציפּיעל!

און אַ ריח טראָגט זיך פון די נפשות! צוויי אַרשין ווייט מוזט איר זיין אָפּגערוקט פון אַזאַ גרופּע. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן אויסגעקראָכענע אויגן-ברעמען, צופוילטע ליפּן...

קליינע אויגן און טעמפּע, אָבער האַרטע, בליקן. ער איז גע־ווײנלעך מוראדיק פּראַקטיש, רעדט קורץ, זאַכלעך: „פּעטער, גיב אַ קאָפּעקע", און ער קוקט אייך אָן קאַלט. שניידיק.

גיט אים אַ קאָפּעקע, אויב ער האָט געבעטן, און מאַכט נישט קיין שהיות, די צווייטע קורצע פראַזע זיינע וועט זיין, אויב איר וועט אים נישט געבן:

— גיב אַ קאָפּעקע, אַ נישט וועל איך בייסן!..

און אַ ביס פון אַזאַ קינד ווערט גערעכנט אַזוי ווי דער ביס פון אַ גיפטיק באַשעפעניש, ווייל 90 פּראָצענט פון זיי זענען אָנגעשטעקט מיט די שרעקלעכסטע קראַנקהייטן. דער „בעזפּריזאָרני" ווייסט דערפון און נוצט דאָס אויס. יעדעס באַ־שעפעניש האָט זיך אויסגעאַרבעט אין קאַמף פאַר זיין עקזיס־טענץ זיין באַזונדער געווער. און דעם פאַרוואָרלאָזטנס געווער זענען די באַציקן, וואָס שטעקן אין זיין בלוט.

זענען זיי געזעסן דריי אין אַ ווינקל אויף דער פּאָדלאָגע און געשפּילט אין קאָרטן. זאַכלעך, רואיק, קיינער שטערט זיי נישט, די אַרומיקע וועלט אַרט זיי נישט. ווען זיי באַדאַרפן עפּעס צו האָבן, קומען זיי און בעטלען עפּעס אויס ביי דער אַרומיקער וועלט, אָדער כאַפּן מיט געוואַלד און אַנטלויפן. יאָג זיי — וואָס וועט איר זיי טאָן? וואָס אַזאַ איינער האָט אָנגע־רירט מיט דער האַנט, דאָס מיאוסט זיך אַ מענטש דערנאָך צו עסן. ס'איז שוין זיין. האָט ער עפּעס אַוועקגעכאַפּט ביי דער אַרומיקער וועלט, האָט ער באַלד אָן איר פאַרגעסן, גייט זי אים מער נישט אָן. ער דאַרף נישט קיין היים, קיין בעט, קיין דאַך, — ער איז אַליין אָפּפאַל, און נעכטיקט געוויינלעך אין אָפּפאַל. אין די הויפנס מיסט, וואו זיי גראָבן זיך איין און לייגן זיך צו 5—10 צוזאַמען, כדי צו געניסן די בשותּפותדיקע וואַרעמקייט פון זייערע קערפּערס.

עס איז דורך גראָד אַ מיליציאַנט און האָט זיי געהייסן אויפשטיין. זיי האָבן אים קוים אָנגעקוקט, און רואיק זיך צוריק גענומען שפּילן. זיי האָבן דעם מיליציאַנט נישט אויסגעלאַכט,

די האָבן זיך אים נישט אָנטקעגן געשטעלט — ער האָט זיי פּשוט נישט אינטערעסירט, ער האָט נישט עקזיסטירט פאַר זיי.

זיי האָבן קיין מורא נישט, נישט ווייל זיי זענען מוטיק. עס לאָזט זיך וועגן זיי אַזוי ווייניק זאָגן, אַז זיי זענען מוטיק, ווי אַז זיי זענען פּחדנים: זיי פאַלן בכלל נישט אַרונטער אונטער דער געוויינלעכער מענטשלעכער פּסיכיק און איר טערמינאָלאָגיע. זיי האָבן נישט קיין מורא. ווייל וואָס ס'שרעקט געוויינלעך אַ מענטשן, דאָס שרעקט זיי נישט. דערצו נאָך איז דעם מיליציאַנט שטרענג פאַרבאָטן זיי צו שלאָגן... די פּעדאַגאָגן פּרואוון מיט גוטן זיי אַריינצוּלאָקן אין די הייזער פאַר פאַרוואָרלאָזטע („פּריאָמניקי"')... דאָס געלינגט אַמאָל ווינטער, אין די גרויסע פרעסט... זענען זיי אָפּ עטלעכע טעג און אַנטלויפן...

דאָס טראַגיש-קאָמישסטע איז געווען פאַר מיר, ווען איינער אַזאַ פאַרוואָרלאָזטער איז צו מיר צוגעקומען מיט אַ פּושקע אין האַנט, מיט אַן עפענונג פון אויבן, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט און גענומען אַזוי קלינגען מיט די עטלעכע מטבעות, וואָס האָבן זיך געפונען אינווייניק. איך בין געווען זיכער, אַז ער זאַמלט עפּעס נדבות, בין איך געוואָרן נייגיריק און געפרעגט:

— פאַר וועמען?

— פאַר מיר. — האָט ער געענטפערט זאַכלעך און טרוקן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך נישט געפוילט און צריינגעוואָרפן.

ער איז אַוועק, קאַלט אַזוי ווי ער איז געקומען, אָן דאַנק.

* *

יין! מיין ערשטער אַריינפאָר קיין מאָסקווע איז זיכער נישט געווען אין אַ מזלדיקער שעה, און דער מוסר פון דער

געשיכטע איז, אַז קיין מאָסקווע זאָלט איר קומען אַן אויסגעשלאָפענער. און, למען-השם, שלעפט נישט קיין גרויס געפעק, ווייל איר וועט מוזן עקספּעדירן, און עס וועט אייך אויסקומען צו וואַרטן דריי פערטל שעה, אַזוי ווי איך האָב דאָס געהאַט.

ווייל אויב דער ערשטער איינדרוק איז דער שטאַרקסטער, איז אַ שאָד איר זאָלט אים האָבן אויף דעם ווייס-רוסישן וואָקזאַל (אַמאָל — דער וואַרשעווער) אין אַ גראָען טאָג פון אָסיען צווישן גראָע מענטשן און אין דער גאָענטקייט פון די פאַרוואָרלאָזטע.

אין מאָסקווע איז געוויס פאַראַן אינטערעסאַנטערע ווינקעלעך פון לעבן.

אָבער מיך האָט מיין עקספּעדירטער באַגאַזש פאַרהאַלטן דריי פערטל שעה צייט. און איך בין געשטאַנען, אַזוי ווי אַ פאַרשעמטער אין אַ ווינקל, היטנדיק מיינע זאַכן — — מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש...

VIII

א טאָג אין מאָסקווע.

עס איז אפשר אייך נישט אינטערעסאַנט צו וויסן, אָבער אַזוי ווי איך שרייב דאָך פּאָרט נאָטיצן פון אַ טאָג-בוך, וועל איך דאָס נישט אויסמיידן צו פאַרצייכענען, אַז אין דער נאַכט נאָך מיין אָנקומען קיין מאָסקווע, האָב איך געגליט אין היץ און האָב דורכגעשוויצט אַ נאַכט אונטער אַ הויכער טעמפּע-ראַטור. איך האָב געכאַפּט אַ פאַרקילונג אין באָד-צימער, וואו איך האָב גענומען אַ וואַנע. אַהין צו דעם באָד-צימער האָט די צענטראַלע באַהייצונג נישט דערגרייכט, איז דאָרט געווען קאַלט. איך האָב דאָס פריער נישט באַמערקט, און ווען איך בין ארויס צוריק אין דער וואַרעמקייט אריין, האָט מיך אַ ציטער ארומגעכאַפּט אין אַלע מיינע גלידער.

דער האָטעל „סעלעקט“, וואו איך האָב מיך אָפּגעשטעלט, רעכנט זיך פאַר אַן ערשט-קלאַסיקן — 10 רובל (אַ חוץ שטייערן און צוגאָבן) קאָסט דער קליינער נומער „מיט אַ באָד-צימער“; אָבער דאָס באָד-צימער איז פאַקטיש אַ בשותּפותדיקס, פאַר מיר און פאַר מיין שכן פון נאָענטן נומער. ער האָט אַהער אַן אריינגאַנג פון אַ קליינעם קאָרידאָר. וואוין איך, הייסט עס, אין אַ באַזונדער צימער, אָבער אין אַ בשותּפותדיקער דירה — באָטש אַ קליין ביסל קאָמוניסטיש.

אין אנדערע גרויסע האָטעלן, ווי „באָלשאָיאַ מאָסקאָוו־סקאַיאַ" און „סאַוואָי", וואו עס פאַרקערן מער אויסלענדער, פאַסירן גישט אַזוינע זאַכן. דאָרט האָט מען זיך צוגעפּאַסט צו די בורזשואַזע, אינדיווידואַליסטישע געוואוינהייטן פון די אויסלענדער. „סעלעקט" איז ערשט אויפגעפרישט געוואָרן, אין דאָרטיקן רעסטאָראַן איז אַרויסגעהאַנגען אַ רעקלאַמע מיט גרויסע אותיות, אַז די קיך ווערט געפירט פון די אַמאָליקע „מיטאַר־בעטער" (קעלנער) פון דעם געוועזענעם אַריסטאָקראַטישן וועלט־באַרימטן רעסטאָראַן „יאַר".

זענען דאָרט טאַקע די „מיטאַרבעטער" אַלטע, סאָלידע, וואָס דאַרפן צו טראָגן באַקן־בערד (כאָטש פון די באַקן־בערד האָט די רעוואָלוציע שוין געמאַכט אַ תל), און די פרייזן זענען הויכע, אָבער די קיך אַליין איז אויף צרות, און די זיבעציק־יאָריקע קעלנערס, וואָס האָבן אַמאָל סערווירט פאַר גרויס־פירשטן, פּרימאַ־באַלערינעס, רייכע „קופּצעס" און פאַר דער גאָלדענער מאָסקווער יוגנט, שלעפן איצט שווער די פיס, לאָזן וואַרטן אַ שעה אויף אַ געריכטס, און איר זענט זיי אין האַרץ אַלץ מוחל.

הורא און באַגריסונג פאַר דעם אויפקומענדיקן; שטילער רעספּעקט פאַר דעם אַוועקגייענדיקן!

דער רעסטאָראַן „יאַר" איז אַוועק, צוזאַמען מיטן אַלטן פּריצישן רוסלאַנד, און אויף אייביק אַוועק. דאָס אַמאָליקע ברייטע, פאַרשיכּורטע און פאַרנואַפטע, שפּיגל־ברעכערישע רוסלאַנד אין זיין צולאָזנקייט און צוהוליעטקייט — עס געהער צו דער פאַרגאַנגענהייט. און די אַלטע קעלנערס פון „יאַר" זענען אַ מצבה דערויף. וואָס האָבן זיי צו געבן דער וועלט אויסער שלעכטע עסנס פאַר הויכע פרייזן, אויף טעלערס, וואָס ציטערן אין זייערע אַלטע רעוומאַטישע הענט?

וועט אויפשטיין אַ ניי רוסלאַנד, און ווי אַזוי וועט דאָס אויסזען, און צי וועלן קומען נייע קאַפּיטאַליסטן — איך בין נישט קיין נביא און האָב נישט קיין חשק צו זאָגן נביאות.

אָבער קלאָר איז איינס: וואָס געווען, דאָס וועט מער נישט זיין. די נייע קאַפּיטאַליסטן און מעכטיקע פון דער וועלט (אויב אַזוינע וועלן מוזן קומען) וועלן האָבן גאָר אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדערן רעסטאָראַן „יאַר", און אַן אַנדערן שניט פון אַ ברייט לעבן.

ווייל אין רוסלאַנד איז געווען אַ רעוואָלוציע — געדענקט דאָס גוט! — אַ ברייטע און טיפע, אַ דערשיטערנדיקע און אויפטרייסלענדיקע. דאָס איז נישט געווען בלויז קיין מאַכט-פאַרכאַפּעניש, אַן איבערברוך אין דער מלוכה-אָנפירונג, נאָר הונדערט און פופציק מיליאָן פאַרשלאָפענע, קנעכטישע מענטשן האָבן געפיבערט אַ גרויס פיבער. אַזוינע רעוואָלוציעס פּאַסירן זעלטן אין דער געשיכטע, און מענטשן ווערן געלייטערט און איבערגעבוירן אין אַזוינע רעוואָלוציעס.

דער „יאַר" איז טויט, אָבער די מיטאָגן, וואָס איר באַקומט אין די פּאָפּולערע רעגירונגס- צי קאָאָפּעראַטיוו-רעסטאָראַנען, זענען אי טייער, אי נישט געשמאַק. עס איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין צייכן פון אַ ביסל קאָמפאָרט, אַ ביסל באַקוועמלעכקייט, אַ ביסל „עולם הזה", פאַר דעם דורכשניטלעכן מענטשן. דאָס לעבן איז געוואָרן צום דערטראָגן — נישט מער.

און אַז אין רוסלאַנד איז געווען אַ רעוואָלוציע, און טאַקע אויף אַן אמת געווען, דערין האָב איך מיך געקענט איבערצייגן ביי מיינע ערשטע עטלעכע ווערטער מיט אַ מענטש אויף דער גאַס. דער מענטש האָט געהאַלטן אַ רידעל אין דער האַנט און געאַרבעט ביים פאַרריכטן דעם טראָטואַר. פויל געאַרבעט. די אַרבעט האָט אויף יעדן פאַל נישט געברענט אונטער די הענט פון די אַרבעטער. (צייט איז טאַקע געלט, לויט ווי די אַמעריקאַנער זאָגן, אָבער וואָס איז דער מער מיט דער צייט, אַז זי איז שוין יאָ געלט, אויב דאָס געלט אַליין איז אַ בורזשואַזער ענין און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער) — פרעג איך אים, ווייל איך וויל הערן דאָס לעבעדיקע לשון פון לעבעדיקן

מאָסן-מענטש אין רוסלאַנד, פרעג איך אים, וואו איז דאָס דער האָטעל „סעלעקט"?

האָט דער מענטש זיך אָנגעלענט מיט ביידע הענט אויף זיין רידעל און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר שעלמישע אויגן און האָט צו מיר געזאָגט אַזוי:

— „סעלעקט? אָ, טאַם שיקאַרנאַ, טאַם פּאַראַדנאַ". („סעלעקט? דאָרט איז פיין, דאָרט איז פּאַראַדנע".)

און די ווערטער זענען געווען גענוג, אַז איך זאָל פאַרשפּאָרן צו פירן ווייטער דעם שמועס. ס'איז אַן אומזין צו שמועסן מיט אַ מענטש און פרואוון פון אים עפּעס געוואויר צו ווערן, ווען ער פילט נישט אין דיר זיינס גלייכן.

* * *

מיין ערשטער טאָג אין מאָסקווע איז געווען פיל מער געלונגען, ווי מיין אָנקומען און איינקוואַרטירן זיך. קודם-כל בין איך איבער דער נאַכט גענעזן געוואָרן, און האָב געהאַט רוסלאַנדס שטימונג, פון אַ געזונט-געוואָרענעם; צווייטנס, האָט דער הימל זיך אויסגעלייטערט און עס איז געווען אַ ביסל זון; און דריטנס, האָב איך אַרומשפּאַצירט, דאָס הייסט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער מאָסקווע, און דאָס איז איינס פון די גרעסטע

פאַרגעניגנס (גלויבט מיר!), אַרומצושלעפּן זיך אָן ציל אין אַ נייער שטאָט, וואו דו ביסט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.

און מאָסקווע איז נײַ — גאָר ווי נײַ! אַן אומדערהערטע שטאָט. איך שעם זיך אויסצוזאָגן: קיין שום שטאָט אויף דער וועלט האָט אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק מיט איר אייגנאַרטיקייט, מיט איר שטילער פּראַכט, מיט איר שיינקייט, וואָס רייסט קיינמאָל נישט די אויגן, נאָר גלעט שטענדיק די חושים — אַזוי ווי מאָסקווע. מאָסקווע איז פאַרביק, אָבער אַלע אירע פאַרבן זענען פון איין גאַמע: ווייס, גרין, בלייך-געל, העלראָזע ביז ציגל-קאָליר און דאָס גאָלד אויף די קופּאָלן פון די צערקוועס. די בלוט-רויטע אָפּיציעלע פאָן, זאָל זי מיר מוחל זיין, איז אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט צו דעם כאַראַקטער פון מאָסקווע, וואָס ווען דער שניי הילט זי איין, און אירע גאָלדענע קופּאָלן פינקלען, זינגט זי אינגאַנצן מיט אירע פאַרבן: אַ לעבעדיקע, געזונטע און פריידיקע, אַזוי ווי אַ רוסישע „באָיאַרינע” אין איר ווייסן קאָפּ-טראַכט און שלייער.

געבויט איז מאָסקווע, דאַכט זיך, פּלאַנלאָז. אַזוי איז אַ שטאָט זיך צעוואָקסן, קאַפּריז, ווי עס האָט זיך געוואָלט און עס האָט זיך געלאָזט, אָבער אין דער גאַנצער פּלאַנלאָזיקייט שלאָגט דורך אַ סטיל-פולקייט, אין די קרומע געסלעך אַזוי ווי אין די ברייטע פּלעצער, אין די קליינע „אָסאָבניאַקעס” אַזוי ווי אין די ריזיקע געביידעס, אַפילו די גריכישע קאָלאָניעס אין די מאַסיווע געביידעס זענען „פאַרמאָסקוועט” געוואָרן דורך אַ ראָזע פאַרב, וואָס באַדעקט זיי.

און איבער אַלעם דאָמינירט דער קרעמל און די פערציק מאָל פערציק צערקוועס, וואָס זענען צעוואָרפן און צעשפּרייט איבער גאַנץ מאָסקווע. אַ מאָדנע זאַך מיט די פערציק מאָל פערציק צערקוועס. גרויסע און קליינע, פאַר אָרעמע און פאַר רייכע, פאַרשידן געבויט, אין די פאַרשידנסטע צייטן, כמעט נישט ענלעך איינס אויפן צווייטן, און דאָך זענען זיי אַלע עפּעס אַזוי ווי פון איין האַנט אַרויסגעקומען. זיי האָבן אין זיך דאָס

בשותפותדיקע, וואָס ליגט אין דער קופּ, אין די מענטשן, אין דער ראָסע.

די גרויסע קאַטעדראַלן, געבויט פון די לעצטע רוסישע צאַרן, מיט זייער מאַסיווקייט און רייכקייט, זאָלט איר נישט אַריינרעכענען אין דעם חשבון פון די רוסישע צערקוועס, וואָס מענטשן האָבן געבויט פאַר זייער מענטשלעכן געברויך. די ערשטע האָבן זיך אויסגעלייגט צו שווער און צו מאַסיוו — זיי זענען שטיקער פּאָליטיק, אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון די לעצטע רוסישע הערשער. די קליינע צערקוועס זענען אין ערגעץ נישט איבריק — אַפילו פאַר דעם גרעסטן אַטעאיסט נישט. זיי זענען נישט אויפגעבויט, נאָר אַזוי ווי אויסגעוואַקסן פון באַרג זענען זיי. צי קען מען האָבן טענות צו אַ זאַך, וואָס שפּראָצט אַרויס פון באַרג?

די צערקוועס זענען געבליבן, אָבער די פרומקייט פון די מאָסקווער איינוואוינער האָט שטאַרק נאָכגעלאָזן. מען דערציילט, אַז מאָסקווע זאָל יאָ זיין פרום, אַז אירע צערקוועס זאָלן זיין פול געפּאַקט מיט בעטער. פון די גאַסן אָבער האָט זיך די פרומקייט אינגאַנצן אָפּגעטראָגן. וויפל איך בין נישט פאַרבייגעגאַנגען פאַר רוסישע צערקוועס, וויפל איך בין נישט אויסגעפאָרן מיט „איזוואָשטשיקעס", האָב איך נישט באַמערקט, אַז עמעצער זאָל זיך עפּנטלעך צלמען, אָדער אויף עפּעס אַן אַנדערן אופן אַרויסווייזן זיין רעליגיעזיטעט. און דער רוסישער מענטש נישט נאָר ביי זיך אין דער היים, נאָר אַפילו אין אויסלאַנד, האָט דאָך געפּלעגט ביי יעדער געלעגנהייט זיך איבערצוצלמען.

דאָס הייליקסטע אָרט פון מאָסקווע, די „איווערסקאַיאַ באָזשיאַ מאַטער", וואָס געפינט זיך אין דעם טויער, וואָס טיילט אָפּ דעם רויטן פּלאַץ פון דעם רעוואָלוציע-פּלאַץ, איז אויך נישט שטאַרק באַזוכט. נאָר אַלטע ווייבער טרעפט איר דאָרט, שטייענדיק אין אַ ריי, און אַ פאַרשעמטער פּאָפּ פאַר זיי. האַרט דערלעבן, אויף דער געביידע פון מוזעאום, שטייט אויפגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות: „די רעליגיע איז אָפּיום

פאַר די פעלקער". דער אויפשריפט איז אַ קלוגער, צו-קלוגער. די אַלטע ווייבער פאַרשטייען אַוודאי נישט די טיפע כונה פון די ווערטער. ברענגען זיי זייערע ליכט פון וואַקס צוזאַמען מיט זייערע וואַקסענע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן. די רעליגיעזיטעט, אויב זי איז דאָ, איז נישט אויף די גאַסן, נישט אויף די אָפענע פּלעצער. איבעריקנס, וואָס איז יאָ דאָ אויף די רוסישע גאַסן און אויף דער אויבערפלאַך פון רוסישן לעבן, אַחוץ דער אָפיציעלער אמונה — דעם קאָמוניזם?

די דיקטאַטור אין רוסלאַנד איז נישט קיין שפּילעכל.

וויפל מאָל איך בין דורכגעגאַנגען דורך דעם איווערישן טויער בײַ דער „הייליקער מוטער" און האָב געלייענט דעם אויפשריפט מיט גאָלדענע אותיות, אַז רעליגיע איז אָפּיום פאַר די פעלקער, אַזויפיל מאָל האָב איך געטראַכט: פאַר וועמען זאָל דאָס זײַן געשריבן? פאַר דעם פינסטערן מענטש? וואָס וועט ער פאַרשטיין פון דערדאָזיקער טיפזיניקייט? רעליגיע איז אָפּיום. נו, זייער גוט. איינמאָל, וואָס איז דאָס אָפּיום און מיט וואָס איז ער שלעכט? און אויב ער פאַרשיכורט, איז דאָס אויך נישט קיין גרויסער חסרון. פאַר דעם פאָלקס-מענטש, דעם אומגעבילדעטן, וואָס זײַנע זיידעס און עלטער-זיידעס זענען געווען גאָטספאָרכטיק און זיי האָבן אים די גאָטספאָרכטיקייט איבערגעגעבן בירושה צוזאַמען מיט דער מילך, וואָס ער האָט געזויגן, איז דער שפּרוך זייער אַ שווערער לאַטיין. פאַר דעם געבילדעטן אפשר? ער, מיין איך, דאַרף דאָס נישט, און עס איז צו-ווייניק איבערצייגנדיק פאַר אים, אויב ער איז, טראָץ זײַן מאָדערנער בילדונג, דאָך געבליבן רעליגיעז.

אָבער איינמאָל פאַרנאַכט (איך פאַרלויף אַביסל פאָרויס) איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן די קשיא: צוויי יונגע מענטשן, דאַכט זיך אַרבעטאָרער, זענען פאַרבײַגעגאַנגען פאַר דעם אָרט, און איך האָב געהערט, ווי איינער האָט סילאַביזירט, קוים-קוים דורכלייענענדיק: „רעליגיאַ — אָפּיום — דליאַ — נאַראָדאָוו". געענדיקט, האָט ער זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט שטילשווייגנדיק און דערנאָך אַוועקגעלייגט אַ ברייטן, אַ רוסישן: „פּראַווילנאָ".

ריכטיק! און איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

אַז ס'איז געשריבן מיט גאָלדענע אותיות, דאָ אויף דעם פּלאַץ פון דער רעוואָלוציע — איז עס „פּראַווילנאָ". וואָס דען זאָל עס זיין—נישט „פּראַווילנאָ"? נישט „פּראַווילנאָ" וואָלט געווען קאָנטער-רעוואָלוציע, בורזשואַזיע, דעניקין, קאָלטשאַק, די ווייסע, און דאָס אַלץ האָט ער פיינט.

אין רוסלאַנד איז אַלץ אַזוי, און מען פאַרשטייט גאָר־נישט אַנדערש. ענטוועדער—אָדער. ענטוועדער „פּראַווילנאָ" פון אלף ביז תיו, אָדער — קאָנטער-רעוואָלוציע, פּעטלוראַ, קאָלטשאַק און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

•

און מיט די נאָטיצן מיינע, — עס שאַדט נישט צו דער־ציילן — האָב איך געמוזט וואַרטן ביז איך בין אָפּגעפאָרן פון רוסלאַנד, און מיין מוח האָט ווידער באַקומען די פעיקייט צו טראַכטן. זייענדיק אין רוסלאַנד, בין איך נישט געווען פעיק עפּעס צו שרייבן.

ענטוועדער — אָדער.

IX

ווי עס פילט זיך דער „נעפמאַן".

רוסלאַנד אַמעריקאַניזירט זיך. איך בין נישט דער ערשטער רייזנדער, וואָס באַמערקט דאָס. עס וואַרפט זיך אין די אויגן יעדן באַאָבאַכטער, און עס קען דערין גאָר קיין ספק נישט זיין, אין מאָסקווע פילט איר דאָס נאָך שטאַרקער ווי אומעטום.

די אַמעריקאַניזאַציע ליגט קודם-כל אין דעם אויסערלעכן אָנבליק פון די מענטשן, וואָס זיי ווערן ענלעך איינער צום צווייטן. ס'פאַרשווינדן די אונטערשידן צווישן מענטשן, אַלע זענען גלייך אָנגעטאָן, קיינער קוקט נישט פון אויבן אַראָפּ און נישט פון אונטן אַרויף. מען קוקט בכלל איינער דעם אַנדערן נישט אָן, כּדי אים עפּעס אַרויסצולייענען פון די אויגן אַרויס, אַזוי ווי מען איז געוואוינט צו טאָן אין אייראָפּע. וואו מען זוכט נאָך אַן „עפּעס" הינטער די פאַקטן, אַ מיין אַ באַהאַלטענעם הינטער די ווערטער, אַוואו די סענטימענטאַליטעט איז נאָך גרויס (אַ ירושה פון אַלטע דורות) און מען זוכט נאָך אַ „נשמה" הינטער דעם מענטש מיט זיין פיזישער עקזיסטענץ.

צווייטנס, לעבן די מענטשן דאָך כּמעט אַלע אין די־זעלבע באַדינגונגען, עסן די אייגענע שפּייזן, וואוינען כּמעט אַלע אין דער זעלבער ענגשאַפט. אָפּגעמאָסטענע קוואַדראַט-מעטער לופט אויף אַ פּערזאָן. געוויס: עס זענען פאַראַן נעפּ-

לייט, רייכע מענטשן, אָבער וואָס זעען זיי זיך אָן אין מאָס-קווע! און קיינעם איז דאָך נישט אינטערעסאַנט אַרויסצוטראָגן זיין רייכקייט, און ווייזן זי אויף דער גאַס. רייכע מענטשן זענען נישט די גליקלעכע מענטשן אין רוסלאַנד. ער קען האָבן אַלץ, פאַר געלט קריגט מען געקויפט, אָבער איין זאַך קען ער זיך נישט איינהאַנדלען פאַר געלט — רו, זיכערקייט.

אוי, ווי זיי קלאָגן זיך, די נעפּלייט!

— די צרה איז — זאָגט מיר אַזאַ איינער — וואָס מען ווייסט נישט, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט...

היינט זיצט ער דאָ, האָט אַ פאַרמעגן, מאָרגן קען מען אים קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן, און דערצו אַוועקשיקן אין נאַ-רימער געגנט. פאַר אַ חטא עפּעס, פאַר אַ פאַרברעכן, אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. גיי ווייס, וואָס מען טאָר נישט, אַז לסך-הכל טאָר מען גאָרנישט.

מעגלעך איז, אַז אין אויסטויש פון סחורות, אין די רעדלעך, וואָס דרייען זיך, שפּילט דער פּריוואַטער האַנדל אַ גרעסערע ראָלע ווי די אָפיציעלע סטאַטיסטיק ווייזט (אַן ערך 25 פּראָצענט). אָבער דער קלאַס אַליין, דער געשעפטס-קלאַס, שפּילט קיין שום עפנטלעכע ראָלע נישט, מען זעט אים נישט אַרויס.

עס איז אויך נישט ריכטיק, אַז די פרויען קליידן זיך דאָ רייך. און דאָס איז שוין גאָר לגמרי נישט אַמעריקאַניש. רייך-געקליידטע דאַמען זענען זעלטן אַפילו אין די טעאַטערן, וואו מען קומט געוויינלעך באַוויזן טואַלעטן. און איר זעט נישט קיין פינקלדיקע בריליאַנטן. כאָטש עס זענען פאַראַן בריליאַנטן, און רייכע קליידער זענען פאַראַן, אָבער דאָס פּראָבלעם איז, וואו זאָל מען זיי באַווייזן. דאָס אויג פון „פינ-אינספּעקט" (פינאַנץ-אַמט) און פון דער גע-פּע-או איז אומעטום. ווער-ווער, אָבער אַ רייכע דאַמע, אַ פרוי פון אַ נעפּמאַן, וועט זיך געוויס נישט דערלויבן צו גלאַנצן מיט טואַלעטן און ברי-ליאַנטן אין טעאַטער, צי אויף אַ קאָנצערט. מאַכט מען דאָס שטילערהייט, „קאָנספּיראַטיוו".

אין מאָסקווע ווערן איצט געמאַכט „פאַמיליען-בעלער".
אויף אַזאַ „פאַמיליען-באַל" קומען זיך צוזאַמען אין ענגע דריי
צי פיר צימערן (דאָס איז שוין זייער אַ רייכע דירה, כמעט
פון אַ מאַגנאַט) א 10—15 באַקאַנטע צווישן זיך רייכע מענטשן,
און דאָרט גלאַנצט מען מיט דעם גאַנצן באַהאַלטענעם עשירות.
דאָרט קומט מען אין דעם טייערסטן זייד, פאַר וואָס איר מוזט
אין רוסלאַנד באַצאָלן אפשר 8 מאָל אַזויפיל ווי ביי אונז, און
מען ציט אַרויס פון באַהעלטעניש די קאָסטבאַרסטע בריליאַנטן,
און אָט אַזוי „ווייזט מען זיך", ד. ה. די טואַלעטן און ברי-
ליאַנטן, פאַר 10 צי 15 פאַר אויגן.

אויך אַ פאַרגעניגן.

נישטאָ וואָס מקנא צו זיין דעם נעפּמאַן אין רוסלאַנד.

איך פאָר מיט אַזאַ מענטש אין איין אויטאָ, הייסט ער
דעם שאָפער, ער זאָל אויסלעשן דאָס ליכט אינעווייניק. טאָמער
וועט דורכגיין עמעצער און וועט אים זען פאָרן אין אַן אויטאָ,
און גראָד אַזאַ עמעצער, וואָס דאַרף נישט צו וויסן, אַז ער
קען זיך ערלויבן צו פאָרן מיט אַן אויטאָ. און דער ייד פירט
אַ פאַבריק און עס אַרבעטן ביי אים עטלעכע הונדערט אַרבע-
טער, און פאַרדינט מסתמא זייער שווער געלט.

סך-הכל, טענהט ער מיט מיר איין, האָט ער באַשלאָסן,
אַז אויב מען וועט אים געבן אַ קוועטש-צו, וועט ער זיך פאַר-
שרייבן אויף ערד-אַרבעט, און וועט ווערן אַ פויער. אַ סוף זאָל
עס נעמען! ער איז אַפילו נישט געוואוינט צו שווערע אַרבעט,
ער שטאַמט פון נגידים, זאָגט ער, אָבער אַז אַלע קענען, וועט
ער אויך קענען. דערדאָזיקער קאַפּיטאַליסט גלויבט אַפילו נישט,
אַזוי ווי דער ייד דער תקיף אין מינסק, אַז די הערטקייט פון
באָלשעוויסטישן סיסטעם וועט ווערן מיט דער צייט ווייכער.
ער וויל זיך גאָרנישט טרייסטן. פאַרקערט, ער מיינט, אַז דאָס
סיסטעם וועט האַלטן, וויאַזוי האַלטן — ווייסט ער נישט. אָבער
עס וועט האַלטן. נישטאָ קיין כוח, וואָס זאָל דאָס סיסטעם
ברעכן. מיט זיינע אַרבעטער טענהט ער זיך אויס אויפן סאַמע
בשוטסטן אופן. אויב אַן אַרבעטער שיכורערהייט צעיאַכמערט

זיך און זאָגט אים אַריין: „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ", ענטפער ער צוריק: „אַ טי רוסקי כאַם". דאָס, ווייסט ער, מעג ער. דער באָלשעוויזם גאַראַנטירט אים דידאָזיקע גלייכבאַרעכטונג. אָבער וואָס מעג ער און וואָס טאָר ער נישט אַלס נעפמאַן? כאָטש דאָס ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט!..

ווייסט ער אָבער דאָס נישט, און איז דעריבער שטענדיק ברוגזאיש, און שטענדיק איז די באָרד ביי אים נישט ראַזירט. באַרימער געגנט איז נישט קיין געשמאַקע פּערספּעקטיוו.

און אָט וואָסערע טענות ער האָט צו די באָלשעוויקעס: ער איז אַ ייד אַ משכּיל און האָט ליב צו פילאָזאָפירן. תּחילת האָב איך געמיינט, זאָגט ער, אַז מען באַגייט זיך מיט אונז אַזויווי מיט אַ קינד, וואָס מען וויל אָפּגעוווינען פון דער ברוסט. מיין מאַמע פלעגט אָנשיטן פעפער אויף דער ברוסט. דעם קינד האָט זיך געוואָלט זייגן, און עס האָט אים אָנגעהויבן צו ברע-נען אין פּיסקל, און עס האָט אָפּגעלאָזט. האָט זיך ווידער אַמאָל געוואָלט, איז ווידער דאָס אייגענע. אַזוי לאַנג ביז עס האָט זיך אויפגעהערט צו וועלן. מיט אונז, די נעפּלייט, האָט מען זיך אויך אַזוי געשפּילט. האָט מען דאָך געקענט מיינען, אַז די כּוונה דערפון איז, אַז מיר זאָלן זיך אָפּגעוווינען אינגאַנצן? אַז דער גאַנצער „נעפּ" זאָל פאַרשווינדן? איז אָבער די צרה, וואָס דאָס מיינט מען אויך נישט...

הכּלל — ער קען נישט משיג זיין מיט זיין שכל, און ער איז אַן אַלטער משכּיל, און האָט ליב אַלץ צו פאַרשטיין ביז צום תּוך.

דאָס איז איין צרה, אַזוי צו זאָגן, די צרה פון אַלע פילאָזאָפן, וואָס ווילן דווקא אַלץ דערגרונטעווען.

פאַראַן אָבער נאָך איין צרה, אַ דאגה אויפן קאָפּ, וואָס טאַקע נאָר אַ נעפּמאַן קען האָבן, און נישט קיין אַנדערער.

אַ מעשה מיט אַ יונגער טאָכטער, אַ שיינע, אַ וואוילע, אַ געראָטענע, אַ גוטע און אַזוי ווייטער. ער האָט זי אָפּגעגעבן אויף אַ שטעל. 80 רובל אַ חודש פאַרדינט זי; זי דאַרף

עס נייטיק האָבן?.. וואָס דען? ס'איז בעסער. עס איז נישט קיין קלייניקייט פאַר אַ נעפּמאַנס טאָכטער, אַז זי קריגט אַרויס אַ ביכל פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין... אַ מיטגליד פון אַ פּראָ-פאַריין איז אַ לעגיטימער מענטש...

איז זי אַלט דאָס מיידל אינגאַנצן ניינצן יאָר, און ער וויל זי חתונה מאַכן. די יוגנט אין רוסלאַנד איז איצט אַזוינע, וואָס דערלויבט זיך אַלצדינג און פרעגט ביי קיינעם קיין דעה נישט. עס שפּילט נישט קיין ראָלע חתונה צו האָבן, עס שפּילט נישט קיין ראָלע זיך צו גטן, און עס שפּילט נישט קיין ראָלע אַזוי צו האָבן אַ קינד. קיינער וועט דיר נישט טאַדלען דערפאַר. אמת, זיין מיידל איז אַן אויסנאַם, ער גאַראַנטירט פאַר איר. זי איז אַ גוטע טאָכטער, און ער זוכט פאַר איר אַ חתן...

וויל ער האָבן פאַר איר אַ חתן — אַ קאָמוניסט. נישט אַנדערש נאָר אַ קאָמוניסט... פאַרוואָס אַ קאָמוניסט? ווייל אויב אַ מיטגליד פון אַ פּראָפאַריין איז אַ לעגיטימער מענטש, איז אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי דער מענטש. די איינטיילונג לויט דער סאָציאַלער שטעלונג אין רוסלאַנד קען געמאַכט ווערן אויף פאָלגנדיקן אופן: א) אַ קאָמוניסט, ב) אַן אַרבעטער, אַ מיטגליד פון אַ פּראָפאַריין, ג) אַ פּויער, ד) אַ בעל-מלאכה (קוסטאַר), ה) אומבאַשטימטע, ו) אַ נעפּמאַן.

איז דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס אַ מענטש פון לעצטן נעפּמאַנישן שטאַנד האָט די אַמביציע אויפצוהויבן זיין שטאַם ביז צום אויבערשטן, סאַמע העכסטן שטאַנד. די מענטשלעכע נאַטור בלייבט זיך אַליין שטענדיק גלייך. און נאָר אין אַלטן קלאַסישן אינדיען איז פאַרבאָטן געווען פאַר די פיר שטאַנדן איבערצוקלעטערן אויף די שטאַפּל פון לייטער, און ווער ווייסט, צי מען האָט דעמאָלט געפאָלגט!

וויל ער זי חתונה מאַכן מיט אַ קאָמוניסט, און ער האָט איינעם אויפן אויג, אָבער דאָ הויבט זיך אָן די צרה, פון וואָס ער שלאָפט נישט גאַנצע נעכט.

גוט. ער וועט אים (איר — הייסט עס) קויפן אַ דירה,

איינאָרדנען. ער וועט אָפּלעבן צוויי־דריי חדשים, וועט ער גע־פינען אַן אַנדערע, וועט ער מעלדן אין אַמט, און פּטור! איז וואָס? האָט אים געקאָסט עטלעכע טויזנט רובל. דאָס שפּילט ביי אים קיין שום ראָלע נישט. איך מעג עס אים גלויבן (און איך גלויב אים), אָבער פאַרוואָס זאָל ער אָפּגעבן אַ יונגע בליענדיקע אומבאַרירטע שיינקייט אַ מענטש גראָט אַזוי?! אָט וואָס ס'נאָגט זיין האַרץ!

ער איז אַ כוואַט אַ יונג, אַ שיינער, אַן ענערגישער און אַן אָרנטלעכער, אַן אידעאישער, דער קאָמוניסט. אָבער אַז ער וועט זען אין עטלעכע חדשים אַרום אַן אַנדער שיין יונג מיידל און וועט זיך אין איר פאַרליבן — ווער וועט אים דע־מאָלט שטערן, אַז ער זאָל זיך נישט צוגיין מיט זיין טאָכטער און חתונה האָבן מיט דער נייער? — קיינער וועט אים דערין נישט שטערן, און קיינער וועט צו אים קיין טענות נישט האָבן. אַפילו נישט זיין אייגן געוויסן: ער האָט ליב געהאַט אַ מיידל, האָט ער מיט איר געלעבט; ער האָט זי אויפגעהערט ליב צו האָבן און האָט ליב געקריגן אַן אַנדערע — לעבט ער מיט דער אַנדערער. העכסטנס, אויב זי וועט האָבן אַ קינד, וועט ער איר צאָלן „אַלימענטן", אַ דריטל פון זיין פּענסיע.

דער נייער רוסישער קאָדעקס האָט אויף דעם געביט פון געשלעכטלעכן צוזאַמענלעבן אויסגעאַרבעט די פרייסטע, וויים־גייענדיקסטע נאָרמען. די דידאָזיקע נאָרמען זענען צוגעפּאַסט צו דעם איצטיקן געמישטן, האַלב־קאַפּיטאַליסטישן, האַלב־סאָציאַ־ליסטישן סיסטעם אין רוסלאַנד — די פראַגע בלייבט נאָך העגגען. די פראַגע איז, צי די געזעצן דריקן אויס דאָס מאָראַלישע עמפּפינדן פון די מענטשן אויף דעם געביט.

אָבער אַן עפנטלעכע מאָראַל איז אין רוסלאַנד שווער צו געפינען. פאַראַן נאָר איין עפנטלעכקייט — אַ קאָמוניסטישע

אָבער איך בין אַ ביסל אַראָפּ פון מיין טעמע. די כאַ־ראַקטעריסטיק פון דעם נעפּמאַן האָט באַצוועקט צו אילוסטרירן זיין נישטיקייט, זיין דערשלאָגנקייט, און אַז אויף דער אויבער־פלאַך פון לעבן זעט ער זיך נישט אַרויס. דער כאַראַקטער פון לעבן, נישט נאָר פון דער פּאָליטיק און דער פאַרוואַלטונג, נאָר אַפילו פון אויסערלעכן אָנבליק, גיט נישט דער נעפּמאַן, און ער מאַכט אַפילו נישט אויס קיין אָנגעזעענעם שטריך אין דער פיזיאָגנאָמיע פון לעבן.

נו, אַז איר נעמט אַוועק דעם אַמאָליקן בייכיקן קאַפּיטאַ־ליסט, דעם אָפיציר מיט די ווייסע הענטשקעס, דעם הויכן באַאַמטן, דעם סטודענט אין זיין פאָרמע, און די רייכע דאַמע און די „באַרישניאַ" — האָט איר איצט אין רוסלאַנד אַן איינ־הייטלעכע דורכשניטלעכע מאַסע – אַ גלייכקייט, אמת, אויף זייער אַן אָרעמער באַזע, נישט צו פאַרגלייכן מיט אַמעריקע, אָבער פאָרט אַמעריקאַניזירט.

אָבער ס'איז נישט בלויז די גלייכהייט, מיט וואָס רוסלאַנד אַמעריקאַניזירט זיך; פאַראַן נאָך אַנדערע באַדייטנדע סימנים פון אַמעריקאַניזאַציע, און וועגן זיי וועט אויסקומען צו רעדן באַזונדער.

X

וואו זענען די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן?

צי זענען דאָ אין מאָסקווע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן און וואו זענען זיי?

מיין באַקאַנטשאַפט האָט דערגרייכט ביז צום יידישן רייכן מענטש, ביז צום נעפמאַן, ביז צום אַלטן אָפגעקומענעם גביר, וואָס מען האָט אים אַלץ צוגענומען, ביז צום אַמאָליקן כלל-טוער און ביז צום פירער פון דער קהילה. (פאַראַן אַן איבער-בלייבעניש פון דער מאָסקווער קהילה, אין דער פאָרם פון אַ געזעלשאַפט פאַר סינאַגאָגעס און אַ פאַרוואַלטונג פון אַ גמילת-חסדים-קאַסע). אָבער וויפל איר זאָלט דאָ נישט זוכן, וועט איר קיין קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן נישט געפינען. דאָס הייסט: איר וועט נישט געפינען קיין יידישן מענטש, וואָס זאָל האָבן אַ חשק אַראָפצוּוואַרפן די באָלשעוויקעס. פון אַ ק ט י וו ע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן איז דאָך אָפגערעדט, — אַזוינע זענען אויף דער יידישער גאַס נישטאָ. די מיינונג פון די רוסישע יידן איז, אַז די באָלשעוויקעס, וואָס זיי זאָלן נישט זיין און וואָס זיי זאָלן נישט טאָן, אָבער מיטן ביסל לעבן איז מען ביי זיי זיכער, און פאַר קיין פאָגראָמען איז נישטאָ מורא צו האָבן אַזוי לאַנג ווי-

זיי האַלטן זיך. דאַקעגן אָבער אין פאַל פון אַן איבערקערעניש, פון אַ פּאָליטישן איבערברוך, איז קיין שום זיכערקייט נישטאָ, און עס הערשט כּמעט ווי אַ געוויסקייט, אַז אין אַזאַ פאַל שפּילן יידן מיטן לעבן... וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן? דאָס ביסל לעבן איז פריער פאַר אַלץ. די איינציקע פאָרם פון יידישן קאָנטער-רעוואָלוציאָניזם קאָן זיך אויסדריקן נאָר אין דער פאָרמול: „עס איז שלעכט מיט זיי און ס'איז ביטער אָן זיי", אָדער נאָך קאָן עס זיך אויסדריקן אין עפּעס אַ האָפענונג, אַז מיט דער צייט „וועלן זיי ווערן מענטשן". דאָס הייסט, אַז די באָלשעוויקעס אַליין וועלן איינזען, אַז זיי גייען נישט אויפן ריכטיקן וועג.

איך האָב נישט געטראָפן קיין יידן אין רוסלאַנד, וואָס זאָלן שטיין און ציילן די טעג פון באָלשעוויזם און וואַרטן אויף זיין סוף. און אַזוינע טיפּן, וואָס זענען צו יעדער צייט גרייט צו זאָגן: „אָט, אָט איז געקומען זייער סוף. נאָך זעקס חדשים, און איך גאַראַנטיר אייך"... — אַזוינע טיפּן טרעפט איר פיל צווישן די רוסישע יידן פון די „עמיגראַציעס", וואָס וואוינען אין פּאַריז, בערלין צי אין וואַרשע. אַממייניסטנס זענען דאָס מענטשן, וואָס האָבן געלאָזט פאַרמעגנס אין רוסלאַנד, פאַבריקן, הייזער און מען בענקט, פאַרשטייט זיך, נאָך אַזאַ רעזשים וואָס וועט זיי דאָס אַלץ אָפּגעבן. חלומען זיי כּסדר וועגן דעם סוף פון די באָלשעוויקעס, וועגן אַ גרויסער אויסלענדישער אינטערווענץ, אַ מלחמה מיט ענגלאַנד, אַ נייעם דעניקין, טוט מען און מען ציילט די וואָכן און חדשים, וואָס דער באָלשעוויזם האָט נאָך צו עקזיסטירן, און מען וואַרט, מען וואַרט אויף זיין סוף. אין רוסלאַנד גופא וועט איר אַזאַ טיפּ ביי יידן קוים טרעפן. און פאַנטאַזירן איז גרינג פון דער ווייטנס, נישט ווען מען איז אויפן אָרט. די קאָמוניסטן פאַרמאָגן אַ געוואַלדיק גרויסן כּוח, און מען זאָל דעם כּוח נישט מעסטן בלויז מיט דער שטאַרקייט און צאָל פון דער רויטער אַרמעע. אַן אַרמעע אַליין, און די שטאַרקסטע, איז נישט דער ריכטיקער באַווייז פאַר שטאַרקייט. האָבן מיר דען נישט געזען פאַקטן פון אַרמעען, וואָס זענען איבער נאַכט פון אַ שטיצע געוואָרן אַ האַמער צו

שלאָגן אירע באַהערשער? — די קאָמוניסטן שטיצן זיך קודם-כל אויף זייער אייגענער אָרגאַניזאַציע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַליין אַ גרויסע אַרמעע, שטענדיק מאָביליזירט, שטענדיק אין גרייטשאַפט און שטענדיק אָן וואַקלעניש. זי ציילט איצט אַן ערך אַ מיליאָן מיטגלידער, און צוויי מיליאָן קאָמוניסטישע יוגנט (קאָמסאָמאָל). דאָס זענען דריי מיליאָן מענטשן ענערגישע, אַקטיווע און צום מייסטן אויך די פעסטע פון דער באַפעל-קערונג, און זיי האָבן זייער גורל אויף טויט און אויף לעבן פאַרבונדן מיטן סיסטעם. דאָס איז פיל מער ווי אַ ווערבירטע אַרמעע. די דיסציפּלין איז אַן אייזערנע. פאַר אַ קאָמוניסט טאָר קיין זאַך נישט עקזיסטירן, קיין נאָענטער, קיין קרוב, קיין פריינט. ער איז מחויב צו מסרן זיין נאָענטסטן און ליבסטן פאַר דער גע-פּע-או, ווען ער דערוויסט זיך וועגן עפּעס. יעדער קאָמוניסט געפינט זיך אויף זיין שטעל אַזוי ווי אַ זעלנער פון אַן אַקטיווער אַרמעע, וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט לויט אַ באַ-פעל, און נאָר דורך אַ באַפעל האָט ער דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. קיין שום שוואַכקייטן, קיין שום אויסריידן ווערן נישט געדולדט. — „זייט גרייט!" — „שטענדיק גרייט!" דאָס איז דער גרוס פון די „פּיאָנערן" (קאָמוניסטישע שול-קינדער) און עס איז אויך די פאַקטישע שטימונג פון די קאָמוניסטן, די שטימונג, וואָס איז ביי זיי פאַרבליבן נאָך די יאָרן פון די שרעקלעכע מלחמות, וואָס זיי האָבן געפירט אין לאַנד גופא — — „שטענדיק גרייט!"

אַ קאָמוניסט מוז האָבן אויערן, וואָס וואַכן אויך אין שלאָף. אינמיטן דער נאַכט קאָנען די פאַבריקן אַלע אָנהויבן צו פייפן, אַ סיגנאַל ווערט געגעבן, אַ „טרעוואָגע", מוז יעדער קאָמוניסט זיך אויפכאַפּן, נעמען זיין רעוואָלווער און מעלדן זיך אין זיין „קעמערל" (יאַטשעיקאַ). אַלע זייטיקע מענטשן מוזן דעמאָלט פאַרלאָזן די גאַס. אַהיים, אַהיים, אונטער פיר ווענט, יעדער, וואָס איז נישט קיין קאָמוניסט! קומט ער אין „קעמערל", וואָס געפינט זיך אין פאַבריק, צי אין אַנשטאַלט, צי אין קלוב, מעלדעט דער פאָרזיצער, אַז ס'איז געווען אַ פּראָבע-מאָביליזאַציע

פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זי איז דורכגעגאַנגען אין אָרדנונג, אַזאַ און אַזאַ פּראָצענט איז נישט געקומען, און מען גייט ווידער אַהיים שלאָפן.

נישט לאַנג פאַר מיין ווײַלן אין מינסק איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן אַזאַ קאָמוניסטישע מאָביליזאַציע.

און די דריי מיליאָן מענטשן פאַרמאָגן דאָך, אַחוץ דעם פיזישן כוח, אויך נאָך דעם כוח פון אַן אידעע — דעם קאָמוניזם — וואָס פאַרבינדט זיי. דאָ ליגט די שטאַרקייט פון דער איצטיקער אָרדנונג אין רוסלאַנד.

דער אַלטער הערשנדיקער קלאַס — דער אַדעל — איז אָפּגעווישט; דער נייער קלאַס, וואָס האָט פאַרנומען זיין אָרט, הייסט — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איך זאָג: „אַ קלאַס", אָבער דאָס וואָרט דאַרף מען נישט נעמען אין זיין סאָציאַלן באַטייט. געמיינט איז: אַ הערשנדיקער עלעמענט, וואָס פאַרשטייט (אויסגעצייכנט!) די קונסט פון הערשן און דער באַטייט פון מאַכט.

יידן זענען מבינים אויף אַזוינע זאַכן. און דעריבער גלויבן זיי נישט, אַז מען וועט די באָלשעוויקעס ברעכן. און עס ווילט זיך דערין נישט גלויבן: צו גרויס איז די מורא פאַר דעם אָפּגרונט, וואָס עפנט זיך דעמאָלט...

נאָר איין-אײנציק מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן אַ יידישן שאָפער אין דרום-רוסלאַנד, וואָס האָט מיר איינגערוימט אַלע בייזע נביאות.

יידן שפּילן זיך מיט פייער — מיינט ער — דערמיט, וואָס מען מאַכט יידישע שולן און יידישע קאָלאָניעס. ער — וואָס מיינט איר איז ער געווען? ער האָט געדינט אין קערענסקיס אַרמיי אין אַן אויטאָמאָביל-אָפּטיילונג. האָט מען זיי אַרויסגערופן פון פראָנט, כדי צו קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס. און ער האָט געזען דעמאָלט, וואָס ס'טוט זיך. פון איין זייט זענען געווען די אָפיצירן, די וואוילגעבילדעטע און רייכע, פון דער צווייטער זייט איז געווען די שטאָטישע אָרעמקייט, וואָס איז נעגאַנגען מים רויטע פאָנען און אַנטקעגן זיי האָט מען דאָס אַרויסגערופן די געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן. האָט ער נישט

לאַנג געטראַכט: דעם אָפּיציר פון זײַן אָפּטײלונג האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט, און אַלײן האָט ער איבערגענומען די קאָמענדע און איז איבערגעגאַנגען מיט דער אָפּטײלונג צו די רויטע, אָט אַזאַ איז ער... אָבער דאָס וועט זיך אַלץ שלעכט ענדיקן, מײנט ער. אין זײַן פּראָפּאַראײַן זענען 90 פּראָצ. אַר־בעטסלאָז... אין דרום־רוסלאַנד, פאַרשטײט זיך, האָבן פּריוואַטע שאָפּצרס קײן אַרבעט נישט, און אַפילו אין מאָסקווע זענען פּריוואַטע אויטאָמאָבילן זײער װײניק. און ער איז אָנגעשטעקט מיט אַ טיפן פּעסימיזם.

וואָס־זשע? ס'וועט זײַן שלעכט. אָט זײַן ערשט קינד האָט ער מל געווען און געמאַכט פאַר אַ ייד. איצט איז אים גע־בוירן געוואָרן אַ קינד, ווײַל ער נישט הערן מער פון יידישן. זײַן ווײַב פאָדערט, מען זאָל עס יידישן... וואָס ווײסט אַ פרוי! ער האָרכט זי נישט. ער אַנטלויפט פון יידישקײט, צוליב מורא. עס וועט זײַן שלעכט...

און עס איז קײן חידוש נישט, וואָס ער איז אין אַזאַ שטימונג. שאָפערס זענען בכלל ווײַט פון „פּראָלעטאַרישער פּסיכאָלאָגיע”, און דערצו נאָך — אַרבעטסלאָזע שאָפערס. אין זײַן פּראָפּאַראײַן מאַכן יידן אויס אַ קלײנעם פּראָצענט. ס'זענען מײנסטנס רוסן, גריכן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. איך שטעל מיר פאָר, אַז אין אַזאַ סביבה מוז זײַן אַ געדיכטע שטימונג פון האַס קעגן דעם באָלשעוויזם. ער אַלײן איז באַמיט אָפּצו־מעקן פון זיך די שפּורן פון יידישקײט.

און ער טענהט זיך מיט מיר אויס אויף רוסיש (ער רעדט זײער אַ צעהאַקט רוסיש): וואָס־זשע? איך בין אַ „שקורניק” — בין איך. (אַ „שקורניק” הײסט אין רוסלאַנד אַן עגאָאיסט, אײנער, וואָס זאָרגט נאָר פאַר זיך.) אַלץ אײנס!

פון רוסישן גראָען מענטשן: עס רעדט זיך נישט פון אַרבעטער און פון דעם אָנגעשטעלטן, נאָר פון דעם „איזוואָש־טשיק”, פון האָטעל־באַדינער, פון גאַסן־הענדלער — וועט איר אַ וואָרט זעלטן אַרויסבאַקומען. אין דרום־רוסלאַנד איז דער „איז־וואָשטשיק” מער באַרעדעוודיק, אין מאָסקווע איז ער איצט,

ומשמעות — נישט שטענדיק אַזוי געווען) אַ גרויסער שווייגער. זיין גאַנצע פּראַכט האָט זיך אויך אָפּגעטאָן פון אים. דער מאָסקווער „איזוואָשטשיק" האָט, דוכט זיך, אַמאָל געשמט אויף דער וועלט. איצט איז עס אַ קליינס און אַ דאַרס, און איר זעט נישט פון הינטן זיין אַמאָליקע רוסישע ברייט-אַחורקייט, און דאָס פערדל איז אַ קליינס, און דאָס דראָשקעלע איז אַן אָרעמס. אַ בערדל איז אים געבליבן, וואָס זעט אויס אַזוי ווי אויסגעצופּט און פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר. פון די אַלטע צייטן איז אים געבליבן נאָר די גוטע מאַניער זיך צו דינגען. אָנצוהויבן פון אַ הויכן פּרייז און פאַמעלעך אַראָפּצולאָזן. „ס'איז ווייט, בירגער, איר וועט געבן אַ רובל מיט אַ פּאָלטיניק". זייט זיכער, ער וועט פירן פּאַר אַ העלפט, בתנאי איר זאָלט אייך מיט אים אַ שטיקל צייט דינגען. אַ פערדל באַדאַרף היי צו קייען, און אַ „איזוואָשטשיק" באַדאַרף זיך דינגען... ווייטער אָבער שווייגט ער. ער צלמט זיך נישט פאַר די צערקוועס, רעדט נישט און שילט זיך אפילו נישט מיטן „איזוואָשטשיק", וואָס פאַרפאָרט אים דעם וועג. נאָר עפּעס מוחלט ער צו זיך, צי צום פערדל — אומבאַקאַנט. ס'איז האַלב אַ רעטעניש, האַלב אַ מין אונטערזינגען—נישט אונטערצושיידן. דאָס קליינע פערדל לויפט מיט אַלע כוחות, און ער שלאָגט עס אָן רחמנות, אָבער אויך אָן כּעס.

— ווי-זשע, בירגער, גייען די געשעפטן? פאַרדינט זיך גוט? — פּרוּווט איר צו פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך.

— אַזוי זיך. ווי אַ טאָג.

— וואָס-זשע? צופרידן?

קוקט ער אייך אָן מיט אַ פּאָר גראָע אויגן און ענטפערט מיט אַן אומבאַשטימטע פּראַזע, אַזוי ווי ער אַליין איז אינגאַנצן מיט זיין פערד-און-וועגל — אַ שטיק אומבאַשטימטקייט.

אפשר וויל ער עמעצן אַ מעסער אין האַרץ אַריינ-שטעכן. און אפשר וויל ער עמעצן אַרומהאַלזן, און אפשר וויל ער גאָרנישט.

אָבער ער מורמלט. וויפל איך בין נישט אויסגעפאָרן מיט

„איזוואָשטשיקעס" אין מאָסקווע, האָבן זייערע ליפּן שטענדיק עפּעס געמורמלט: זיי אַ וועלט-חכם און טרעף, וואָס דאָס באַטייט.

אַ „איזוואָשטשיק" פון אַלטן טיפּ, אַ רויטער, פול-בלו-טיקער, ברייט-לייביקער, טאַקע מיט אַ רויטן גאַרטל און אַ גוט פערד, האָב איך נאָר איינמאָל געטראָפן, און איך האָב ענדלעך, ענדלעך געכאַפּט דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנער פון ריינעם בלוט און ראַסע. די מעשה איז געווען, וואָס איך בין צוגעפאָרן צו אַן אויסלענדישער געזאַנדשאַפט, און האָב אָנגערופן דעם נאָ-מען פון דער גאַס און דעם נומער.

ער האָט מיר געקוקט אין די אויגן מיט קענטיקן נחת:

— מיר ווייסן. דאָס איז הויז פון פירשט ק...

פרעג איך בתמימות: די געזאַנדשאַפט האָט דאָס גע-קריגן געשענקט?

— זיי שענקען נישט. נישט אַזוינע זענען זיי. וואָס זיי נעמען צו, דאָס שענקען זיי קיינעם נישט. פאַרקויפט פאַר גוט געלט...

און מיר האָבן זיך צערעדט: ער האָט אין מיר דערקענט אַן אויסלענדער.

— און ווי איז דאָרט ביי אייך? אַלץ ווי געווען? מענטשן לעבן?..

האָב איך אָנגענומען אַ שווייגנדיקע פּאָזיציע:

— ביי אונז איז אַזוי זיך. דער רייכער איז רייך, און דער אָרעמער איז אָרעם...

— אונזער אָרעם פאָטערלאַנד... — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט.

דאָס איז געווען כמעט די איינציקע באַגעגעניש מיינע אין רוסלאַנד מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם שונא פון סיסטעם. די איבריקע שווייגן.

אַ האָטעל-באַדינער, וועמען איך האָב געזען עטלעפע מאָל יעדן טאָג, האָט ערשט נאָך אַ וואָך צייט געוואַגט מיר

צו שטעלן אַ פראַגע: צי איז דאָס אמת, אַז אין אויסלאַנד איז פאַראַן פרעסע-פרייהייט?

און אַז איך האָב געענטפערט דערויף, אַז דאָס ווענדט זיך וואו, אין וועלכער מדינה, אַז אין דייטשלאַנד, למשל, גייט אַרויס אַ טעגלעכע קאָמוניסטישע צייטונג, האָט ער אויפגעשטעלט מויל און אויערן:

צי איז דאָס מעגלעך?

און אויך ער איז באַלד אנטשוויגן געוואָרן...

XI

סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

איך וויל אייך פאָרשטעלן סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַ רוסין פון קאָפּ ביז צו די פיס, פון דעם אומהיימלעכן גלאַנץ פון אירע אויגן ביז צום באַהאַלטנסטן ציטער פון איר נשמה...

— „סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, פּאָזנאַקאָמטיעס” (זייט באַקאַנט)... — און זי דערלאַנגט אייך אַ גרויסע פליישיקע האַנט; איר מאַסיווע פיגור — הויך און ברייט געוואַקסן איז זי, — אַז זי האָט זיך גערוקט נאָענט צו אייך, האָט זי, דאַכט זיך, אויסגעפילט דעם גאַנצן רוים, און עס איז גאָרנישט מער געבליבן ווי זי אַליין — סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ.

אָבער אין די אויגן איז אַ דערשלאָגנקייט, אַן אונטערטעניקייט, רוסישע „גוטסקייט”, — יענע „גוטסקייט”, וואָס באַרואיקט נישט, נאָר זי האַלט אייך שטענדיק געשפּאַנט.

די רוסישע נשמה — דאָס איז אַזאַ מין ים, וואָס פון אויבן קאָן ער זיין רואיק און גלאַטיק און אונטער דער אויבערפלאַך זאָלן דאָרט בושעווען שטורעמס און אוראַגאַנען.

און יעדער בליק פון סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ שפּיגלט-אָפּ

בלויז די אויבערפלאך פון איר געמיט, און הינטן בלייבט דאס אומבאקאנטע, דאס אומהיימלעכע. וואס איז עס? — אט וואס:

צען יאר רעוואלוציע. בירגער-קריג, דינסט אין דער טשע-קא; צען יאר וואגלעניש און קויקלעניש, פון רייכן סאלאן ביז צום שמוציקסטן קעלער פון א פריוט; צען יאר ארומשלעפן זיך איבער רוסלאנד פון צפון ביז דרום, פון דעם הונגעריקן פעטערבורג ביז צו די פעלדער פון אוקראינע; צען יאר אין סאמע מיטן פון די אכזריותדיקע געשעענישן, וואס קיין מענטשלעכע געשיכטע ווייסט אפשר נישט זייער גלייכן; צען יאר, וואס אין זיי האט א מענטש דורכגעלעבט מער ווי אין צען מענטשלעכע לעבנס אין געוויינלעכע צייטן, — און סאפיא אלעקסאנדראוונא האט אלץ מיטגעמאכט, וואס איר ווילט נאר.

אלט איז דאס באשעפעניש איינגאנצן א יאר 22, און געלעבט האט עס א וועלט א גאנצע.

זי איז געבוירן און דערצויגן אין זייער א רייך הויז אין פעטערבורג. דערצויגן אויף צו גלאנצן אויף בעלער. ווייל זי איז איצט אפילו, נאך דעם אלעם וואס זי האט איבערגעלעבט, געבליבן א שיינקייט, א טיפ פון די גרויסע בלאנדע מענטשן, וואס זענען געקומען מיט אויפגעהויבענע קעפ און מיט בלאע אויגן פון די צפונדיקע וועלדער ארויס, זייערע ערשטע היימען, און וואלטן, דאכט זיך, צושמעטערט די גאנצע וועלט, אזוי ווי די ראסע פון די לעגענדארע ריזן, ווען נישט זייער בלא-אויגיקייט און בערישע גוטמוטיקייט.

אבער די בלאנדקייט פון אירע האר איז אפגעוועלקט; בראנע אכזריותדיקע געשעענישן האבן די האר געפארבט. מאט, גלאנצלאז און ערדיק. און ווען—פרעגט זיך—האט זי זיי געוואשן? פון 15-טן יאר פון איר לעבן ביז צום 22-סטן, ווער קאן זאגן, ווען און צי בכלל דאס איז געשען!

און די פארב פון איר פנים איז מאט, עלפנביייניש-מאט. זי האט אמאל אבער געמוזט זיין צארט און דורכזיכטיק — אט דעמאלט, ווען זי האט געגלאנצט אין פאטערס הויז.

אין פעטערבורג, די רעזידענץ-שטאָט פון די צאַרן. א יונג מיידל פון 15 יאָר, צייטיק און זאַפטיק, ריזיק-געוואַקסן, וואָס וויפל פאָר אויגן זי האָט געזען אַרום זיך, אַזויפיל פלאַמיקן באַגער האָט זי געפילט צו זיך, — א קליינע לייבין איז געהאָדעוועט געוואָרן פאַר די פעטערבורגער סאַלאָנען.

איז געקומען דאָס זיבעצנטע יאָר. אַרבעטער זענען געקומען און האָבן פאַרנומען זייער הויז. דער פאָטער איז ערגעץ אומגעקומען — ווער ווייסט, וואו און דורך וועמען! — פעטערבורג האָט אָנגעהויבן צו הונגערן. פאַרשטעקט אין אַן ענג צימערל, אין אָרעמקייט און ציטערניש פאַר דעם לעבן, איז געזעסן די עלטערע מוטער און דאָס פופצן-יעריקע מיידל, ריזיק-געוואַקסן, צייטיק און צעבליט. און וויפל פאָר אויגן עס האָבן זי געזען, אַזויפיל פלאַמיקער באַגער האָט געברענט אַרום איר. אָבער איצט, זענען דאָס געווען אַרבעטער-אויגן, — קאָמוניסטן-אויגן, רויטע אויגן, וואָס האָבן געפלאַמט, — נישט קיין אויגן פון סאַלאָן...

וואָס איז דער מער מיט אייך? איר זענט אויפגערעגט? א מיידל געבוירן פאַר די פעטערבורגער סאַלאָנען אינמיטן פון גיריקע אויגן פון אַ רעוואָלטירנדיקן המון! שרעקלעך — אַ יאָ? סאָפּיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פאַרדריסט דאָס נישט. זי האָט גאָר אַן אַנדער מיינונג וועגן די ענינים. זי איז אַ „קאָמסאָמאָלקע" (אַ יונג-קאָמוניסטקע).

און ווען צו 16 יאָר — מיינט זי — וואָלט איר שיינקייט און מיידלשאַפט געגאָסן אַן אָנגעפּרעסענער „בורזשוי", אַ צאַרישער גענעראַל, וואָלט געווען בעסער?

אַ געזונטע חברה — האָט זי דערציילט אין אַן אינטימען שמועס — איז דאָס געווען, אַ פריילעכע, נישט מער, וואָס די גרויסע לאַפּעס זייערע, האַריקע, האַרטע און ברודיקע, האָט זי אין אָנהויב נישט געקאָנט ליידן. איבריקנס, סימפּאַטישע „כלאָפּצעס"... האָבן זיי געברענגט ברויט, געזונגען לידער, געהאַט צו טאָן כסדר מיט ביקסן, רעוואָלווערן און האַנט-גראַנאַטן. פריילעך איז געווען מ י ט זיי, און אָן זיי איז גע-

זוען מורא און הונגער. אין זי האָט זיך צו זיי צוגעוואוינט און צו זייערע האַריקע לאַפּעס, און האָט זיך אַליין געשפּילט מיט האַנט-גראַנאַטן, ווי מיט עפּעלעך... און האַריקע לאַפּעס האָבן זי אַרומגענומען...

און מען האָט זיך געליבט, פאַרשטייט זיך, געליבט... און איינמאָל איז ביי זיי געוואָרן אַ שיסעריי צוליב איר... איין געהרגעטער, איין פאַרוואונדעטער...

און אין פעטערבורג איז דעמאָלט געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער מיט ברויט. די מוטער האָט געהאַט פאַרשטעקט ער-געץ אַ ביסל צירונג.

האָבן זיי זיך געלאָזט, די עלטערע פרוי מיט איר יונגער טאָכטער, אַזוי ווי נעמי און רות, פון דעם הונגער-לאַנד אין צפון צו דער זאַטער אוקראַינע, און מען איז אָנגעקומען קיין קיעוו. אַזאַ נסיעה איז אין יענע צייטן געווען אַן אונטערנע-מונג, וואָס נאָר געציילטע האָבן געקענט איינגיין דערויף און נאָר געציילטע פון געציילטע האָבן עס דורכגעפירט בשלום. אָנגעקומען קיין קיעוו, האָט מען זיי ביידע פאַרנומען אין טשע-קאַ. ווער זענט איר? פונוואַנען קומט איר? און דאָס צי-רונג האָט מען געפונען. אָבער אויך אין טשע-קאַ זענען געווען מענטשן, און דאָס יונגע מיידל איז געווען ריזיק-געוואָקסן, צייטיק און צובליט, און וויפל פּאָר אויגן עס האָבן זי געזעען, אַזויפיל פלאַמיקער באַגער האָט געפלאַקערט... די מוטער האָט מען באַפרייט און זי איז געשטאָרבן אויף אַ טיפוס אין אַ „פריווט״; סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַליין האָט באַקומען אַ שטעל אין טשע-קאַ...

זי האָט געדינט.

און דאָס איז געווען אין די שרעקלעכסטע, אין די ווילדסטע צייטן: דאָס באַרימטע בלוטיקע שפּיל, ווען די „מאַכטן״ האָבן זיך געביטן, היינט — די באָלשעוויקעס, מאָרגן — פּעטלוראַ, איבערמאָרגן — דעניקין. אָן דער גיילאָטינע, אָן דער פאַראַדנער צערעמאָניע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מען דערשאָסן טויזנטער און טויזנטער מענטשן. מ'[illegible] האָט

זיי נישט געבוירן ; נישט בויטיק געווען — זיי זענען אליין גע-
גאַנגען. אַ צייט אַזאַ געווען. „טו דיך אויס!״—האָט ער זיך
אויסגעטאָן. „גיי!״ — איז ער געגאַנגען, און געקראָגן אַ שאָס
אין נאַקן, אַנידערגעפאַלן, אָפּגערוימט. מאַרש אַ צווייטער!

סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ וועט אייך דערציילן וועגן דעם
זייער אויספירלעך. זי וועט עס אייך אָפּשילדערן אַקוראַט, ווי
ס'איז געווען. זי האָט דיזשורירט נישט איין נאַכט אין דעם
צימער, פונוואַנען מען האָט אַרויסגעפירט די מענטשן אויף
צו באַקומען דעם שאָס פון הינטן.

— צי האָט איר אַליין, סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ, אויסגע-
פירט אַ טויט-שטראָף מיט אייערע אייגענע הענט?

— ביי גאָט, אַז נישט. „יעי באָגו, ניעט״. זי האָט זיי
נאָר געהאָלפן אויסטאָן די מלבושים. אַלע זענען דעמאָלט גע-
ווען נאַקעט און באָרוועס. עטלעכע פאָר שיך, עטלעכע פאָר
וואַרעמע מלבושים — דערקלערט זי מיר, — האָבן געקאָנט דע-
צידירן דעם גורל פון דער רעוואָלוציע. האָט מען פון די
פאַרמשפטע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן צוגענומען אַלץ, וואָס האָט
געהאַט אַ ווערט. מיינסטנס — דערציילט זי — איז דאָס צוגע-
גאַנגען אין דער בעסטער אָרדנונג, אָן „היסטעריקעס״. עס
זענען אָבער געווען אויך „נישט-אָנגענעמע״ פאַלן: אָט איז גע-
זעסן אַ פּאָפּ מיט זיין אַכצן-יאָריקער טאָכטער. ער האָט זיך
געהאַלטן זייער לייטיש, נישט מער, וואָס ער האָט כסדר גע-
זאָגט תפילות און זיך געצלמט, אָן אויפהער זיך געצלמט. דעם
מאַטראַס, וואָס איז געווען צו זיי צוגעטיילט, איז דאָס אַפילו
נישט געפּאַקן. וואָס דער פּאָפּ „פּראַוועט דעמאָנסטראַטיוו קאָנטער-
רעוואָלוציע״, אָבער מען האָט אים נישט געשטערט. איי, זאָל
ער! אָבער מיט דער אַכצן-יאָריקער טאָכטער איז נישט געווען
אויסצוהאַלטן. זי האָט גענומען ספּאַזמירן, שרייען, האַקן קאָפּ
אָן וואַנט... האָט מען זי טאַקע אַרויסגעפירט פאַרן פאָטער,
און פאַר דער באַשטימטער שעה... דער פאָטער איז אַלץ גע-
בליבן זיצן אין זיין פּאָזע, געמורמלט און געמורמלט און כסדר
זיך געצלמט...

אזוינע מעשיות קאָן זי אייך אָנדערציילן אַ סך. אָבער זי דערציילט נישט גערן. כאָטש דעם אמת דאַרף מען זאָגן, אַז ס'איז שווער צו וויסן און ס'איז קיין גרענעץ נישטאָ צווישן דעם, וואָס סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ טוט יאָ גערן און וואָס זי טוט נישט גערן. מאַט און אומבאַשטימט זענען נישט נאָר אירע האָר, די פאַרב פון איר פּנים, נאָר אויך אירע שטימונגען און אירע מחשבות זענען מאַט און אומבאַשטימט. יאָ און ניין זענען אויסגעמישט, און גוט און שלעכט זענען פאַרוויקלט אין איין קנויל.

צי זי האָט ליב יידן? — ניין, זי האָט יידן נישט ליב. זיי האָבן גאַנץ מאָסקווע פאַרפלייצט... און צו דער יידישער שטוב, וואו זי געפינט זיך איצט, איז זי צוגעבונדן, אַז זי וועט דאָס לעבן אָפּגעבן פאַר יעדן איינציקן. און פאַרקערן פאַרקערט זי כמעט נאָר מיט יידן...

צי זי האָט ליב איר „מאַן"? (דער לעצטער מאַן אירער איז אַן אַקטיאָר, וואָס האָט זי געוואָרפן און לעבט מיט אַן אַנדערער) — זי האָט אים נישט ליב, זי קאָן זיין פאַרשיכורטע נאָז נישט ליידן; אַזאַ פאַרשיכורטע נאָז — ווילצלט זי זיך — קאָן האָבן נאָר אַ רוס, אַ ייד וועט דאָס קיינמאָל נישט האָבן. אָבער, אַז ער רופט זי אַמאָל צו זיך, גייט זי.

— דער וויפלטער איז ער ביי אייך, סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ?

— דער טייוול ווייסט. עס לוינט נישט צו געדענקען. — זי מיינט, אַז אומגעפער איז זי שוין געגאַנגען אין „זאַג" אַמאָל צען אויף חתונה האָבן און גטן זיך.

אָנגעטאָן איז סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ „באָסיאַקיש", דאָס הייסט — נישט זי קליידט זיך, נאָר זי באַדעקט, הילט-איין איר גוף און שיצט אים פון קעלט און נאַסקייט. מאַכט נישט אויס, וואָס זי טראָגט עפּעס אַ פליושענע טונקל-ברוינע קורטקע, אַ מאַנספאַרשוינישע. די פראַגע איז נאָר, פונוואַנען האָט די קורטקע אַזאַ ברייטקייט, אַז טראָץ דעם, וואָס סאָפיאַ אַלעק-

סאַנדראָווגאַ איז אַ פּולע, ברייטבּרוסטיקע, שווימט נאָך די קורטקע אויף איר אַרום אַזוי ווי אַ זאַק!

פּונוואַנען קומט צו אייך, סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אַט די „קינסטלער"-בּלוזע? אַזאַ ברייטע איז זי, זי הענגט אויף אייך...

צוקט זי מיט די אַקסלען. זי געדענקט נישט (און מיר פּאַלט איין אַ בּייזע מחשבה אין קאָפּ: צי שטאַמט נישט די קורטקע פון די צייטן פון דער קיעווער טשע-קאַ און זי איז נישט אַראָפּגענומען געוואָרן פון די אַקסלען פון אַ ברייט-ברוסטיקן פאַרמשפּטן צום טויט?).

לאָמיר ליבער רעדן פון פריילעכערע זאַכן. וואָס שפּילט מען היינט אין טעאַטער? מאָרגן איז זייער אַן אינטערעסאַנטער קאָנצערט. לוגאַטשאַרסקיס לעקציע איז, דאַכט זיך, אויך מאָרגן, מען מוז גיין.

שטענדיק איז זי אין אַ שרעקלעכער קלעם צוליב די בּילעטן, בּיי איר געפינט זיך אַמאָל געזעלשאַפטלעך געלט, פון דער קאַסע פון „קעמערל", קויפט זי בּילעטן, און איז שטענדיק אין סכנה אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון דער פּאַרטיי און איבער-געגעבן ווערן צום געריכט פאַר פאַרטאַכלעווען געזעלשאַפטלעך געלט.

אירע ליידנשאַפטן? — שווער צו זאָגן. זי האָט ליב, אַז אין דער שטוב, וואו זי געפינט זיך, זאָל זיין ציכטיק און וואַרעם, מען זאָל קויפן ברויט און וואורשט אַ סך, און בּראָנפן און טיי, און אַלע זאָלן עסן און זיין צופרידן. זי קאָן עסן די לעצטע, אַזן קאָן אויך גאָרנישט עסן. אויסגעלערנט זיך גרינדלעך די קונסט פון הונגערן האָט זי אין פאַרלויף פון איר שטורמיש לעבן. אָבער צופרידנקייט אַרום זיך האָט זי ליב. שמועסן, דויכערן און זינגען לידער.

אַן אַפּעטיט האָט זי אַ ריזיקן. פרואווט גייט מיט איר אין רעסטאָראַן, וועט זי זיך אַוועקזעצן ברייט אין איר נאַכלע-סיקער קליידונג, אָבער אומבּאַדינגט מיט דעם רויטן טיכל, דעם צייכן פון אַ „קאָמסאָמאָלקע", אויפן קאָפּ, וועט זי אייך דאָרט

ווייזן, וואָס דידאַזיקע מאַטקייט און אַפּאַטישקייט קאָן איינ־שלונגען און איינזופּן אין זיך. אינדערהיים אָבער איז איר אַפּעטיט זייער נישט אַקטיוו. „עס, נשמהלע, מיר ווילט זיך נישט מער".

סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ! וואָס איז דאָרט פאַראַן הינטער דער אויבערפלאַך פון דיין רוסישער „גוטסקייט"? הינטער דעם מאַמיש־גלעטיקן בליק פון דיינע אויגן? און צי איז עפּעס פאַראַן א חוץ מאַטקייט?

פאַראַן. גאַנץ געוויס.

אָט נעמט זי דעקלאַמירן רוסישע פּאָעזיע. זי קען כמעט די גאַנצע רוסישע פּאָעזיע, אַלץ, וואָס איז ערשט־ראַנגיק פון פּושקין ביז יעסענינען, אויסנווייניק. און זי פאַלט אַריין אין טראַנס און נעמט דעקלאַמירן, נישט דעקלאַמירן, נאָר לייענען, אַזוי מענטשלעך, מיט באַטאָנונג, מיט אינערלעכקייט, אַזוי ווי די רוסן קענען, און פון אירע אויגן איז פאַרשוואונדן די מאַט־קייט, און אַלטע ווערטער באַקומען אַ נייעם זין און באַטייט; זי צוטראָגט זיך אַליין און צוטראָגט, רייסט מיט אַלע, די ברוסט־שטים אירע שליידערט שטיקער. פאַרזענקט, פאַרברענט לעבן. ס'איז נישט קיין דעקלאַמאַציע, נאָר אַ ים האָט זיך צעשפּילט.

סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, די רוסין, דערציילט די טראַ־געדיע פון איר רוסישן לעבן מיט די ווערטער פון די רוסישע זינגער:

„מאָיאַ זשיזן אָסקוויערניענאַ, אָפּליאָוואַנאַ"...

(מיין לעבן איז פאַרשוועכט, באַשפּיגן.)

און אירע אויגן זענען געוואָרן מאָדנע נאָענט און פאַר־שטענדלעך, און די „קינסטלער"־קורטקע אויף איר לייב הענגט אַזוי ווי אַ זאַק...

סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ...

XII

דער „רויטער פלאַץ" און לענינס קבר.

ווען מען זאָל טיילן פּריזן פאַר שיינע פּלעצער אין דער וועלט, וואָלט איך געשטימט דערפאַר, אַז דעם ערשטן פּריז זאָל באַקומען דער „רויטער פּלאַץ" אין מאָסקווע.

אָט דאָ, און נישט ביי די אוראַלער בערג, ליגט די גרענעץ צווישן אַזיע און אייראָפּע: די שיינקייט פון צוויי וועלטן.

נישט קיין אָפּגעשטאָרבענע, פאַרגאַנגענע וועלט, וואָס האָס איבערגעלאָזט אירע מאָנומענטן, און איר שטייט און באַקוקט זיי און באַוואונדערט זיי. דער „רויטער פּלאַץ" אין מאָסקווע לעבט, ווירקט. די אָפּגעטער פון די דורות רייסן זיך דאָ פאַר די קעפּ. דער „רויטער פּלאַץ" איז נישט קיין מעשהלע— אַ דראַמע איז ער (און די דראַמע שפּילט נאָך, נישט פאַרענדיקט ביז היינט צו טאָג).

וויפל מאָל איך בין אים דורכגעפאָרן, אַזויפיל מאָל בין איך געווען גערירט. דער פאַרהוילענער גורל פון דער מענטשהייט האָט פון ערגעץ געוואונקען; עס האָט זיך געדאַכט צו זען, ווי דאָס מזל דרייט דאָס ראָד פון די יאָרהונדערטער.

ווערטער זענען טויט, און פון באַשרייבן אייך דעם „רויטן פּלאַץ", האָב איך מורא, וועט איר נישט קלוגער ווערן. וואָס וועט איר האָבן דערפון, אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז דאָס

„לאָבנאָיע מיעסטאָ“ איז אַ קליינע געמויערטע דערהויבונג אין מיטן פּלאַץ, אַ האַלבן מעטער הויך און אַן ערך צען מעטער אין אַרומנעם? — זייער נישט אָנזעעוודיק. מוזט איר אָבער באַ-מערקן, אַז עס געפינט זיך אַנטקעגן איינעם פון די שפּיציקע טורעמס פון קרעמל. דאָרט, אויף דעם גאַנעק פון טורעם, פּלעגן אין פאַרלויף פון די צייטן שטיין מענטשן, און דאָ, אויף דעם „לאָבנאָיע מיעסטאָ“, פּלעגן זיי מענטשן. אַלע האָבן אַמאָל געלעבט. די מענטשן אונטן האָט מען אויסגעלייגט מיטן שטערן צו דער ערד (פּונדאַנעץ, מסתמא, שטאַמט דער נאָמען „לאָבנאָיע“), און דער תּלין האָט זיי לאַנג, לאַנג געמוטשעט, ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען אין יסורים, און אויבן אויפן גאַ-נעק זענען געשטאַנען די צאַרן מיט זייער הויף-סוויטע און האָבן געקוקט אויף דעם בילד, און דער נחת צו זעען גע-פּייניקטע מענטשן איז זיך צוגאַנגען אין אַלע זייערע גלידער. אויבן פּלעגט שטיין דער באַרימטער צאַר איוואַן גראָזני, אונטן האָט מען פאַרפּייניקט דעם פּויערים-פירער סטענקאַ ראַזין. נאָך אין די צייטן פון פּעטער דעם גרויסן פּלעגט מען דאָ אויס-פירן די טויט-שטראָפן איבער די בונטאַרן... פילט איר נאָך איצט. ווי עס קוקן פון אונטן אַרויף די בליקן פון די פאַר-פּייניקטע, און פון אויבן אַראָפּ פאַלן בליקן פון אויגן, פאַר-גאָסענע מיט דעם שמייכל פון אכזריות. דער „רויטער פּלאַץ“ רעדט.

דער קרעמל פון איין זייט, פון דער צווייטער זייט — רי-זיקע מאָדערנע געביידעס. דעם פּלאַץ שליסט אָפּ פון איין זייט דאָס טויער פון דער איווערישער הייליקער מוטער, און פון דער צווייטער זייט שטייט לופטיק און צירלעך די צערקווע פון וואַסילי בלאַזשעני, דאָס שענסטע, הערלעכסטע בוי-ווערק פון מאָסקווע, נישט אַזוי, ווי זי וואָלט אַלט געווען עטלעכע הונדערט יאָר, נאָר אַזוי ווי זי וואָלט ערשט אַרויס פון מייס-טערס האַנט, נישט אַזוי ווי איוואַן גראָזני, דער בלוט-דורשטי-קער מענטש, זאָל זי לאָזן בויען, נאָר ווי עפּעס אַן איידעלער פּרינץ מיט זייד אין דער נשמה און בלאָ אין די אויגן וואָלט

די אויסגעחלומט. עס ווערט דערציילט, אַז נאָכדעם, ווי די צערקווע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט דער צאַר איוואַן גראָזני געהייסן אויסשטעכן די אויגן דעם איטאַליענישן מייסטער, וואָס האָט זי געבויט. ווייל דער צאַר איז געווען זייער אַנטציקט פון דער געביידע, און ער האָט נישט געוואָלט, אַז נאָך אַזאַ געביידע זאָל זיך געפינען אויף דער וועלט. האָט ער דעם איטאַליענישן קינסטלער פון דער רענעסאַנס-צייט באַלוינט מיט בלינדקייט, כדי ער זאָל מער נישט קענען אַרבעטן.

ווען איוואַן גראָזני איז געווען שטאַרק אַנטציקט, איז ער געווען נישט ווייניקער שרעקלעך און גרויזאַם, ווי ווען ער איז געווען צאָרניק.

אָבער דער איטאַליענישער מייסטער האָט די „באַלוינונג" נישט פאַרדינט. איוואַן גראָזני האָט אומזיסט-אומנישט אים די אויגן אויסגעשטאָכן. דער מייסטער וואָלט סיי-ווי נאָך אַזאַ ווערק נישט געשאַפן. ווייל די געביידע איז נישט רענעסאַנס, נישט בלויז רענעסאַנס. יענע לעבן-לוסטיקייט, לעבן-גלוסטיקייט פון איטאַליענס בלאָע הימלען איז דאָ, אין לאַנד פון צפונ-דיקע שנייען און פרעסט, אין לאַנד פון היהשער אומבאַרמהער-ציקייט און הימלעשער מיסטיק, צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן מיט דער נשמה פון רוסלאַנד. הינטער דער צירלעכקייט און אויס-געטאָקטקייט און שפּילעוודיקער האַרמאָניע פון די ליניעס, ליגט באַהאַלטן אַ מין פאַרזונקענקייט אין זיך, — דער גייסט פון די דאָסטאָיעווסקיס. אַ מייסטער פון רענעסאַנס וואָלט אַזאַ געביידע נישט געקענט אויפשטעלן, סיידן נאָר אין מאָסקווע, זייענדיק אָנגעשטעקט מיט דער אָרטיקער אַטמאָספערע.

אָט אַזוי שפּילן דאָ די גייסטער אויפן „רויטן פּלאַץ". און דאָס שפּיל איז נאָך נישט אָפּגעשלאָסן.

לעבן די אַלטע ווענט פון קרעמל ציט זיך אַ לאַנגער פּאַס ערד. דאָ איז איצט דער בית-הקברות פאַר די פירער פון דער לעצטער רוסישער איבערקערעניש. דאָ רוען זייערע ביינער: וואָראָווסקיס, סווערדלאָווס. און נאָך און נאָך. און פאַר זיי, אַרויסגערוקט שוין אויפן פּלאַץ אַרויס ליגט לענין, דער

פאַרגעטערטער פירער, אין זיין קליינעם אָבער הערלעכן מאַוזאָלעאום. ער איז געבויט פון רויטן האָלץ, באַשיידן, אָבער פול מיט אַנדאַכט, אין דער פאָרם פון ווייטן מזרח, — אַ פּאַגאָדאַ. ס'איז שטיל אַרום. אין באַשטימטע שעהן קענט איר אריינגיין און זעען לענינען ליגן אונטער אַ גלאָז, אזוי ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן.

און אַז די טראַמווייען, וואָס קומען פון יענער זייט טייך מאָסקווע, פאָרן-דורך דאָס אָרט פון לענינס קבר, דאַכט זיך, אַז דאָס געדרענג אינעווייניק אין די טראַמווייען איז געוואָרן שוואַכער, און אַז די מענטשן זענען געוואָרן באַזאַכטער. לענין איז אַ פאַרהייליקטער נאָמען אין רוסלאַנד, אַפנים, אַז מענטשן קאָנען אָן פאַרהייליקטע נעמען נישט אויסקומען, אפילו נישט נאָך אַ פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס איז דורכגעפירט אויפן באַזיס פון עקאָנאָמישן און פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, וואָס שטייט אין אַ גוואַלדיקער סתירה צום קולט פון העלדן און העלדנטום.

דער „רויטער פלאַץ", דער קולט פאַר לענינען, פאַרוואָרצלט און פאַרצווייגט אין דער טיף און אין דער ברייט, נישט פיל צו טראַכטן. אָבער אין לאַנד פון קאָמוניזם טראַכט מען נישט פיל, די מחשבות זענען אָפּגערוקט אָן אַ זייט. ווייל די הענט האָבן פיל אַרבעט (אַמעריקאַניזאַציע!?) און אַז מען טראַכט, טראַכט מען העכסטנס וועגן די באַציאונגען צווישן מענטשן, נישט וועגן מענטש גופא.

דער מענטש! וואָס איז דער מענטש? אַ שטויבל זאַמד. די געזעלשאַפט איז אַלץ, די איצטיקע, די קומענדיקע. וואָס טראַכט דער מענטש? ער טראַכט אזוי, ווי עס דיקטירן אים זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן. ער טראַכט, ווייל ער וויל שפייז און דערהאַלטן זיך אויף דער ערד. נישט ער אינדיווידועל טראַכט, דער קלאַס זיינער טראַכט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מציאה מיט דעם טראַכטעניש און מיט די מחשבות? ווער דאַרף זיי? יאָ, מען דאַרף זיי, — — כדי צו פירן דעם קאַמף פאַר דעם קלאַס. פאַר אַזוינע מחשבות זענען גילטיק.

האָב איך וואולגאַריזירט דעם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם? נאָר זייער ווייניק. שטאַרק איבערגעטריבן די מאָס האָב איך מישט. אָבער דער קולט פאַר לענינען, וואָס דערגייט ביז צו פאַרגעטערונג, געפּאָרט מיטן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם — דאָס איז דאָס וואונדער! די מענטשלעכע נאַטור, די באַוועגונגען פון דער מענטשלעכער נשמה, האָבן מסתּמא אויך זייערע אינערלעכע געזעצן.

אָט שטייט אַ מענטש (איך אַליין) בײַ דעם קליינעם, אין כינעס סטיל געבויטן מאַוזאָלעאום, און זע, ווי מענטשן קומען און גייען שטיל, הער די אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס זיי רעדן. שאַ, רויִק, בן-אדם! וואָס איז? ווי קומען באַלזאַמירטע מענטש-לעכע בײנער צום מאַטעריאַליזם? געווען אַ מענטש און ער איז מער נישטאָ. די געזעלשאַפט, דער קלאַס, איז געווען און איז דאָ. דאָס איז אַלצדינג. און ווען די צייט פאָדערט, ווערט דער פירער — אַ פירער. פונוואַנען דער אָנדאַכט? דאָס שטילע גיין און טראַכטן?

„רעליגיע איז אָפּיום פאַר די פעלקער". און — קאָמוניסטי-שער אָפּיום? —

עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַזאַ פאַרהייליקט פּער-זענלעכקייט, ווי לענין איז אין רוסלאַנד. די הויך-טאַלענטירטע רוסישע (פון טעאַטרישער אָפּשטאַמונג, זאָגט מען) שרייבערין סייפולינאַ האָט וועגן דעם געשריבן אַ הערלעך ווערק—„מאָלוואַ אָ לעניניע", פון עק רוסלאַנד ביז צו עק גייט די „בשורה", און אַלץ, וואָס איר לייענט אין די הייליקע ביכער פון פאַר-שידענע רעליגיעס, לייענט איר דאָ. איר זעט, ווי אַ לעגענדע וועבט זיך.

און אָט דאָ ליגט ער, אונטער אַ גלאָז, אַזוי ווי אַ לעבעי-דיקער, אין אַ באַזונדערער געביידע. און לעבן די ווענט פון קרעמל ליגן איינפאַך באַגראָבן אין דער ערד—די ביינער, אָדער דאָס אַש, פון די איבריקע פירער. און אַ קבר נאָך אַ קבר קומט צו. בשעת איך בין געווען אין מאָסקווע האָט מען גע-בראַכט דאָס אַש פון קראַסינען. איבער דעם מאַוזאָלעאום איז

פאַראַן אַ געשטעל אויף צו האַלטן רעדעס. דאָרט זענען גע־שטעלט ריקאָוו, קאַלינין, וואָראָשילאָוו, דער דיקלעכער, פאַר־דאגהטער ליטווינאָוו, אַנגעלענט אויף אַ שטעקן אאז"וו. דער פלאַץ איז געווען פול מיט מיליטער, נאָר געצייילטע מענטשן און אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן געהאַט אַ צוטריט. ס׳איז געווען דער ערשטער פּראַסט אין מאָסקווע. די מוזיק האָט געשפּילט אַ טרויער־מאַרש, דעם אינטערנאַציאָנאַל. אַלע, אַפילו ציוויל־לייט, האָבן סאַלוטירט, ווייל אַראָפּנעמען דעם הוט אין אַזאַ פּראָסט איז געווען פיל אומבאַקוועמער, ווי סאַלוטירן מיט דער האַנט. לאַנג־לאַנג האָט מען געשפּילט, די האַנט האָט געבראָכן, און פון צייט צו צייט האָב איך באַמערקט, ווי איינער פון די, וואָס זענען געשטאַנען אויבן, האָט אַ בליק געוואָרפן אויף דעם לאַגגן פאַס ערד, וואָס ביי די מוערן פון קרעמל. דאָ וועלן אַמאָל רוען זיינע ביינער...

ס׳איז געווען זייער אַ באַשיידענע פייערלעכע צערעמאָניע, אַ ביסל אַ טרוקענע, נאָר צוויי רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן, ווייל (אַזוי האָט מען גערעדט) קראַסין האָט גענויגט צו דער „אָפּאָזיציע".

טראָצקי איז נישט געווען, זינאָוויעוו איז נישט געווען. וואָס איז דער מענטש? — אַ שטויבל זאַמד. טראָצקי איז אומ־באַדינגט דער טאַלענטירסטער צווישן די קאָמוניסטן, אַ פאַר־זענלעכקייט אַ פיל־זייטיקע, אַ מענטש פון גייסט און גע־דאַנקען. ווען מען מאַכן מיט אים צערעמאָניעס, אויב די קאָמו־ניסטישע פּאָליטיק פאָדערט, מען זאָל אים דערשטיקן?! — די קאָמוניסטישע לאָגיק ווייסט נישט פון קיין איינזעענישן, איר זענען פרעמד אַזוינע חשבונות. אַ העלד? וואָס איז אַ העלד? היינט ווערט ער אַרויסגערוקט, מאָרגן אַראָפּגעשליידערט. אַלץ איז באַציאונג. וואָס איז דער מענטש? — —

אָבער לענין איז געבליבן, פאַרהערלעכט, פאַרהייליקט, פאַרגעטערט. הונדערט לאָגישע אַרגומענטן זענען גאָרנישט אנטקעגן אַ ציטאַט פון לענינס רעדעס אָדער שריפטן. דאָס

איז דער לעצטער אַרגומענט אין רוסלאַנד — „טאָוואַרישטש לענין סקאַזאַל״ (חבר לענין האָט געזאָגט).

• •

בין איך אַמאָל געפאָרן אין טראַמווײ, וואָס גײט פון זאַמאָסקאָוואָריעצקי בריק איבער דעם „רויטן פּלאַץ״, און מיט מיר צוזאַמען זענען געשטאַנען אויף דער הינטערשטער פּלאַט־פאָרם עטלעכע רוסישע אַרבעטער. אײנער פון זײ איז געווען אַ מאָסקווער, צווײ — פּראָווינצער, וואָס זענען, קענטיק, דאָס ערשטע מאָל אין מאָסקווע, נאַיווע, גוטע רוסישע בחורים, די לעצטע צווײ. אַלץ האָט זײ געחידושט, אַלץ האָט אַרויסגערופן זײער באַוואונדערונג. דער מאָסקווער איז געווען אַ יונגער יונג, אָבער אַ דורכגעטריבענער, אַ ביסל מידע רויטלעכע אויגן, און אַ נאָטע פון ציניזם האָט זיך געהערט אין זײן שטים.

ווײזט ער, דער מאָסקווער, זײ לענינס קבר. איז דאָס וואָר — פרעגט אײנער פון די פּראָווינצער, און זײן שטים ציטערט כמעט—אַז דער חבר לענין ליגט דאָ אַזוי ווי לעבעדיק?— ער האָט זיך דאָס נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ער האָט דאָס נישט געקאָנט גלויבן.

— אָט איז ער, דער מאַוזאָלעאום. אָט דאָ ליגט דער חבר לענין און האַלט אַזוי די האַנט (און ער האָט געוויזן אַ פײג).

און ער זאָגט ווײטער:

— געוויס, געוויס. ער ווײזט אַ פײג אַלע בורזשויען.

— ע, דו לײקנסט. עס קאָן נישט זײן.

— אמת זאָג איך.

אָבער זײנע רויטלעכע אויגן האָבן נישט־אָנגענעם געשמײכלט.

דאָ האָט זיך פון ערגעץ אָנגערוקט אַ הויכער, שטאַרקער מענטש און מיט אויפרעגונג האָט ער זיך געווענדט צו דעם מאַסקווער וויצלינג:

— וואָס ווילצט איר זיך, חבר? דאָ איז נישט קיין אָרט צו וויצלען זיך. גלויבט אים נישט, חברים, ער לייקנט, ווי אַ הונט.

איז דאָס געלעכטערל אין דעם וויצלינגס אויגן פאַר־שוואונדן. שטיל איז געווען, רואיק איז געווען, ביז מען איז פאַרבייגעפאָרן לעבינס קבר.

XIII

אנטיסעמיטיזם.

צי איז פאראן אנטיסעמיטיזם אין ראטן-רוסלאנד? צי איז פאראן א יידישע פראגע?

די צוויי פראגעס מוזן געשטעלט ווערן באזונדער, און די ענטפערס וועלן קלינגען גאר אנדערש, כאטש ווען מען זאל אויף ביידע פראגעס ענטפערן מיט יא.

איך וועל דעריבער פרואוון צו רעדן וועגן דער ערשטער פראגע:

צי איז פאראן אנטיסעמיטיזם אין ראטן-רוסלאנד?

געוויס איז ער פאראן. דער בעסטער באווייז איז, וואס די ראטן-מאכט אליין, די קאמוניסטישע פארטיי, באקעמפט אים עפנטלעך. מען באקעמפט דאך נישט קיין זאך, וואס עקזיסטירט נישט.

געוויס איז ער פאראן, און קאלינין האט אים קאנסטאטירט, און אלע קאמוניסטישע רעדנער, וואס זענען ארויסגעטרעטן אויף דער עפנטלעכער פארזאמלונג מכוח דעם אנטיסעמיטיזם, האבן אים פעסטגעשטעלט.

אוודאי עקזיסטירט דער אַנטיסעמיטיזם. אָבער ווי טיף? ווי ברייט? אין וועלכע פאָרמען? — דערויף צו ענטפערן איז זייער שווער.

אויך פסיכישע צושטאַנדן (און אין דעם זין פאַרשטיי איך איצט דאָס וואָרט אַנטיסעמיטיזם) קאָנען געוואויגן און געמאָסטן ווערן, דאָס מיינט מען: מען קאָן אָפּשאַצן זייער קראַפט און פאַרנעם. איז נישט אַזוי עקזאַקט, מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, ווי מען מעסט אויס פיזישע זאַכן, מער ווייניקער אָבער לאָזט זיך דאָך אויך אַ געפיל־זאַך אויסמעסטן.

אין רוסלאַנד איז אָבער דער אַנטיסעמיטיזם טיף באַהאַלטן, דערשטיקט, ער איז אָפיציעל פאַרבאָטן, און אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן איז ער — נישטאָ.

די געפילן באַקומען נישט קיין אויסדרוק.

נישטאָ קיין אַנטיסעמיטישע העץ־רעדעס; נישטאָ קיין אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען; קיין אַנטיסעמיטישע אויסברוכן זענען אַוודאי נישטאָ. דאָס אַלץ איז שטרענג פאַרבאָטן.

און קיין אָפענער אַנטיסעמיטיזם אין פאַרקער פון מענטש צו מענטש איז אויך נישטאָ. דער גרעסטער אַנטיסעמיט וועט זיך נישט דערלויבן בנוגע צו אַ ייד מער—ווי עטלעכע ווערטער.

אַ גאַנצע, געבונדענע פּראַזע, אַן אַנטיסעמיטישע — דאָס שוין נישט. דאָס וואָלט געווען אַ צו־גרויס וואַגעניש — פאַר אַ רוסלענדישן בירגער.

די אויסברוכן פון אַנטיסעמיטיזם קאָנען געדויערן נישט מער ווי אַ סעקונדע צוויי צייט. אַזויפיל וויפל עס דאַרף צו געדויערן אַרויסצורעדן דאָס וואָרט „זשיד", אָדער „זשידי זאַניאַלי מאָסקוואו" (די יידן האָבן פאַרנומען מאָסקווע), אָדער „עטאַ זשע וואַשאַ וולאַסט" (דאָס איז אייער מאַכט), אָדער „זשידאָווסקאָיע גאָסודאַרסטוואָ" און ענלעכע, קורצע, אָפּגעהאַקטע פראַזן, נישטאָ קיין לאַנגע רייד וועגן דעם ענין. סיידן באַ־

האַלטענערהייט, סיידן אין די געדיכטענישן פון לעבן צווישן אייגענע, צווישן פיר ווענט. ווער קאָן אַהין צוקומען?

אַמאָל טרעפט, שכורט זיך אַ רוס אָן, און פאָרנדיק אויפן טראַמוויי, אַנטיסעמיטעוועט ער אויף זיין שכורן לשון, און די צונג פּלאָנטערט זיך אַזוי לאַנג, ביז דער צווייטער, וואָס פאָרט מיט אים, מאַכט אים שטיל, אָדער אַ מיליציאַנט נעמט אים אַראָפּ.

עס פּאַסירט פאַרשידן.

מען לאָזט אַמאָל פאַלן אַ ווערטל אונטער דער נאָז, גלאַט אַזוי. אַמאָל — אויפגערעגטערהייט, ווען מען איז אין כּעס, און אַמאָל אַפילו גאַנץ געמיטלעך, זאַכלעך.

מיינס אַ באַקאַנטער האָט געהאַט אין אַן אינסטיטוציע אַזאַ מין געשפּרעך מיט דעם, וואָס דינט אין קאָרידאָר: אַן עלטערער רוס איז עס געווען, האָט ער אים געפרעגט, צי מען האָט פיינט יידן?

— ניין — האָט דער מענטש פון אַלטן דור געענטפערט— דאָס איז דאָך אַ יידישע מלוכה.

די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן ווערן אָפיציעל אַריינגערעכנט אין דער רובריק פון כוליגאַניזם, און די שטראָף פאַר אַנטיסעמיטישע זידלערייען ווערט געגעבן פאַר כוליגאַניזם.

און דער כוליגאַניזם, די צולאָזנקייט, הפקרדיקייט, האָט זיך זייער שטאַרק פאַרגרעסערט אין דער לעצטער צייט.

די ווילדע נאַטור פון רוסישן פאָלקס-מענטש איז אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן דורכגעגאַנגען אַ דיסציפּלין. די געשעענישן האָבן אים דרעסירט, די אומאויפהערלעכע אַגיטאַציע האָט אים דערצויגן, די דיקטאַטור האָט אים געהאַלטן מיט שטאָל און אייזן. אָבער ס'איז נאָך געבליבן פיל און פיל, און עס שפּרינגט אַרויס. און ווען די ווילדקייט צושפּילט זיך צו-שטאַרק, ווען עס פאַרמערן זיך די אויסברוכן פון כוליגאַניזם, ווערט די שטראָף האַרבער, און מען קערט אַמאָל צוריק צו די מעטאָדן פון מיליטערישן קאָמוניזם, — מען שיסט.

פאַר כוליגאַניזם קאָן מען באַשטראָפט ווערן מיט עטלעכע טעג אַרעסט, און מיט — טויט־שטראָף.

אַן אַרבעטער פלעגט טאָג־טעגלעך קומען אין קלוב אַריין און מאַכן אַוואַנטורעס. ער איז עטלעכע מאָל באַשטראָפט געוואָרן. צום לעצטן איז ער געקומען אין קלוב, געמאַכט אַן אַוואַנטורע און האָט אויסגעשאָסן פון אַ רעוואָלווער. ער איז דערשאָסן געוואָרן פאַר כוליגאַניזם.

און אין אַ קליין שטעטל, אין דרום־רוסלאַנד, האָבן די אָרטיקע פויערים געמאַכט אַ „סכאָד" און עס איז באַהאַנדלט געוואָרן אויך די פראַגע וועגן אויסטיילן די דאָרטיקע יידן ערד פון דעם פריי־געבליבענעם (נאָך דעם פריץ) באָדן. איז איינער אַרויסגעטרעטן קעגן און האָט געזאָגט, אַז „אַלע יידן דאַרף מען צו וואַרפן אין שוואַרצן ים אַריין" (ער ליגט נישט ווייט פון דאָרט), איז ער פאַרקלאָגט געוואָרן פאַר כוליגאַניזם און האָט באַקומען דריי טעג אַרעסט.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז גענומען געוואָרן אַן אַכט, וואָס ער איז אַרויסגעטרעטן אויף אַ לעגאַלער פאַרזאַמלונג און וואָס דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ביי אים.

ביי מיין זיין אין מאָסקווע האָט די גע־פּע־או דערשאָסן 14 מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט באַנדיטישע אָנפאַלן.

אַמאָליקע צייטן, די צייטן פון בירגער־קריג, האָט מען פאַר דעם וואָרט „זשיד" געקאָנט זייער שלעכט אָפּשניידן. דעמאָלט איז עס געווען אַ צייכן פון קאָנטער־רעוואָלוציע.

איצט קאָן דער אַנטיסעמיטיזם נישט פאַררעכנט ווערן פאַר אַקטיווע קאָנטער־רעוואָלוציע, ווייל עס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן פאַקטן פון אַנטיסעמיטיזם ביי די קאָמוניסטן.

איצט איז דער אַנטיסעמיטיזם **קעגן דעם קורס**. ער אַנטהאַלט אין זיך אַן אינערלעכע סתירה צו דער קאָמוניסטי־שער אידעאָלאָגיע, און די אָנפירנדיקע קאָמוניסטישע קרייזן באַקעמפן אים.

דער אַנטיסעמיטיזם ווערט דאָס שאַרפסטע געווער, וואָס די ווייסע, די רוסישע מאָנאַרכיסטן, באַנוצן אין זייער קאַמף

קעגן די קאָמוניסטן. „ביי זשידאָוו, ספּאַסאַי ראָסיו!" (שלאָג די יידן, ראַטעווע רוסלאַנד) ווערט געזאָגט אין איין אָטעם. איר קענט דאָס הערן אין די קאַפעען, וואו עס קומען זיך צונויפמען די מאָנאַרכיסטן פון דער „עמיגראַציע", אין פּאַריז, צי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין בראַזיליען, צי אין סערביען. נישט אַלע וואָס זאָגן דאָס, גלויבן טאַקע באמת, אַז דער קאָמוניזם איז אַ יידישער ענין. אָבער אַלע באַנוצן דעם לאָזונג, ווייל זיי רעכענען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז גענוג פּאָפּולער, איז גענוג איינגעוואָרצלט ביי די מאַסן, אום ער זאָל קענען אויפרייסן אַזוי ווי דינאַמיט און דינען די צוועקן פון אַ רעכטער איבערקערעניש.

די קאָמוניסטן, פאַרשטייט זיך, זענען פאַראינטערעסירט אָפּצושטעמפּן דאָס געווער און עס צו מאַכן אומשעדלעך.

איך האָב געמאַכט זייער אַ טשעקאווע באָאָבאַכטונג ביי מיין פאַרברענגען אין רוסלאַנד אין דער שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, און עס האָט מיר געגעבן פיל צו טראַכטן.

עס איז געווען די צייט, ווען סטאַלין האָט געשלאָגן און דערשלאָגן די „אָפּאָזיציע". אין דעמדאָזיקן קאַמף האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן יידן. עס איז נישט מער ווי אַ צופאַל, וואָס די אָנפירער פון דער „אָפּאָזיציע", טראָצקי און זינאָוויעוו, זענען „יידן", דאָס הייסט — פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווייל זיי באַקענען זיך נישט צו יידן און האָבן מיט יידישע פראַגן גאָרנישט צו טאָן. דער קאַמף מיט דער „אָפּאָזיציע" האָט מיט יידישקייט און אנטיסעמיטיזם קיין שום צוזאַמענהאַנג נישט.

דאָך האָט מען זיך געפילט אַ ביסל געקרענקט, וואָס „יידן זענען דערווייטערט געוואָרן" פון די „הויכע שטעלעס". די אַלטע יידישע געוואוינהייט האָט גערעדט. און ווי דער שטייגער איז ביי יידן, זענען באַלד אויף דעם באָדן אויפגעקומען פאַרשידענע גלייכווערטלעך.

איינס פון זיי קלינגט אַזוי:

— מיט וואָס איז סטאַלין געגליכן צו משה רבינו?

— משה רבינו האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים, און סטאַלין האָט די יידן אַרויסגעפירט פון פּאַליטביוראָ.

יידן האָבן זיך געוויצלט, אפשר האָט עמעצער אַפילו געזיפצט דעם אַלטן יידישן זיפץ. מילא, ער געהער דאָך אַהער. און ווען דען זאָל מען זיפצן אויף יידישע צרות, אויב נישט ביי אַזאַ געלעגנהייט! עס געהער צו דער אַלטער יידישער טראַדיציע צו זיפצן ביי אַזאַ פּאַסירונג.

אָבער אינערלעך איז מען... יאָ, אינערלעך איז מען גע־ווען צופרידן. זאָלן די גויים נישט זאָגן, אַז רוסלאַנד האָבן די יידן פאַרכאַפּט, אַז די יידן זיצן אומעטום אויבנאָן. אָט זעען זיי באַשיינפּערלעך, אַז די יידן האָבן קיין שום דעה נישט. אין פּאָליטביוראָ, אין דער העכסטער אינסטאַנץ, געפינט זיך קיין איינציקער ייד נישט מער.

מען רעדט מיט באַדויערן וועגן די געפאַלענע „יידישע העלדן", טראָצקי און זינאָוויעוו, אָבער אָן וויטיק און האַרץ.

זינאָוויעוון וועט מען מן־הסתם באַלד פאַרגעסן. גאַנץ קיעוו האָט געדרויכערט, ווען איך בין דאָרט געווען, פּאַפּיראָסן, וואָס זינאָוויעווס בילד איז געווען אויף דעם שאַכטל. איצט איז דער פּאָרטרעט, מיין איך, שוין פאַרשוואונדן פון די פּאָפּולערע פּאַפּיראָסן.

טראָצקין וועט מען אַזוי לייכט נישט פאַרגעסן. איינמאָל, צוליב זיין פּערזענלעכקייט. ער איז פּאַרט מיט אַ קאָפּ העכער פון די איבעריקע פירער. צווייטנס, האָבן יידן צו אים עפּעס אַ ספּעציעלע „שוואַכקייט", כאָטש ער האָט איבערגעריסן מיט יידן אויף גוט און געזונט, און אין פּאַרטיי־רעגיסטער איז ער פאַר־שריבן אַלס רוס. „אַ גוט קעפּל". דאָס ביסעלע גייסט האָבן מיר, יידן, שטענדיק ליב געהאַט.

אין די ספערן פון דער יידישער קהלה אין מאָסקווע איז טראָצקי — פּאַרט טראָצקי. מען האָט מיר שטאַרק געלויבט זיין באַציאונג צו זיין אַלטן פּאָטער. ער האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר אים און אָפּגעגעבן אים כבוד. ער איז ערשט נישט לאַנג גע־שטאָרבן. און דער, וואָס דערציילט מיר דאָס, גיט צו מיט

שטאָלץ, אַז ער ליגט נישט באַגראָבן אויף קיין קריסטלעכן בית-עולם.

— וואו דען? אויפן יידישן? — פרעג איך.

ניין. אויך נישט אויפן יידישן. ער ליגט באַגראָבן אונטער מאָסקווע, לעבן דעם הויז, וואו ער האָט געוואוינט.

פון וואָס אַ טראַדיציאָנעלע יידישע נשמה קאָן אַלץ צע-פרידן זיין! דערפון, וואָס טראָצקי האָט זיין פאָטער נישט באַ-גראָבן אויפן קריסטלעכן בית-עולם.

• • •

עס געהער אייגנטלעך נישט צום טעמע, אָבער די גאַנצע פראַגע וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד איז אַזוינע. עס איז צופלאָסן, צוגאָסן, און אַז איר רעדט וועגן איר, זענט איר שטענדיק אין דער סכנה צו פאַרפאָרן אָן אַ זייט. פון אַן אָפיציעלן אַנטיסעמיטיזם קאָן קיין רייד נישט זיין. איינצלנע פאַקטן באַ-וויזן, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט. און די געפילן פון די מאַסן, — ווער זעט זיי? וואו באַקומען זיי זייער אויסדרוק?

דאָס וואָס מען באַקעמפט אייגנטלעך אָפיציעל, דאָס איז נישט די שטימונג פון די מאַסן. פאַראַן אַ ספּעציעלער סאָוויע-טישער אַנטיסעמיטיזם, פון דעם קליינעם רוסישן באַאַמטן, ווייל ער זעט יידן אויף הויכע שטעלעס; פאַראַן אויך אַ מין אָפּ-בייגונג צו יידן ביי פאַרשידענע דורכשניטלעכע קאָמוניסטישע עלעמענטן, וואָס דריקן זיך אויס אין פאַרשידענע אַנעקדאָטן קעגן יידן. דאָס ווערט באַקעמפט.

און ווייטער — אין דער טיף און אין דער ברייט — איז דער כאַאָס, די גרויסע רוסישע צעשוואומענקייט און אומבאַ-

שטימטקייט. עס קאָן זיין נאָר אַ גליצנדיקע קויל, דער אַנטי-סעמיטיזם, און ער קאָן זיין אויך פלאַקער-פייער.
נישט אויסצומעסטן.

פון אַ גרעסערער באַדייטונג ווייזט אויס צו זיין דער פאַקט, וואָס אויף די אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען אין די פאַבריקן, וואו די אומפאַרטייאישע גייען אַרץ מער אַרויס מיטן לשון, ווערן אָפט געהערט אַנטיסעמיטישע פאַרוואורפן, און עס הערן זיך די טענות, אַז די יידן האָבן פאַרפלייצט מאָסקווע.

קאַלינין האָט דערמאָנט וועגן אַזאַ פראַגע, וואָס איז אים געשטעלט געוואָרן אויף א פאַרזאַמלונג אין אַ פאַבריק; פאַר-וואָס זענען פאַראַן אַזויפיל יידן אין מאָסקווע? — האָט מען אים געפרעגט. און אויף זיין ענטפער, געהאַלטן אין אַ וויציקן טאָן, וועט זיך קוינען אָפצושטעלן באַזונדער ווייטער, ווען מיר וועלן צוקומען צו דער יידישער פראַגע אין רוסלאַנד.

עס איז בכלל אַ פאַקט, אַז די לעצטע צייט האָט מען אויף די פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער אין די פאַבריקן אָנ-געהויבן פריי צו רעדן...
רעדט מען אויך וועגן יידן.

אָבער וועגן דער יידישער פראַגע רעדט מען נישט, אָדער מען רעדט זייער זעלטן אין רוסלאַנד. וואָס הייסט דאָס אַ יידישע פראַגע? יידן זענען גלייכבאַרעכטיקט.

מיר זענען געקומען צום סאַמע וויכטיקסטן פונקט. אַט מיין איך פונקט פאַרקערט, אַז גראָד אין רוסלאַנד עקזיסטירט די יידישע פראַגע אין איר גאַנצער שאַרפקייט, אין איר גאַנצער קלאָרקייט.

גראָד די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד, נישט דער אַנטי-סעמיטיזם, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, זייער אַן ערנסטער און זייער אַ באַלערנדיקער.

XIV

דאָס יידישע פּראָבלעם.

אויף דער פראגע: צי איז פאראן א יידיש פּראָבלעם אין רוסלאנד? — איז נישט נאָר, וואָס איך ענטפער: יאָ, עס איז פאראן נאָר איך וויל נאָך צוגעבן, אַז גראָד דאָ, אין רוסלאנד, איז די יידישע פראגע קלאָרער, שארפער אוועקגעשטעלט ווי ערגעץ אנדערש.

נישט צוליב דעם בייזן ווילן פון די מענטשן איז זי דאָ פאראן, נאָר צוליב דעם — — — וואָס זי איז פ א ר אַ ן.

מיט דער יידישער פראַגע ווערט אין פאַרשידענע לענדער פּיל־פּיל געפּלאָנטערט, געשאַכערט. קינסטלעך ווערט זי פאַרשאַרפט. די בייזוויליקייט צעבלאָזט זי; פון דער פינסטערניש און פאָראורטיילן פון די מאַסן דערנערט זי זיך; פּאָליטיקער נוצן זי אויס; מיט דער יידישער פראַגע ווערט געשפּילט, אַזוי ווי מיט אַ פיגור אויף דעם שאַך־ברעטל.

ווער האָט געקאָנט וויסן, אָפּשאַצן דעם פאַרנעם, דעם ריכטיקן באַטייט פון דער יידישער פראַגע אין אַלטן צארישן רוסלאַנד? — דער רעזשים האָט דעם אַנטיסעמיטיזם געדארפט האָבן צוליב זיינע צוועקן. די צארישע רעגירונג האָט געוואָלט אָפּווענדן דעם צאָרן פון דער באפעלקערונג, האָט זי געהעצט קעגן יידן; די פּריצים, וואָס זענען געווען פארבונדן מיט דעם רעזשים און האָבן געמוזט פאַלן צוזאַמען מיט אים, האָבן דעם

אַנטיסעמיטיזם אונטערגעהאַלטן. אין דעם גאַנצן פּלאַנטער האָט מען נישט געקאָנט וויסן, וואו עס הויבט זיך אָן די אָביעק־טיווע יידישע פראַגע (און צי הויבט זי זיך בכלל אָן) און וואו זי ענדיקט זיך. איר בילד האָט זיך פאַרלוירן, עס האָבן בשום אופן נישט געקאָנט קלאָר אָנגעצייכנט ווערן אירע אַרומ־נעמענדיקע ליניעס.

און וואָס איז אין רומעניען איצט? און וואָס איז אין דייטשלאַנד, אין פּוילן? אַ פּאַרטיי־שפּיל. היינט שוואַכער, מאָרגן שטאַרקער.

ביי אונז, אין פּוילן, למשל, איז די לעצטע צייט געוואָרן פיל רואיקער מיט דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע. קומען אָבער איצט אָן וואַלן, און דמאָווסקי, פּילסודסקיס שאַרפסטער געגנער, האָט דורכגעפירט אין זיין פּאַרטיי, אויסצונוצן דעם אַנטיסעמיטיזם ביי די קומענדיקע וואַלן. וועלן מיר, מן־הסתם, האָבן אַ נייע אַנטיסעמיטישע כוואַליע. און דאָס וואָלט געהייסן, אַז די יידישע פראַגע וועט אין פּוילן ווערן שאַרפער, ווי זי איז געווען.

אין רוסלאַנד איז קיין פּאַרטיי־שפּיל נישט פאַראַן. קיין בייזער ווילן איז נישטאָ. פאַרקערט — עס איז פאַראַן דער בעסטער ווילן, אַז די פראַגע זאָל נישט עקזיסטירן.

גלייכבאַרעכטיקונג איז פאַראַן, פולשטענדיקע, דורכגע־פירטע ביז צו לעצטע מעגלעכע גרענעצן, גלייכבאַרעכטיקונג בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע. און דער אַנטיסעמיטיזם ווערט באַקעמפט. דער פּלאָנטער איז אויפגעפּלאָנטערט. איז טאַקע גע־בליבן דאָס יידישע פּראָבלעם אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, אָן צומיש. אַלע זעען עס און אויב זיי ווילן עס מיט די אויגן נישט זען, און זיי ווענדן־אָפּ זייער בליק דערפון, מוזן זיי אָבער פילן דאָס פּראָבלעם אַרום זיך, ווי עפּעס וואָס קוועטשט. אויפן לעצטן צוזאַמענפאָר פון „געזערד” איז צום ערשטן גע־מאַכט געוואָרן די שוואַכע פּראָבע אָנצורופן דאָס קינד ביים נאָמען.

דאָס יידישע פּראָבלעם אין רוסלאַנד — דאָס איז דאָס

פּראָבלעם פון אַן אומנאָרמאַל פאָלק צווישן פיל-פיל נאָרמאַלע פעלקער. אומנאָרמאַל לויט זיין סאָציאַלער סטרוקטור, ווייל עס באַשטייט כמעט אינגאַנצן נאָר פון איין שיכט; אומנאָרמאַל צוליב זיין נישט-זעסהאַפטיקייט, צושפּרייטקייט, אָפּשרעקנדיקער באַוועגלעכקייט און רירעוודיקייט. לאָמיר זאָגן, אַז דאָס זענען אַלץ לויטער „מעלות" און נישט קיין „חסרונות", אָט די נישט-זעסהאַפטיקייט, באַוועגלעכקייט און רירעוודיקייט. אָבער איין אַזאַ פאָלק צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס זענען אָן די „מעלות" (צי „חסרונות"), מוז זיך דאָך שטענדיק לאָזן פילן, אַרויספילן, און אַ כלל איז, אַז אַ טייל פון אָרגאַניזם, וואָס לאָזט זיך אַרויספילן, איז קראַנק.

כדי נישט צו רעדן מיט אַבסטראַקטע ווערטער און נישט מיט קיין משלים (משלים זענען נישט קיין אַרגומענטן), וועלן מיר פּרוּאוון צוצוגיין נענטער צו דערווירקלעכקייט.

קאַלינין האָט אין זיין היסטאָרישער (אָן שום איבער-טרייבונג) ויעדע דערמאָנט וועגן אַ געוויסן אינטעליגענטישן אַנטיסעמיטיזם, און האָט אָנגעגעבן זיינע סיבות. יידן, ווייזט זיך אַרויס, זענען „גאָרנישט שולדיק", פאַרקערט, עס קומט זיי אַ לויב דערפאַר. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף די סאָוויעטישע שטעלעס גראָד אין דער צייט, ווען די רוסישע אינטעליגענץ האָט סאַבאָטירט, און די נייע מאַכט איז געווען אין אַ גרויסער קלעם, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין באַאַמטע. וואָס-זשע האָבן די יידן „גוט" געטאָן, צי „שלעכט" געטאָן, וואָס זיי האָבן פאַרנומען שטעלעס? געוויס, „גוט" געטאָן. קאַלינין איז אַ גוטער קאָמוניסט, און ער האָט גערעדט צו קאָמוניסטן. אָבער וואָס בלייבט אין רעזולטאַט? פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַרבעטס-לאָזע רוסישע אינטעליגענטן, פיל-פיל מער, ווי ס'איז געווען — פון איין זייט; פאַראַן אַ גרויסע צאָל יידישע אינטעליגענטן אויף סאָוויעטישע שטעלעס, גאָר אָן שום פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ס'איז געווען — פון דער צווייטער זייט. אַלץ איז ריכ-טיק, אַלץ איז פאַרשטענדלעך, אָבער עס בלייבט אַ געפיל פון ענגקייט, פון נישט-באַרמאַלקייט — אָט דער „אינטעליגענטישער

אַנטיסעמיטיזם" צלייבט. איך באַהויפּט, אַז ער האָט געזאָגט „אינטעליגענטישער, סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם", כאָטש דאָס וואָרט „סאָוויעטישער" איז אַרויסגעפאַלן פון דעם פולן טעקסט, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן — נאָכאַמאָל זאָג איך עס — ערשט אין צען טעג אַרום. דאָס וואָרט „סאָוויעטישע" איז ביי מיר פאַרצייכנט פון אַ פּריוואַטער סטענאָגראַמע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויפן אָרט.

דערדאָזיקער אַנטיסעמיטיזם איז נישט באַרעכטיקט. די יידן זענען גאָרנישט שולדיק. אָבער דער פאַקט בלייבט דאָך: ער איז פאַראַן, די סיבות זיינע זענען פאַראַן, ליגן קלאָר אויף דער האַנט, און וואָסער באַטייט האָבן רעדעס, קלוגע, הומאַנישע, אַזוי ווי קאַלינינס, ווען די פאַקטן בלייבן און קוועטשן?

קאַלינין האָט מיט פיל הומאָר און מיט אַ גרויס געפיל פון טאַקט געענטפערט אויף דער פראַגע:

„ווען איך וואָלט געווען אַ יידישער רב — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך געלייגט אין חרם אַריין די אַלע יידן, וואָס גייען קיין מאָסקווע אויף סאָוויעטישע שטעלעס, ווייל זיי גייען פאַרלירן פאַר זייער אייגן פאָלק".

איז ער דאָך אָבער נישט קיין יידישער רב, און דער חרם איז נישט קיין מיטל, וואָס זאָל קאָנען ווירקן. ער איז אַ קאָמוניסט, און ער האָט אַ געפיל פון גלייכקייט פאַר אַלע מענטשן און אַלע פעלקער. איז טאַקע די פראַגע געבליבן אָפן, און נאָר אַן אָנטייט האָט ער געגעבן: אַז „אין פאַרלויף פון איין צי צוויי דורות פאַרמישן זיי (די יידן) זייער בלוט מיט דעם רוסישן בלוט". מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס: דאָס פּראָבלעם וועט פאַרענטפערט ווערן דורך אַסימילאַציע, דורך בלוט-אויסמישונג. מען דאַרף נאָר אָפּוואַרטן איין דור צי צוויי!

מינדעסטנס אין מאָסקווע, דאָרט, וואו עס האַנדלט זיך וועגן די סאָוויעטישע שטעלעס, זעט זיך פאַר אַזאַ פאַרענטפערונג פון דעם פּראָבלעם.

נאָך פיל ערגער שטייט די פראַגע ביים פרייען האַנדל אין מאָסקווע, ביים „נעפּ". גאָר צום ערשטן איז דער האַנדל

בכלל געווען פאַר-צײַכנט פאַר עקספּראָפּריִיִרטע און איז געווען פאַרבאָטן — דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער איבערקערעניש. זענען אַלע סוחרים אין מאָסקווע, און דאָס זענען אַלץ געווען רוסן, אָפּגעווישט געוואָרן, זייערע פאַרמעגנס זענען קאָנפיסקירט געוואָרן, די געשעפטן ליקווידירט געוואָרן, אָדער די רעגירונג האָט זיי צוגענומען.

אַז דאָס לאַנד האָט דעם פאַרבאָט פון פריוואַטן האַנדל דאָך נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָט מען איינגעפירט דעם „נעפּ״, די נייַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק.

און דאָ איז געקומען דאָס באַרימטע קאַץ- און מויז-שפּיל פון דער רעגירונג מיט די אויפקומענדיקע סוחרים.

זענען זיי פעט געוואָרן, האָט מען זיי געגעבן אַ געזונטן קוועטש; האָט דאָס לאַנד ווידער געליטן, און סחורות זענען ווידער געוואָרן צוויי מאָל טייערער, האָט מען ווידער אָפּגעלאָזט די לייצעס.

און אַזוי פירט עס זיך די גאַנצע צייט.

אַז מען פלעגט פאַרוואַרפן אַ קאָמוניסט, אַז דער „נעפּ״ דערלויבט דאָך, עס זאָל אויפשטיין אַ נייַע בורזשואַזיע, פלעגט ער ענטפערן, אויפמאַכנדיק די האַנט און ווייזן זיין דלאָניע: אָט דאָ שטייען זיי ביי אונז, איין מאַך מיט דער האַנט — און מיר צעקוועטשן זיי.

איך האָב שוין געמאָלט אין איינעם פון מיינע פריערדיקע בריוו די לאַגע פון אַ נעפּמאַן, און ס׳איז טאַקע קלאָר, אַז ס׳איז אים נישטאָ, וואָס מקנא צו זיין.

ס׳איז אַ געפערלעך שפּיל און אַ קונציק שפּיל צווישן די צוויי צדדים. פון איין זייט די קאָמוניסטן — אַ ביטערע חברה און אַ געריבענע חברה, ערשט-קלאַסיקע שפּילערס; פון דער צווייטער זייט — די נעפּלייט, וואָס מוזן זיין דערוואַקסן, כּדי אויסצוהאַלטן דאָס שפּיל מיט אַזאַ פּאַרטנער.

ביי אַזאַ לאַגע האָט זיך דער ייד אַרויסגעוויזן פאַר דעם טויגלעכסטן פּאַרטנער. דער רוסישער סוחר מיט זיינע אַלטע מעטאָדן, זייער סאָלידע און איינגעוואָרצלטע, האָט נישט געקאָנט

אויסהאַלטן דאָס שפּיל מיט דעם געפערלעכן פּאַרטנער,—אַ שפּיל, וואָס פאָדערט שטענדיקע וואַכזאַמקייט, פּסיכאָלאָגישע פעיִקייטן בויגזאַמקייט אָן אַ שיעור, ריירעוודיקייט, — לויטער אַלץ „מעלות", וואָס מיר פאַרמאָגן.

צי „זענען מיר שולדיק"? געוויס נישט, אַנדערש האָט מען נישט געקאָנט. אָן אַזאַ קונציקער „צופּאַסונג" איז בכלל קיין האַנדל נישט מעגלעך אין רוסלאַנד. די אַלע יידישע סוחרישע פעיִקייטן זענען גאַרנישט אַנטקעגן דעם, וואָס עס פאָדערט זיך איצט אין רוסלאַנד פון אַ נעפּמאַן. ער מוז האָבן גלייכצייטיק די פעיִקייט זיך צו פאַרשפּרייטן, שנעל אָנצוּוואַקסן, אַזוי ווי שוואָמען איבער נאַכט, און מוז קאָנען דורכקריכן דורך דעם לאָך פון אַ נאָדל אין דערזעלבער צייט.

געוויס זענען מיר נישט שולדיק. די סיבות ליגן קלאָר אויף דער האַנט.

אָבער דער רעזולטאַט? די פאַקטן?

די רוסישע סוחרים האָבן זיך ווייניקער צוגעפּאַסט, די יידישע — מער. יידן שפּילן אין „נעפּ" די אָנפירנדיקע ראָלע.

אמת איז, אַז די לאַגע פון דער רעגירונג איז דאָ אַ פיל בעסערע, זי האָט דאָ מער פרייהייט פון באַוועגונג, ווי ביי דער פראַגע פון די סאָוויעטישע שטעלעס.

דער נעפּמאַן איז בכלל אַ שוצלאָז באַשעפעניש. זיינע רעכט זענען קיינמאָל נישט גאַראַנטירט. איז פלוצלונג אין אַ מיטן העלן טאָג נעמט מען און מען קערט אויס, מען מאַכט צו די האַנט, און מען צעקוועטשט די נעפּלייט (אויף וויפל זיי לאָזן זיך פאַנגען). מען פאַרשיקט אין נאַרימער געגנט, מען קאָנפיסקירט דאָס פאַרמעגן.

די שווערע לאַגע הויבט זיך אָן דעמאָלט, ווען גראָד אין די אינטערעסן פון לאַנד ליגט, אַז מען זאָל דעם פרייען האַנדל נישט שטיקן, ווען דער „הונגער אויף סחורות" וואַקסט, און די פרייזן שטייגן מוראדיק, און דאָך מוז מען געבן דעם קוועטש. עס הייסט, ווייל די בורזשואַזיע איז שוין צו-פעט געוואָרן און פרוואוט אויפהויבן אַ קאָפּ. איך וואָג אָבער צו זאָגן, אַז אויך

דאָס יידישע פּראָבלעם שפּילט דאָ אַ געוו־טע ראָלע. נישט ווייל מען האָט אַ שנאה קעגן ייד, נאָר ווייל... מען מוז זיך דאָך רעכענען מיט פאַקטן און מיט די פּאַקטישע שטימונגען פון דער באַפעלקערונג.

וואָלט אין רוסלאַנד געהערשט אַ סאָציאַליסטיש סיסטעם, וואָלט אפשר דאָס יידישע פּראָבלעם נישט געשטאַנען אַזוי שאַרף. די מעשה איז אָבער, וואָס ביי דעם געמיש פון סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם, וואָס איז איצט איינגעפירט אין רוסלאַנד, ווערן באַשאַפן די פּאַרוויקלטסטע לאַגעס, און מיר בלייבן דאָס פאָלק, וואָס פאָנטערט זיך צווישן פעלקער און קלאַסן, און אין רע־זולטאַט איז פאַראַן אַ געפיל אַ שווערס — פון אומנאָרמאַלקייט.

מען מוז דאָ אָפּגעבן לויב די יעווסעקעס, אַז זיי האָבן אַרויסגעפילט די אומנאָרמאַלקייט פון דער לאַגע, און זיי האָבן געפּרואווט עפּעס צו טאָן אויף דעם געביט. מען פרואווט אַריינ־צופירן יידן אין די פאַבריקן (זענען אָבער פאַראַן ביז אַ מיליאָן אַרבעטסלאָזע אַרבעטער אין רוסלאַנד!), און דאָס איינאָרדנען יידן אויף דער ערד געהער צו דער אַרבעט.

זאָל מען מיך נישט פאַרשעלטן פאַר עפּעס אַ מין געגנער פון די יעווסעקעס, וואָס איך בין באַמיט זיי „אַרונטערצורייסן".

פאַר מיין אַוועקפאָרן פון מאָסקווע האָב איך געהאַט מיט ליטוואָקאָוון אַזאַ מין געשפּרעך:

ער: נו, זאָגט איר, נאָמבערג, אויך אַזוי ווי אַלע: די סאָוויעטן ווי די סאָוויעטן, נאָר די יעווסעקעס טויגן אויף כפרות?

איך: צוויי מאָל צוויי איז פיר—איז זייער אַ באַנאַלער זאַץ, אָבער נישט צו העלפן, מען מוז אים זאָגן.

ער: צי ווייסט איר, אַז אַחוץ „ליטעראַטור" פירן מיר דאָך עפּעס אַן אַרבעט ביי צונעמען יידן אויף די פאַבריקן, בויען מיר דאָך טויזנטער שולן... איר ווייסט נאָר אייער „לי־טעראַטור".

איך: ניין, איך ווייס. אָבער לאָמיר זיך נישט נאַרן; ווער רעגירט אין רוסלאַנד? די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ווער איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס? איר. ערגאָ:

איר זענט די יידישע רעגירונג. אַ רעגירונג קאָן זיך נישט באַרימען דערמיט, וואָס זי מאַכט שוין, אָדער שאַפט אַרבעט. וואָס דען זאָל זי טאָן? דערויף איז זי דאָך פאַראַן. אַ רעגירונג מוז ווערן שטאַרק קריטיקירט פאַר יעדן פעלער, וואָס זי מאַכט; פאַר איר פּלאַנלאָזיקייט, פאַר איר אידעענלאָזיקייט; פאַר פּערספּעקטיוו-לאָזיקייט; פאַר פייגקייט אָנצורופן זאַכן מיטן ריכטיקן נאָמען.

איך זאָג עס דאָ, נישט כּדי זיך אויסצוטענהן מיט מיינע אָפּאָנענטן, נאָר כּדי די לעזער אַליין זאָלן פאַרשטיין מיין שטעלונג.

עס איז מיין מיינונג, אַז אַ יידיש פּראָבלעם עקזיסטירט אין רוסלאַנד, און מען מוז עס אָנרופן מיטן נאָמען אָן מורא און מען דאַרף צוגיין דערצו מוטיק און דרייסט.

און דער פאַקט בלייבט: קאַלינין, לאַרין, בראַגין פאַרשטייען דאָס פּראָבלעם און האָבן געמאַכט דעם פּרואוו עס אָוועקצושטעלן.

די יעווסעקעס האָבן נישט דערלאָזט...

דאָס איז זייער זינד...

XV

אין יידישן טעאַטער אין מאָסקווע.

איך נעם שרייבן וועגן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, און עס ציטער׳ט מיין רעכטע האַנט.

דאָס איז אַביסל מליצה און אַביסל איז עס וואָר. איך מוז אָנגאַרטלען די לענדן און האַלטן מלחמה מיט אונזער גאַנצער אינטעליגענטישער וועלט. איך איך שטיי אַליין אין פעלד. או—הו—או... אַלע שרייבער קעגן מיר, אַלע טעאַטער-מבינים קעגן מיר, אַלע קאָמוניסטן קעגן מיר, און אַלע אַנטיקאָמוניסטן קעגן מיר; אַלע כּלל-טוער קעגן מיר און אַלע אינטעליגענטן קעגן מיר (און דער אינטעליגענטישער המון, זאָל גאָט באַהיטן! דאָס איז דער ערגסטער פון אלע המונים...). זאָל מיר ביישטיין דער, וואָס לעבט אייביק, אַזוי ווי מיין זיידן דודן אין דער וויסטע...

ווייל ס׳איז אָנגענומען צו זאָגן און אַלע ווייסן דאָס, און פאַרביסענע פיינט פון ראַטן-רוסלאַנד מוזן דאָס מודה זיין (אַזוי ווי אַ שלעכטער מלאך, וואָס מוז, כאָטש ער וויל נישט, זאָגן אמן), אַז וואָס-וואָס, אָבער דאָס טעאַטער, דאָס יידישע טעאַטער, דאָס יידישע קאַמער-טעאַטער, דאָס יידישע מלוכה-טעאַטער גראַנאָווסקיס, (שרעקט אייך נישט! דאָס איז איינס און דאָס זעלבע), שטייט הויך-הויך, איז אַ גרויסע „דערגרייכונג“,

און מיר איז בפירוש נישט אָנגענעם צו זיין דער איינציקער אפיקורס.

ווייל איך בין געווען אַנטוישט, נאָך די אַלע לויב-רייד, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט וועגן דער יידישער טעאַטער-קונסט אין רוסלאַנד. און איך בין נישט געפאָרן קיין רוסלאַנד, כדי צו האָבן אַנטוישונגען; פאַרקערט, איך בין, און גאָר באַזונדער די ערשטע טעג, גענויגט געווען צו געפינען אַלץ אַסך בעסער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט.

בין איך געגאַנגען אין טעאַטער אַריין, אַזוי ווי אַ גוטער געניסער, וואָס ווייסט, אַז ס׳וואַרטן אויף אים סאַמע שיינע, פיינע זאַכן, און ער באַלעקט זיך פאָרויס. מיט אומגעדולד האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין פאָיע. די ווענט האָט באַמאָלט — — — שאַגאַל, אַ גרויסער יידישער קינסטלער, און נאָך אַ גרעסערער — קונצנמאַכער. ער קען אי צייכענען, אי מאָלן, און קען אייך אי ווייזן אַ פייג, אי אַרויסשטעקן אַ צונג, כדי דער אָרעמער בירגער זאָל זיך דערשרעקן און זאָל האָבן צו דערציילן פון גאָטס וואונדער, וואָס ער האָט געזען. שאַגאַל האָט אויך... אידעען, קינסטלערישע אידעען, פאַרשטייט זיך. אין רוסלאַנד, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, האָט אַ קינסטלער געמוזט האָבן „אידעען”, אַנישט איז ער געווען טויט, ווי אַלע טויטע, און די בעסטע קונסט וואָלט אים נישט געהאָלפן. אַזאַ צייט געווען, און זי איז נאָך נישט אַריבער אינגאַנצן. די „אידעע” איז געווען, אַז דער אַלטער יידישער שטייגער, וואָס מענדעלע האָט אים געמאָלט מיט בייזקייט און סאַטירע, וואָס שלום אַש האָט אים באַזונגען, וואָס שלום-עליכם האָט אים אַזוי פיין, אַזוי גוט-מענטשלעך הומאָריזירט, אַז דערדאָזיקער יידישער שטייגער טויג שוין אַפילו פאַר קיין הומאָר נישט, סיידן נאָר דער פּאַיאַץ קען אים באַנוצן, דער קלאָון אין צירק — אַ גראָטעסקע און אַ נאָכקרימעניש קען ער נאָך ווערן.

אַזוי זעען טאַקע אויס די ווענט. מנחם-מענדלס אין קאַליר׳טע פראַקן, שטאַרק פאַרשניטענע. יעדער הויז אויפן פוס פון אַן אַנדער פאַרב... מילא, שאַגאַל איז אַ קינסטלער, און

אַמאָל דערלויבט ער זיך צו מאַכן „קונצן“, אָבער די צייכענונג איז שטענדיק גוט, און די פאַרבן (כמעט) שטענדיק גוט קאָמ־בינירט. דער יידישער „ביט“, אַזוי ווי אין אַ קרומען שפּיגל, צום חוזק און שפּאַס, פאַרלענגערט, פאַרדיקט, אויסגעבויגן — אַן אידעע איז עס, מען קען נישט זאָגן, בפרט נאָך אין צייטן פון איבערקערעניש (אין „ברויז“, ווי מען שרייבט אין רוס־לאַנד), ווען אין דעם אַלטן לעבן טאָר מען נישט זעען קיין שום סימפּאַטישן שטריך. דער הומאָר טויג דעמאָלט נישט, ווייל ער איז צו־גוטיק, ער איז מוחל, ער פאַרשטייט צופיל. מוז מען דעמאָלט נעמען דאָס אַלטע און עס פ אַ ר פּ אַ י אַ צ ע ו ו ע ן. די איינציקע מעגלעכע פאָרם, וואָס באַליידיקט נישט דאָס רע־וואָלוציאָנערע געפיל אין וועלט־איבערקערערישע צייטן...

גוט. אָבער צו דעם אַלעם מוז מען האָבן טאַלענט און געשמאַק. שאַגאַל האָט. אָבער אַלטמאַן, דער מאָלער, האָט נישט. און גראַנאָווסקי, דער רעזשיסער, האָט נישט. און דאָברושין־ליטוואַקאָוו — האָבן נישט.

און דער רעזולטאַט — אַ נאַכט פון גרויסער אַנטוישונג פאַר מיר.

זייט מיר מוחל, איר גרויסע טעאַטער־מבינים, — פון יידן און פון די אומות־העולם, וואָס איר האָט אַלע געשריבן וועגן גראַנאָווסקיס „דערגרייכונגען“, — אַז דאָס איז, גאָט ווייסט, וואָס דאָס איז, — די העכסטע שטופע, און דאָס לעצטע וואָרט, און די נייע קונסט, און דאָס אמתע רעוואָלוציאָנערע טעאַטער! איר האָט זיך אַליין אויסגעגאַרט. איר האָט באַקומען צו קייען שטרוי, אָבער מען האָט אייך איינגערעדט, און איר, לייכט־גלויביקע, האָט געגלויבט, אַז איר פילט דעם זיבעטן טעם. עס טרעפן אַזוינע זאַכן. דער כוח פון סוגעסטיע איז גוואַלדיק גרויס, בפרט נאָך פאַר אַ פרעמדן, וואָס איז אין רוסלאַנד.

און דאָ מוז איך זיין נישט באַשיידן און זאָגן, אַז איך גלויב מיר אַליין פיל מער, ווי אַלע גרויסע מבינים און באַ־רימטע מענטשן. איינמאָל דערפאַר, וואָס איך בין איך, גלויב איך מיין געשמאַק צום בעסטן און צום ערשטן; צווייטנס,

דערפאַר, וואָס מיין טעאַטער-שטאַנדפונקט איז בעסער פאַר אַלע אייערע שטאַנדפונקטן צוזאַמען. איך קום אין טעאַטער אַריין גראָד נישט ווי קיין מבין, נישט ווי קיין טעאַטער-קריטיקער. איך קום ווי אַ באַזוכער, אַ קאָנסומענט פון טעאַטער, נישט צו זען בייזע וואונדער. נאָר ווייל כ'האָב אַ פרייען אָוונט, און וואָלט אים זייער גערן געוואָלט מיט עפּעס אויספילן. איך קום אין טעאַטער אַריין און ברענג מיט מיין האַרץ, מיין קאָפּ, מיין זין פאַר שיינקייט, מיין געפיל פאַר ריטם — איך ברענג מיך איינגאַנצן. נאַ! אָט האָט איר אַ מענטש! אָט האָט איר אַ פידל און סטרונעס—שפּילט, שפּילערס! איך גיב מיך איבער אין אייער רשות. מאַכט מיך טרויעריק, מאַכט מיך לוסטיק, מאַכט מיר וויינען, לאַכן; שלעפּט מיך אַרויס פון דעם ענגן פּריוואַטן לעבן מיינעם, צו דער פריי, צו דער ווייט... קומט גראַנאָווסקי און מאַכט „טעאַטראַלישקייט"; קומט דאָברושין מיט דער פּראָזע (ער איז דער מייסטער צו פאַררייכטן שלום - עליכמען) און קלוגלט זיך עפּעס, און איך ווייס נישט וואָס: קומט אַלטמאַן און שטעלט מיר אויף אַ גאַנצע געביידע אויף דער בינע („קאָנסטרוקטיוויזם" הייסט די טעאָריע), אַ קאַרוזעלע, צי אַ מאַשין אויף ביינער-ברעכעניש, און אויבן שטייען מענטשן און אונטן שטייען מענטשן, און אַזש ביז צום סופיט קלעטערן זיי („אויספילן דעם שטח" הייסט די טעאָריע), און איך זיץ און האָב מורא, זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן און אַן אומגליק זאָל, חלילה, נישט געשען... וואָס ווילן זיי פון מיר, די אַלע טעאַ-רעטיקער? איין-איינציק געפיל האָב איך געהאַט די גאַנצע צייט: מען פייניקט מיך. אָנגעזעצט זיך אויף מיינע נערוון.

וואָס האָט מען געשפּילט? „לא תחמוד" האָט מען גע-שפּילט. מילא, גאָלדפאַדענען דערקענט מען נישט. אַ דאַנק און לויב מוז איך נאָר אָפּגעבן דעם אָרקעסטער, וואָס שפּילט זייער קאָרעקט און מיט פיל רוסישער איבערלעבקייט און טעמפּעראַמענט. אמת, דער יידישער קוועטש האָט געפעלט. גאָלדפאַדען האָט גענומען אייראָפּעאישע מעלאָדיעס און האָט זיי „פאַריידישט" מיט אַ זיפצל, מיט אַ דריידל; דער מאָסקווער קאַפּעלמייסטער

האָט די מעלאָדיעס צוריק איירראָפּעאיזירט. אָבער ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט דעם אָוונט מיך נישט געערגערט; ער האָט נישט געבלאָפט. געטאָן, וואָס ער קאָן. און מוזיק פאַרשטייט מען אין רוסלאַנד ביז צום היינטיקן טאָג. פון אַלע קונסטן האָט די מוזיק אַמווייניקסטן געליטן. די „טעאָריעס" האָבן דאָ נישט געמאַכט אַזאַ וויסטעניש, ווי אין שרייבן און מאָלן. גניעסין און מילנער, די מוזיקער, זענען אפשר די איינציקע קינסטלער, וואָס וועלן בלייבן אין דער היסטאָריע פון דער יידישער קונסט. ס'איז ביי זיי דאָ וואָס צו הערן. די מוזיק איז נישט געשטאַנען אונטער אַ צענזור. פילט זיך דאָרט פרייהייט. (אָ, אָפּגעבלאָקירטע, אויסגעלאַכטע, פאַרשפּאָטעטע געטין „פרייהייט"! איך בוק מיך אַלץ נאָך פאַר דיר.)

אָבער די פּראָזע, און די גראַמען, און דאָס גאַנצע שפּילעניש — וואָס קומט דאָרט פאָר?

ס'איז אַ טעאַטער, וואָס פלאָנטערט.

וואָס פלאָנטערט ביז גאָר:

דער אַרטיסט פלאָנטערט דעם עולם.

און זיי ביידן — דער רעזשיסאָר.

אַזוי זינגט מען אַראָפּ פון דער סצענע. דאָס הייסט (לויט דער „טעאָריע"): פּאַיאַצעווען, חוזק מאַכן פון זיך אַליין. דאָס טעאַטער איגנאָנצן איז דער קלאָון, דאָס פּנים איז אויסגעשמירט מיט קרייד און עס פאַלט מיט דער רויטער נאָז צו דער ערד. אויסגעצייכנט! יעדער פון אונזער גרויסן אינטעליגענטישן המון, אַז מען דערקלערט אים דאָס, און ער איז דאָס תופס מיט זיין פאַרשטאַנד, באַקומט התפעלות, און רייבט אַזש די הענט פאַר נחת: אַי, אַי! נייע קונסט, דאָס לעצטע וואָרט, דערגרייכונגען... און מיר איז לאַנגווייליק. גאָט איינער! פונוואַנען האָבן די מענטשן גענומען אַזוינע ריזיקע פּאַיקייטן צו נודיען! אַלע האָבן זיי זיך צוזאַמענגערעדט: גראַנאָווסקי, אַלטמאַן, דאָברושין, און עס גייט אַ בשותפותדיק נודיעכץ, וואָס איר גלייכן איז אויף דער וועלט נישטאָ.

וואָס שפּילט מען? ווער שפּילט? וואו איז דער אָנהויב און וואו איז דער סוף?

ס'איז אַ טעאַטער, וואָס פּלאָנטערט.

וואָס פּלאָנטערט ביז גאָר:

דער אַרטיסט פּלאָנטערט דעם עולם.

און זיי ביידן — דער רעזשיסאָר.

צוזאַמענגעשלעפּט די גאַנצע וועלט. פּילסודסקי פון פּוילן, מאַקדאָנאַלד פון ענגלאַנד, און אַפילו אַב. קאַהאַן פון ניו-יאָרק, אַ רומענישער פּרינץ, און אַן אל מלא רחמים. קיין לאָגיק, קיין צוזאַמענהאַנג. עפּעס וויל ווער וועמען אויסלאַכן, עפּעס וויל ווער וואָס זאָגן, און עס לאַכט זיך נישט, און עס זאָגט זיך נישט... און דער „אינטעליגענט" זיצט, גאַפּעט: אַי, אַי! די נייע קונסט...

איך האָב מיך באַמיט די גאַנצע צייט צו דערגרונטעווען: פונוואַנען קומט דאָס אַלץ? גוט: אומזין. געשמאַקלאָזיקייט. אָבער מען האָט דאָך, מן-הסתם, עפּעס געוואָלט. אַן „אידעע" האָט מען דאָך געוויס געהאַט. עפּעס אַ פּלאַן, אַ פאָרבילד...

ערשט אין אַ צייט אַרום, אַז איך האָב מיך באַקענט מיט מייערכאָלדס טעאַטער און מיט זיינע „דערגרייכונגען", איז מיר די פראַגע פאַרענטפערט געוואָרן. דאָס איז אַ נאָכמאַכונג פון מייערכאָלדס אַן אויפפירונג, וואו מען לאַכט אויס די בירגערלעכע וועלט.

דאָס יידישע קאַמער-טעאַטער האָט אָנגעהויבן פון לעצטן פונקט פון רוסישן טעאַטער, פון מייערכאָלדן. אויך מייערכאָלד קאָן בלאָפן, אָבער אויף זיין סצענע קאָן מען מינדעסטנס מאַכן גוטע (און טיילמאָל שיינע) פּאָליטישע אַגיטאַציע. דער לעצטער אומזין פון דער רוסישער בינע איז געוואָרן דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר דעם יידישן קאַמער-טעאַטער. מען האָט אָנגעהויבן פון סאַמע סוף.

לאַכט מען אויס די בירגערלעכע וועלט. עס זאָגט זיך גאָר אַזוי, אַז מען „לאַכט" זי אויס.

שטעלט מען עטלעכע טריט פון אַ פּאַקס-טראַט און מען מאַכט אַ קאָזשעליק (אויסגעלאַכט!). הויבט מען אָן אַ רומענישן טעמפּעראַמענטפולן טאַנץ, און מען שטעקט אַרויס אַ צונג (אויסגעלאַכט!), גייט מען אַ פּאָלקע, און מען ציט זיך אויס אויף דער ערד (אויסגעלאַכט!). אָבער לעכערלעך קומען נישט אַרויס — נישט דער פּאַקס-טראַט, נישט דער רומענישער טאַנץ, נישט די פּאָלקע, נאָר — — די אויסלאַכונג איז לעכערלעך, גראָב און טעמפּ. צום אויסלאַכן מוז מען דאָך האָבן אַ ביסל הומאָר, אַ ביסל עספּרי. די גאַנצע רעזשי פאַרמאָגט דאָס, לײדער, נישט. און עס קומט אַרויס, אַז נישט די בירגערלעכע וועלט האָט מען אויסגעלאַכט, נאָר פאַרהערלעכט, ווייל דאָס איינציקע, וואָס לאָזט זיך זען, זענען גראָד די שיריים פון דער בירגערלעכער וועלט.

שאַ-שטיל! אויף עטלעכע מינוט איז געוואָרן שטימונג אין זאַל. מען הערט אויף צו גאַפּען, נאָר מען האָרכט. דער „אינטעליגענט" האָט פאַרגעסן זיין אינטעליגענטישקייט. דאָס זינגט אַ פרוי אין ווייסן „אל מלא רחמים". זי זינגט (טראָץ דעם, וואָס עס ווערט געזונגען צום אויסלאַכן, כדי צו באַווייזן די פאַרפוילטקייט פון דער אַלטער וועלט) מיט געפיל, און די טענער פאַרגנבענען זיך צום האַרץ. צום סוף ווייזט זי אייך אַ פייג (אויסגעלאַכט!).

קיינער לאַכט נישט. מען האָט אייך אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. אָבער דאָס געפיל צו זיין אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער איז נישט קיין קונסט-געפיל. און ווען איך שלאָף און האָב שיינע חלומות, קאָן מיר יעדער נאַר געבן אַ שנעל אין דער נאָז.

גראַנאָווסקיס רעזשי. ער שנעלט אין דער נאָז, ער גיט אייך אַ קיצל אונטער דער פּאַכווע, אַ ריס פאַר אַ פּוס, און דער אינטעליגענטישער המון זיצט און גאַפּעט, רעאַגירן טוט ער נישט, סאיז קאַלט אין טעאַטער, נישטאָ קיין שום קאָנטאַקט צווישן דער בינע און המון, אָבער „הנאה" האָט ער:

אַי, אַי! נייע קונסט, לעצטע דערגרייכונג, דאָס רעוואָלוציאָנערע טעאַטער...

אָט אַזוי, מיינע ליבע לייענער (איך פֿיל דאָס באַדערפֿעניש זיך צו אייך צו ווענדן אויפֿן אַלט־מאָדישן שטייגער, כּדי איר זאָלט מיר ביישטיין אין קאַמף קעגן אינטעליגענטישן המון), אָט אַזוי איז אויסגעפֿאַלן מיין ערשטע טעאַטער־נאַכט אין מאָסקווע.

און נאָך פֿיל אַנדערע טעאַטער־נעכט האָב איך געהאַט, נאָר וועגן זיי — אַן אַנדערש מאָל.

XVI

פון די רוסישע טעאַטערס.

די טעאַטער־פראַגע איז נישט אַזוי גרינג צו פאַרענטפערן אין ראַטן־רוסלאַנד. אויף דער גאַנצער וועלט לעבט דאָס טעאַטער איבער אַ קריזיס, און קיינער קאָן נישט וויסן, ווי אַזוי מען וועט פון דעם קריזיס אַרויסקומען: ווי אַזוי וועט אויסזען די נייע דראַמע, די נייע קאָמעדיע, וואָס זאָל פאַראינטערעסירן און פאַרכאַפּן דעם נייעם מענטשן? אָבער דערווייל לעבט זיך נאָך אויס דאָס אַלטע טעאַטער, די אַלטע טעמעס ווערן נאָך באַאַרבעט, און דער נייער מענטש אין אייראָפּע, אויף וויפיל ער איז פאַראַן, ווערט אַלץ ווייניקער אַ טעאַטער־גייער.

אין רוסלאַנד שטייט די פראַגע שאַרפער. דאָס אַלטע איז אַוועק, האָט פאַרלוירן (מינדעסטנס — פאַר דער קאָמוניסטישער אינטעליגענץ) יעדן אינהאַלט, און דאָס נייע איז נישטאָ. מען באַוועגט זיך אין אַ ליידיקן חלל. מאַכט מען טעאָריעס, עקספּערימענטן, „דערגרייכונגען”. סוף־כּל־סוף באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז מען דרייט זיך אין אַ פאַרכּישופטער ראָד. קיין נייער אינהאַלט איז נישטאָ, און אין אַ ליידיקן חלל לאָזט זיך (משמעות) מאַכן „קונצן”, קרימען, ברעכן, שטעלן זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָבער אַ קונסט־ליניע דורכצופירן איז נישט מעגלעך.

נישטאָ קיין קאָנפליקטן. אַלע אונזערע טעאַטער-שטיק זענען געבויט אויף קאָנפליקטן, וואָס שטאַמען פון ליבע, פון סאָציאַלע אונטערשיידן, פון רייך און אָרעם, יחוס און פּראָסטקייט, אָדער (אין בעסטן פאַל) אויף דער שטרעבונג פון אַ מענטש זיך אויסצוצייכענען, צו זיין דער ערשטער (העלדנטום).

דאָס פּראָבלעם פון ליבע איז אין רוסלאַנד „פאַרענטפערט". צוויי מענטשן האָבן זיך ליב — גייט, לעבט צוזאַמען. און דאָס איז אַלץ. פון דער פאַמיליע איז אָפּגעטאָן געוואָרן די הייליקייט, די דיקע אַטמאָספערע, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. קיינער איז קיינעם גאָרנישט שולדיק. נישט זי — אים, נישט ער — איר. קיינער האָט זיך פאַר קיינעם נישט מקריב געווען. דער נעכטן פאַרפליכטעט נישט, און דער מאָרגן פאַרשאַפט נישט קיין דאגות. קינדער? — איז האָט מען נישט. און אויב מען האָט יאָ, צאָלט מען „אַלימענטן". אויפגעהערט זיך ליב צו האָבן, צוגייט מען זיך. בלייבט איינער אומגליקלעך, — בלייבט ער.

דער פאַמיליען-דריי-עק — אַ פאָרפאָלק און אַ דריטער פּערזאָן שאַפט נישט מער קיין פאַרוויקלטע סיטואַציעס.

(איך בעט צו געדענקען, אַז איך גיי נאָך דעם געדאַנקען-גאַנג פון דער קאָמוניסטישער אינטעליגענץ, וואָס זי קאָנטראָלירט און איז די איינציקע דעה-זאָגערין איבערן טעאַטער, אַזוי ווי איבער דער פּרעסע).

די סאָציאַלע אונטערשידן פון אָרעם און רייך עקזיסטירן פּאַקטיש נישט. קיין שטערונגען מצד די עלטערן (מינדעסטנס אין די שטעט) איז בפירוש נישטאָ. ווער הערט זיי, די עלטערן, און ווער פרעגט ביי זיי אַ דעה? דער עלטערער דור האָט איבערהויפּט נישט וואָס צו זאָגן. זאָל ער זיין צופרידן, וואָס ער עקזיסטירט. ראָמעאָ און יוליאַ איז נישט קיין פּראָבלעם. קעניג ליר איז נישט קיין פּראָבלעם. און בוימייסטער סאָלנעס איז נישט קיין פּראָבלעם.

ווייל דער אינדיווידואַליזם, די שטרעבונג פון אַ יחיד צו זיין העכער פון המון, איז אין רוסלאַנד אַ „בורזשואַזער אָפּנויג".

„חבר, דאָס איז געפּערלעך — האָט מיר די מינסקער לע־רערין געזאָגט וועגן דער אידעע פון פּראָגרעס, דער אינדיווי־דואַליסטישער געדאַנק איז אַוודאי און אַוודאי געפערלעך. אַלץ פאַר דער געזעלשאַפט.

דאָס אַלטע גוטע קינסטלערישע טעאַטער אין מאָסקווע (סטאַניסלאַווסקי) האָט געשפּילט קלאַסישע זאַכן, האָט געשפּילט טשעכאָוון. אָבער מען מוז דאָך צוגעבן, אַז די בעקאַנטשאַפט פון 3 פּראָווינצער מיידלעך („דריי שוועסטער") איז אַ קליין ביסל גודנע. זאָלן זיי גייען לעבן מיטן ערשטן־בעסטן יונגן בחור, און קיינעם נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ. דאָס זאָגט נישט בלויז דער קאָמוניסט, נאָר אויך דער דורכשניטלעכער יונגער מענטש, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין איצטיקן רוסלאַנד.

מייערכאָלד האָט „דערגרייכט" פּאָליטישע סאַטירעס, קאָ־מוניסטישע אַגיטאַציע. טעאַיראָוו (דער בעסטער פון די „דער־גרייכער") האָט גענומען היסטאָרישן שטאָף (אין „סאַלאָמעאַ"). אַלע קומען זיי איצט צוריק צו געפינען אַ לעבעדיקן אינהאַלט, עפּעס וואָס זאָל ענדלעך קענען פאַראינטערע־סירן דעם עולם, נישט לאָזן אים בלויז גאַפן און אים פאַר־גדעפלען דעם קאָפּ מיט טעאַטער־טעאָריעס.

פון דעם נייעם לעבנס־שטייגער, פון דעם סאָוויעטישן רעזשים, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין די לעצטע פיר יאָר פון פאַרהעלטנישמעסיקער סטאַביליטעט, לאָזט זיך וואָס נעמען. וואָס?

קיין דראַמעס און טראַגעדיעס אין גרויסן סטיל — נישט. אַפילו אַ קאָמעדיע אין פולן פאַרנעם — אויך נישט. צו־שוואַך, צו־דין איז נאָך דאָס אויבערשטע הייטל, וואָס האָט זיך אָנגע־שטעלט איבער דעם לעבן, אַז עס זאָל קענען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ קינסטלער מיט אַ ברייטן שוואונג. מעגלעך איז אַ לייכטע זיטן־קאָמעדיע, אַ ביסעלע גוטמוטיק אויסלאַכן, אויפכאַפּן קאָמישע זייטן.

(דידאָזיקע מיינונג, אַז פאַר אַן ערנסטער קאָמעדיע, צו טראַגעדיע איז נאָך נישט געקומען די צייט אין רוסלאַנד—פאַר־

פלעט אויף טראָצקי, וואָס פאַרשטייט אין קונסט-זאַכן פּי־
פער, ווי דער באַרעדעוודיקער קונסט-קאָמיסאַר לונאַטשאַרסקי).
ביי מייערכאָלדן גייט איצט אַ שטיק „מאַנדאַט", וואָס
געהער צו דעם סאָרט. ווען נישט די משוגעתן (צי די בלאָפן
פון דעם „געניאַלן רעזשיסער", וואָס לאָזט שטיקער מעבל אַרומ־
לויפן אויף רעדלעך איבער דער בינע („מאַשיניזאַציע" הייסט
די טעאָריע) און אין איבריקן גיט ער אַ ווייסטע וואַנט, וואָס
עפנט זיך און דרייט זיך, ווי אַ גרויסע שאַנק, — ווען נישט
די „דערגרייכונג", וואָס פייניקט אַ גאַנצע צייט דעם צושויער,
וואָלט עס געווען אַן אמתע גרויסע „דערגרייכונג". די רוסן
בלייבן פאָרט דאָס איינציקע פאָלק, וואָס קען אַמוזירן, נישט
איבערטרייבנדיק, וואָס קען מיט גרויע שטיקער לעבן שפּילן
דאָס שפּיל פון דער קונסט (דער גוטער רוסישער רעאַליזם).
ס'איז אַ מעשה פון אַ רוסישער נעפּמאַנישער פאַמיליע,
וואָס זוכט אַריינצובאַקומען אַ שומר, אַ גוטן מלאך אין דער
פאַמיליע, אַ „מאַנדאַט", אַ קאָמוניסט, מינדעסטנס אַן ארבעטער
מיט אַ ביכל פון אַ פּראָפאַריין. ס'איז בעסער. ס'איז געזונטער.
מען פילט זיך רואיקער. די דערשלאָגנקייט, די נישטיקייט, די
לעכערלעכקייט און האָזישקייט, די אָפּגעשטאַנענקייט און פאַר־
יאַכמערטקייט פון דער נייער רוסישער בורזשואַזיע איז דאָ גע־
מאָלט מיט שטאַרקע פאַרבן, אָבער לעבן-טריי, און מיט אַ הו־
מאָר, וואָס נאָר די רוסן פאַרמאָגן. אַזאַ ברייט לאַכן מיט אַ
גרויס געעפנט מויל, ווייזנדיק אַלע ציין, — ניין! דאָס וועט
קיינער נישט נאָכמאַכן.
דעם אַריינפיר און דעם טאָן צום גאַנצן שטיק גיט
באַלד די ערשטע סצענע. דער יונגער זון האַלט אַ בילד אין
האַנט: פון איין זייט איז קאַרל מאַרקס, פון דער צווייטער —
דער צאַר ניקאָלאַי. אַז מען קלאַפּט ביי דער טיר, אָריענטירט
מען זיך צום ערשטן, ווער עס קומט אָן. אויב אַן אייגענער —
לאָזט מען הענגען ניקאָלאַיען; קומט אַ פרעמדער — דרייט מען
אויס דאָס בילד אויף דער צווייטער זייט.
דערנאָך גייט אַ רייע סצענעס, ווי מען זוכט דעם „מאַנ־

דאַט". אַ מעשה מיט אַ קלייד פון אַ גרויספירשטין, וואָס מען באַהאַלט, ווי אַ טייערן אוצר, ווי די „צוקונפט פון רוסלאַנד"; אַ מעשה מיט אַ דינסט, וואָס טוט אָן דאָס קלייד, און אַ גע-נעראַל גיט איר אָפּ „טשעסט", מיינענדיק, אַז ער זעט טאַקע פאַר זיך די גרויספירשטין; אַ מעשה מיט דער אלטער באָבען, וואָס האָט אַ קליין צערקווועלע איינגעאָרדנט אין אַ קעלער, דער גראַמאָפאָן שפּילט פאַר איר „קאָל סלאַוויען", אָבער על פּי טעות שטעלט זי אַריין אַן אַנדערע פּליטע. און ווען זי האַקט מיטן קאָפּ אָן דער ערד, הויבט דער גראַמאָפאָן אָן צו שפּילן אַ פאָקסטראָט. קורץ — אַ ים פון הומאָר און לעבנס-סצענעס, געהאַלטן אין גוטן טאָן. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס מייערכאָלד פייניקט דערביי מיט זיינע „דערגרייכונגען".

ביי די „כודאָזשניקעס" גייט אַ שטיק „דני טורבאָניך". דאָס איז אַ שטיק, וואָס מאָלט די פּאַסירונגען פון דעם ביר-גער-קריג. פּעטלורא, סקאָראָפּאַדסקי. אַ ווייסער אָפיציר ווערט דאָרט געגעבן אין אַ סימפּאַטישער באַלויכטונג, אַלס אַן ערנסטער מענטש. און דאָס האָט אַרויסגערופן פיל פּראָטעסטן. דאָס שטיק איז קינסטלעריש ווייניק אינטערעסאַנט. ט'איז מער סענסאַציע, ווי ריכטיקער אינהאַלט. דאָס שטיק גייט מיט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג אָן אויפהער, און דאָס אַלטע גוטע שפּילן פון די „כודאָזשניקעס" לוינט צו זעען.

ביי טעאַיראָוון גייט אַן אַמעריקאַניש שטיק פון פּאַרמער-לעבן פון אָ' ניל. ביי טעאַיראָוון איז אויף יעדן פאַל פאַראַן עטלעכע נייע געלונגענע סצענע-עפעקטן, מער געשמאַק און וויי[...]קער בלאָף, ווי ביי מייערכאָלדן.

קורץ: אין טעאַטער, פּונקט אַזוי ווי אין דער ליטעראַטור, מערקט זיך אַ צוריקגאַנג צום גוטן געשמאַק און צום מענטשן-פאַרשטאַנד. די רוסן זענען דאָך סוף-כּל-סוף אַ פאָלק פון איני-טואיציע און טעמפּעראַמענט, און די אַלטע קונסט-טראַדיציע קומט צום וואָרט.

איך מוז אָבער צוגעבן, אַז די הערלעכסטע „דערגריי-כונגען" אויפן געביט פון טעאַטער האָב איך באַגעגנט גאָר אויף

אַ פראָווינץ-בינע, אין מינסק, אין דעם ווייס-רוסישן טעאַטער. די שפּראַך איז מיר געווען פרעמד, נישט אַלץ האָב איך געקענט פאַרשטיין. אָבער אַזוי ווי דאָס גאַנצע שטיק איז דורכגעוועבט מיט געזאַנגען, טענץ און ליכט-בילדער, און די האַנדלונג איז אַזאַ נאָענטע, מענטשלעכע און פאַרשטענדיקע, איז עס געווען מיין בעסטער טעאַטער-אָוונט אין רוסלאַנד.

דאָס איז אַ פאָלקס-טעאַטער, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען אין בעסטן זין פון וואָרט.

די האַנדלונג איז גענומען פון נייעם לעבנס-שטייגער. דער קאָמיסאַר אין דעם פאַרוואָרפענעם ווייס-רוסישן דאָרף איז אַ מנוול אַ יונג, אַ „שקורניק”, וואָס אים איז געלונגען אַריינצוקריגן זיך אין דער פאַרטיי. ער שדכנט זיך צו דעם „קולאַקס” טאָכטער, דער רייכסטער פויער אין דאָרף און דער סימבאָל פון אַלדאָס-בייז.

די ווייס-רוסן האָבן נישט מורא (אַזוי ווי אונזערע געשמאַקקאָזע יעווסעקעס) פאַר קליינבירגערלעכע אַפּיקורסות, און זיי האָבן אַריינגעפירט אין דעם שטיק די גאַנצע ווייס-רוסישע חתונה, מיט אַלע אַלטע מנהגים, מיט אַלע אַלטע געזאַנגען, מיט די בוקונגען, מיט די שליחים פון חתנס צד און כלהס צד, און אָן קונצנמאַכעריי, און פאַיאַצעריי. און ס'איז אַן אמתער גענוס צו הערן, און דערביי — באַלערנדיק און אינטערעסאַנט ביז גאָר. די מעלאָדיעס און קאַראַהאָדן זענען אַזוי ווילד און פרעמד, ווי זיי וואָלטן געשטאַמט פון פאַר 1000 יאָר פון עפּעס אַ פאַרוואָרפענעם אינזל. די טראַכטן פון חתן-כלה, די גאַנצע צערעמאָניע איז אַזאַ אַלט-אַלטע, ווייט-ווייטע, אַז איר קאָנט קוים גלויבן, אַז דאָס אַלץ איז נאָך אַ שטיק לעבעדיק לעבן אָט דאָ טאַקע, אין אייראָפּע, אין שכנות מיטן דזשאַז-באַנד און טשאַרלסטאָן.

מוזיקאַליש-אינטערעסאַנטע און אָנגענעמע, פאָלקלאָריסטיש זייער באַלערנדיקע, — ווערן די אַלע חתונה-מנהגים אויפגעפירט אָן די יעווסעקישע אומגעלומפּערטע נאָכקרימעניש, נאָר אין גאַנצן ערנסט. ס'איז דאָ אַן אַטמאָספערע פון ליבע און איינ-

געוואָרצלטקייט אין דעם היימישן, אוראַלטן, מיט די נעפּלען און טויזנטער יאָרן אַרומגענומענעם....

וואָסער אַפּיקורסות פאַר די פירער פון „אונזער" קולטור אין מאָסקווע!

זייער געלונגען איז דאָרט די סצענע, ווען דער אַלטער „קולאַק" פאָדערט, אַז די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן אין דער צערקווע, און טאַקע דורכן פּאָפּ, אַנדערש וויל ער נישט אויסגעבן זיין טאָכטער. דאָ בלייבט דער „קאָמוניסט" שטיין.

ביז איצט (די חתונה-מנהגים) — זאָגט ער — איז געווען „פּאָ טשאַסטי" פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, קאָן מען; אָבער אין צערקווע — דאָס איז „פּאָ טשאַסטי" פון דער רעליגיע — טאָר מען נישט.

וואָס-זשע טוט מען? שטעלט ער אַ „זאַמיעסטיטיעל" (אַ שטעל-פאַרטרעטער), וואָס זאָל גיין מיט דער כלה אין צערקווע אין זיין נאָמען.

און אויף דעם געביט קומען-פאָר זייער קאָמישע סצענעס. דער שטעל-פאַרטרעטער שאַרט זיך דערוויל צו דער כלה, און דער „קאָמוניסט" קאָן נישט אויסהאַלטן און לויפט-אַריין אין צערקווע, וואו מיר זעען אַ פּאָפּ, אַן אַלטאַר (און ווידער — נישט קאַריקאַטוריסטיש).

ס'איז אַ פּאָסקסטימלעך שטיק, אויסגעוואַקסן פון דעם נייעם לעבן און נייע פּאַרהעלטענישן; די ליכט-בילדער דער-גאַנצן דאָס, וואָס קען נישט אויפגעפירט ווערן אויף דער סצענע, און פון דעם גאַנצן טראָגט זיך דער געזונטער ריח פון אַ טיכטיקן ווילן צו געבן מענטשן-פרייד און גענוס פון דעם שפּיל פון דער פּאַנטאַזיע (די בעסטע פון אַלע „טעאַריעס").

און דאָס יידישע טעאַטער אין כאַרקאָוו האָב איך געזען. הויבן זיי דאָרטן אָן — — — וואו גראַנאָווסקי האָט געענדיקט. קונצן-מאַכן האָט דאָך קיין שיעור נישט, און „טעאַטראַלישקייט" באַווייזן קאָן זיך די פּראָווינץ דערלויבן נאָך מער, ווי מאָסקווע. וענען דאָרט קאָמבינירט פאַרבן, ליכט-עפעקטן, קאָסטיומען

און דעקאָראַציעס, אַז מען באָדט זיך און מען טרינקט זיך און עס פאַרפעלט אָטעם פון דער געשמאַקלאָזיקייט.

אָבער אַ קונץ באַווייזט מען דאָך, — אַ קונץ איבער אַלע קונצן. מען שפּילט „ראָזיטאַ״, איז דאָס אַ שפּאַנישע זינגערין און טענצערין, אַ פלאַם-פייערדיקער טעמפּעראַמענט. דאַרף מען זי לאָזן טאַנצן. ווי אַזוי? אויף דער פּאָדלאָגע טאַנצן וועט דאָך זיין רעאַליזם, טריפה-פּסול, קליינבירגערטום (און ביני-לביני וואָלט דאָך די אַרטיסטקע געמוזט קענען טאַנצן), נעמט מען אַ שטול, מען שטעלט-אַרויף די טענצערקע, און דאָרט אויף דעם שטול, „סימבאָליזירט״ זי מיט באַוועגונגען דעם טאַנץ, דעם פלאַם-פייערדיקן שפּאַנישן טאַנץ.

נישט קיין איינפאַל? אמתע טעאַטראַלישקייט....

XVII

ווי זעט אויס מאָסקווע.

ווי-זשע זעט אויס מאָסקווע? ווי איז דער אָנבליק פון דער שטאָט? ווי גייען דאָרט די מענטשן? ווי זעען אויס די געשעפטן? א.אז.וו. א.אז.וו. — דאָס זענען אָן א שיעור פראַגן, וואָס ס'איז שווער צו געבן אויף זיי א ריכטיקן ענטפער, אָן ענטפער, וואָס זאָל עפּעס זאָגן.

מאָסקווע זעט אויס — פאַרשטייט זיך — זי זעט אויס אַזוי ווי א גרויסע שטאָט. אַלצדינג אַזוי ווי אין א גרויסער שטאָט: אָבער עפּעס פּאָרט אַנדערש. גאַסן, פלעצער, הייזער, געשעפטן, טראַמווייען, טאַקסיס אַפילו (אמת: א קליינע צאָל), מענטשן, באַוועגונג, פּאַרקער, א פּאָליסמאַן ביים עק גאַס, רעסטאָראַנען; ביינאַכט — א פּאָר שכורים, גאַסן-פרויען... אַלץ, אַלצדינג, אַזוי ווי אין א גרויסער שטאָט, — דער פּראָדוקט פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און דער קאַפּיטאַליסטישער אָר-דענונג. אָבער — פּאָרט אַנדערש.

און מיט דעם „אַנדערש" איז זייער א שווערע הלכה. איר וועט אייך פאַרלירן אין קליינינקייטן, אין איינצלהייטן, און דער „אַנדערש", האָב איך מורא, וועט בלייבן נישט אויפ-געכאַפּט, דער „אַנדערש" באַהאַלט זיך ערגעץ, הינטער די זאַכן, הינטער די מענטשן.

געשעפטן? אַוודאי, געשעפטן מיט גאָלדענע שילדן, און די אויפשריפט איז אַ ביסל היעראָגליפיש, צוזאַמענגעשטעלט פון ראשי-תיבות (אָנהויב פון ווערטער): „לענטאַבטרעסט" (לענינגראַדער טאַבאַק-טרעסט). וואָס מאַכט דאָס אויס? וואָס זאָגט אייך די פירמע „שאַפּאָשניקאָוו" מער ווי „טורקסעל-כאָז-קאָפּ". (טורקעסטאַנישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו)? אויב איר האָט אַן אינטערעס, וועט איר שוין אויסגעפינען די באַדייטונג פון דעם היעראָגליף, און אַז איר האָט נישט קיין ספּעציעלן אינטערעס, וואָס קימערט דאָס אייך? די מייסטן געשעפטן זענען רעגירונגס-אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראַטיווע, צי טרעסטן א.ד.גל. און טראָגן מלוכהדיקע נעמען. די פּריוואַט-געשעפטן זענען דאָ, אָבער זיי האָבן געוויינלעך נישט קיין גרויסע שילדן און נישט קיין אויפשריפטן מיט גאָלדענע אותיות. פּריוואַטע געשעפטן וואַקסן געוויינלעך אין שאָטן, האָבן מורא פאַר אַן עין-הרע.

שויפענסטער מיט אויסגעלייגטע סחורות? — אוודאי זענען זיי דאָ. אָבער דאָך — „אַנדערש".

אָט האָבן מיר געכאַפּט אַ פּונקט, וואו מען קאָן דעם „אַנדערש" אַ ביסל מער דעפינירן, קלאָרער און נענטער מאַכן, ווען מיר די געלעגנהייט נישט דורכלאָזן.

די סחורות אין שויפענסטער ווערן אומעטום אויף דער וועלט אויסגעלייגט, כּדי צוצוציען דעם קויפער. זיי רופן אים, זיי לאָקן אים, זיי פאַרנאַרן אים. די סחורות אין שויפענסטער פון מאָסקווער מאַגאַזין זענען שטום, זיי רייסן קיינעם נישט ביי די פּאָלעס. מען האָט זיי אַוועקגעלייגט — ליגן זיי. און אַוועקגעלייגט האָט מען זיי דאָ נישט מיט קיין שום מיין. מען קאָן דאָך דאָס פענסטער נישט לאָזן ליידיק, עס זאָל אַרויסקוקן מיט אַ בלינד אויג אין גאַס אַריין. עס וואָלט געוואָרפן אַ מורא אויף די מענטשן. אַ שויפענסטער האָט אָבער אַ „נשמה", און דאָס איז די נשמה פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, דער חשק פון די מענטשן רייך צו ווערן, — איז אָט די „נשמה" נישטאָ אין דעם שויפענסטער פון דער רעגירונגס-אינסטיטוציע.

דידאָזיקע „נשמה" איז ערגעץ פאַרוואָגלט, אין די ווינקעלעך פון מאָסקווע, וואו עס גייט דער פּריוואַט-האַנדל.

איז דעריבער אַ געניט אויג זעט טאַקע, אַז ס'איז אַ שוויפּענסטער מיט אויסגעלייגטע סחורות, אַלץ, אַזוי ווי ביי אונז, אָבער — אַנדערש.

אַנדערש — יאָ.

די מענטשן גייען גיך, ענערגיש, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, געקליידט פּראָסט, אוניפאָרמיש, און אַז זיי טרעטן עמיצן אָן אויפן פוס, אַנטשולדיקן זיי זיך, אָבער אויך — אַנדערש... אָבער דעם „אַנדערש" בין איך נישט אין שטאַנד צו באַשרייבן, סיידן איך וואָלט געקאָנט אַרויסלייענען די געדאַנקען פון קאָפּ, און אויך דעמאָלט ווייס איך נישט, צי דאָס וואָלט מיר געהאָלפן. דער רוסישער מענטש האָט נישט קיין קלאָרע געדאַנקען.

אָבער ס'איז אַממערסטן יונגוואַרג, וואָס ווימלט אויף די גאַסן. זייער ווייניק אָפּגעלעבטע טיפּן באַגעגנט איר. מאַכט אַ וואַרע פאַר דער יוגנט! זיי זענען אין רוסלאַנד אַלצדינג.

און — די איינציקע האָפענונג פון רוסלאַנד... די קאָמוניסטישע איבערקערעניש (אַזוי גלויב איך) האָט פאַר זיי נאָר צוגעגרייט דעם באָדן, אָפּגערייניקט דאָס פעלד. וואַרט-צו! וואָס זיי וועלן טאָן, דאָס וועט זיין געטאָן.

די שול אין רוסלאַנד איז אַ פּאַרטייאישע, דורכגעדרונגען נישט נאָר מיט דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, נאָר מיט אומאויפהערלעכער אַגיטאַציע. דאָס ערשטע בלאַט פון דעם לער-בוך אין סאַמע ערשטן קלאַס הויבט זיך אָן מיט לענינען און מיט דער רעוואָלוציע און די קאָמוניסטישע דערציאונג לאָזט נישט פריי דעם תלמיד אויף קיין שום געביט. וואָס מען זאָל נישט לערנען און וואו מען זאָל נישט לערנען, ווערט אויף קיין מינוט נישט פאַרלאָזט פון אויג דער הויפּט-ציל — צו דערציען אַ קאָמוניסט. אָבער ביי דעם אַלעם, ביי אַלע אירע פּעדאַגאָגישע חסרונות, דערציט דאָך די שול דאָס קינד צו אַליין-טעטיקייט, צו אַליין-הילף, צו אָרגאַניזאַציע, צו מוטי-

קייט און אומאָפּהענגיקייט, צו רעספּעקט פאַר אַרבעט און אַ סאָציאַלער דיסציפּלין און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס איז אויף יעדן פאַל אַ נייער דור, אַ נייער מענטשן-טיפּ, וואָס וואַקסט אויס אין רוסלאַנד.

אויב מען זאָל מיך פרעגן: ווער מאַכט דאָס לעבן אין פאַרשידענע מדינות, וועל איך ענטפערן: אין פראַנקרייך—דער 50-60-יעריקער; אין דייטשלאַנד — דער 40-50-יעריקער; אין אַמעריקע — דער 30-40-יעריקער און אין רוסלאַנד — דער 20-30 יעריקער. ער שפּאַרט זיך, ער גייט. און רוסלאַנד — אַזוי האָף איך, אַזוי גלויב איך צוזאַמען מיט יעדן הומאַניטאַרן מענטשן אויף דער וועלט — וועט פון זיי, פון די יונגע מענטשן, פון דעם אויפוואַקסנדיקן דור, נאָך דערלעבן נחת.

• •
•

אָבער דאָס איז נאָר דאָס בילד אויף די גאַסן, און איך רעד דאָ פון די באַלעבטע גאַסן. אין די טראַמווייען איז שוין דאָס בילד אַנדערש. אפשר דערפאַר, ווייל דאָס יונגוואַרג באַזיצט זיינע יונגע פיס און גייט צופוס אָנשטאָט צו פאָרן. די טראַמווייען זענען אַלע כמעט פול געפּאַקט, שטענדיק איז דאָרט אַ געדרענג, און וואָס מיך האָט געוואונדערט — דאָס איז, וואָס דער עולם איז גענוג דיסציפּלינירט. משמעות, די שווערע דורכגעלעבטע יאָרן האָבן מענטשן דערצויגן צו זיין געדולדיק און אויסצוהאַלטן אין די פאַרשידנסטע אומבאַקוועמע לאַגעס. מען קריגט זיך נישט, מען שטופּט זיך נישט, און מען פאַרכאַפּט נישט קיין ערטער. די פּנימער זענען דאָ מער גראָ, מיד, אָפּגעלעבט, צייכנס פון שווערער האַרעוואַניע ליגן אויף די מענטשן. דאָס פּובליקום אין טראַמוויי ווערט באַדינט מערסטנ-

טיילס פון אַ קאָנדוקטאָרקע (די פרויען-אַרבעט האָט זיך דאָ דערהאַלטן נאָך פון דער צייט פון דער מלחמה, ווען די מענער זענען געווען אין פעלד); ס'איז אַ שווערע ביטערע אַרבעט אין אַזאַ געדרענג, און די קאָנדוקטאָרקע, אַ פּראָסטע רוסישע פרוי, דער קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ טיכל, שטייט אין ווינקל פון וואַגאָן, רעזערווירט פאַר איר, און פון אירע אויגן קוקט אַרויס אַ מידיקייט ביז צו פאַרחלשן, זי שטייט אָנגע-לענט אויף זיער וואַנט. גיך, אָבער אויטאָמאַטיש, דערלאַנגט זי אייך דעם בילעט און נעמט צו דאָס געלט. עס שלאָגט פון איר אַן אומעטיקייט און אַ דערשלאָגנקייט, — אַן אָפּקלאַנג פון דעם שווערן לעבן, וואָס ס'פירן די מאַסן פון פאָלק, די מאַסן פון די אומבאַקאַנטע. איר פאַרדינסט איז זייער קליין, און די דירה מוז זיין זייער ענג, איז איר פנים טאַקע ערדיק בלאַס און די אויגן אויסגעלאָשן.

די מאָסקווער קאָנדוקטאָרקע איז אַזאַ שאַרפער קאָנטראַסט צו דער קאָנדוקטאָרקע אין אַזאַ שטאָט ווי אָדעס, וואו דער טראַמוויי האָט ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן נאָרמאַל צו פונ-קציאָנירן. טרעפט איר דאָ קאָנדוקטאָרקעס יונגע, בליענדיקע מיידלעך, שיינקייטן. און בייזע צינגער זאָגן, אַז אויף אָנצו-קומען אויף אַ שטעל ביים טראַמוויי אין אָדעס מוז אַ קאָנ-דוקטאָרקע באַזיצן אויסעראָרדענטליכע פיזישע מעלות... דאָס זאָגן, פאַרשטייט זיך, בייזע צינגער, און איר האָט אַ ברירה זיי נישט צו גלויבן. ביי מיר אין זכרון האָט זיך נאָר אָפּגע-שטעלט דער שאַרפער קאָנטראַסט צווישן דער אָדעסער קאָנ-דוקטאָרקע, וואָס איז געוויינלעך אַ שיין מיידל אין אַ קאָקעטן מונדיר (ערשט ניי געמאַכט) און צווישן דער דערשלאָגענער אָרעם און גראָ-געקליידטער מאָסקווער, דער טיפּ פון דער גראָער מאַסע.

אַרויפצובאַקומען זיך אויף אַ טראַמוויי איז טאַקע נישט פון די גרינגע זאַכן אין מאָסקווע, די טראַמווייען לויפן משוגע גיך, און זיי האַלטן אויף דער סטאַציע קוים עטלעכע סע-קונדעס. די קאָנדוקטאָרקע האָט שטענדיק „גענוג“ פּאַסאַזשירן, און זי לאָזט דעם וואַגאָן אין וועג אַריין, נישט אַכטנדיק, צי

איז עמעצער געבליבן אינדרויסן. ערגעץ אַנדערש וואָלטן ביי אַזאַ געדרענג און אַזאַ איילעניש געמוזט פּאַסירן אַ סך אומגליקן. אָבער דער רוסישער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון אַ געוויסער ד ר ע ס י ר ו נ ג ; ער האָט זיך צוגעפּאַסט (די, וואָס זענען נישט דרעסירט געוואָרן פון די געשעענישן און האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט, זענען — אויסגעשטאָרבן) און — עס מאַכט נישט אויס. געניטע אַלטע פרויען, הענדלערקעס, באַווייזן נאָך די קונץ אין דעם איילעניש און געדרענג אַריינצושלעפּן אין וואַגאָן אַריין קוישן און זעקלעך. קיינער האָט צו זיי גאָרנישט דערפאַר, און מען וועט זיי נישט זאָגן קיין בייז וואָרט, — מען מוז דאָך לעבן!

• •
•

צו דעם גאַסן-טיפּ פון מאָסקווע געהערן די הענדלער און הענדלערקעס מיט פּאַפּיראָסן. דאָס ווייבערישע געשלעכט דאָמינירט דאָ. יעדער פּאָר שריט האָט איר אַזאַ סוחר, צי סוחרטע. און עס וואַרפט זיך אין די אויגן די צו-גרויסע צאָל זייערע. עס איז אויך דאָס גרינגסטע און פּשוטסטע, צו וואָס מען קאָן זיך נעמען, ווען דער הונגער דריקט-צו. די מלאכה פאָדערט נישט קיין צוגרייטונג, קיין קענטנישן און אויך נישט קיין גרויסן פּאַטענט. איר קאָנט דאָ צווישן דעם פּאַפּיראָסן-עולם טרעפן די קוריאָזסטע טיפּן. אַלטע אָפּגעקומענע, אַלע „געוועזענע”: גענעראַלן, היכלע באַאַמטע, אלמנות פון דער אריסטאָקראַטיע. איר גייט טיילמאָל צו צו אַזאַ שטענדערל, פאַר אייך איז אַ פרוי אין „אוניפאָרם”, אַן אָפּגעריבן מלבוש, שטיוול, אַ טיכל אויפן קאָפּ, נאָר אויף אייך קוקן מאָדנע פרעמדע טרויעריקע אויגן, און די האַנט, וואָס דערלאַנגט אייך

די פּאַפּיראָסן, איז אַ פּאַרמירטע, מיט לאַנגע פינגער, און דווקא ריינע נעגל, — די אַלטע געוווינהייט צו רייניקן די נעגל איז נאָך נישט אויפגעגעבן, כאָטש דאָס פּנים איז שרעקלעך איינגעפאַלן, און די נויט האַלט דאָס גאַנצע באַשעפעניש פעסט אַרומגענומען.

איך פלעג קויפן מיינע פּאַפּיראָסן ביי אַ שטענדערל, וואו עס פלעגן זיך בייטן איבערן טאָג אַ מוטער מיט אַ מיידל פון אַ יאָר 15. מיין אויפמערקזאַמקייט איז צוגעצויגן געוואָרן צוליב זייער שטילן און רואיקן פאַרהאַלטן זיך, געשטאַנען ווי מומיעס. ביז פיר אַ זייגער איז געשטאַנען די מוטער, דערנאָך — דאָס קינד איז, מן-הסתם, צוריקגעקומען פון שולע — האָט עס פאַרביטן די מאַמען. די קליינע פלעגט שטיין מיט אירע שול-ביכער און פון צייט צו צייט לייענען אין זיי. איך האָב בייגעוואוינט אַ סצענע, ווען דאָס בייטן זיך איז פאָרגעקומען. און דאָס בילד, ווי די עלטערע פרוי (עלטער פון אירע יאָרן) האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך די אומגעלומפּערט-גרויסע פאַרבלאַטיקטע שטיוול, און דאָס קליינע נפשל האָט זיי אָנגעטאָן, און געשטעלט זיך אויפן פלאַץ — דאָס איז פון די רירנדיקסטע סצענעס, וואָס מיר איז אויסגענומען צו זען אין מיין לעבן.

איך האָב געקויפט מיינע פּאַפּיראָסן און געפּרואווט אָנצוקניפּן אַ שמועס. שווערלעך. מען ענטפערט אין מאָסקווע נישט גערן אַן אומבאַקאַנטן.

— איר גייט אין שול?

— יאָ.

— אַסך קינדער נאָך ביי אייך אינדערהיים?

— נאָך פיר.

— עלטערע?

— ניין. אַלץ יונגיטשקע.

און די קליינע — הענט און אויגן זענען ביי איר געבליבן אַריסטאָקראַטיש אַזוי ווי ביי איר מאַמען — האָט אָפּגעהאַקט דאָס געשפרעך, און אויפגעבלעטערט איר ביכל.

אויף צו מאָרגן האָב איך געפּרואווט אָנצוקניפּן אַ שמועס מיט דער מוטער — אויך מיט אַ קנאַפּן דערפאָלג.

— די רוסישע פּאַפּיראָסן — האָב איך זיך געקלאָגט — זענען נישט וואָס אַמאָל. אַמאָל האָבן זיי געשמעקט אויף דער גאַנצער וועלט...

— יאָ, ס'זענען דאָ גוטע. דערלויבט... אָט די...

— האָט איר אפשר אויסלענדישע?

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק. עפּעס איז זי געווען ווי גערירט.

— איר וועט זיין אַן אויסלענדער?

— יאָ.

— אָט אַזוי...

און ווייטער גאָרנישט.

אָבער אויף צו מאָרגן, אַז איך בין דורכגעגאַנגען, האָט די פרוי מיך שוין אָפּגעשטעלט, צורופנדיק מיך:

— דערלויבט, „וואַשע סיאַטעלסטוואָ" (אייער דורכלויכט), אָט האָט איר אויסלענדישע...

און זי האָט די ווערטער „וואַשע סיאַטעלסטוואָ" אַרויסגערעדט עפּעס מיט אַ באַזונדערן אַקצענט, מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן.

לאַנג שוין נישט באַנוצט די ווערטער, און — אפשר האָבן זיך איר געחלומט די אַלטע צייטן.

„וואַשע סיאַטעלסטוואָ".

XVIII

דער הונגער אויף סחורות.

קליינע סימפּטאָמען פון גרויסע קראַנקהייטן: דאָס טרעפט אָפט אין מענטשלעכן אָרגאַניזם, און ס'איז אויך צו באַגעגענען אין אַ סאָציאַלן אָרגאַניזם.

אַ קליינע אומנאָרמאַלקייט באַווייזט זיך; עס האָט אויסערלעך אַן אומשולדיק פּנים, און עס איז אַ סימן גראָד פון אַן ערנסטער קראַנקהייט.

פאַר די מאַנופאַקטור-געשעפטן, פאַר די שניט-קראָמען פון דער רעגירונג, שטייען לאַנגע, לאַנגע רייען פון מענטשן. אַזאַ ריי ציט זיך אויפן טראָטואַר לענג-אויס דער גאַס, און פאַרבויגט טיילמאָל נאָך אין אַ זייט-גאַס אַריין. מענטשן שטייען, מיינסטנס פרויען, אָבער עס וואַרפן זיך דורך אויך מאַנספאַרשוינען, — אַ גראָער מענטשן-מאַטעריאַל, מיד, נישט אויסגעשלאָפן, אומפריינטלעך. דאָס איז דער טיפּ מענטשן, וואָס שטייען לאַנגע, לאַנגע שעהן אין דער ריי, פון אינדערפרי ביז צום שפּעטן אָוונט. די ריי — דאָס איז אַן אינסטיטוציע, אויפגעקומען אין די יאָרן פון דער מלחמה, און זי ציט צו צו זיך אַ געווויסן טיפּ מענטשן, באַשאַפט אַ באַזונדערע סביבה — דער מענטש אין דער ריי איז איר פּראָדוקט.

אין די לאַנגע נודנע שעהן פון שטיין אויף די פיס, פיל מאָל אונטער רעגן און קעלט, זעט דער ריי-מענטש פאַר

זיך בלויז מענטשלעכע רוקנס, נישט קיין פנימער. דאָס האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער פּסיכיק. דער רוקן שטייט: ווי אַ וואַנט — ער שטערט. ער רוקט זיך פאַמעלעך. פאַראַן צו-זאַמענקומענישן פון מענטשן אויף איין פּלאַץ, וואָס פאַראייניקן זיי פּסיכיש; פאַראַן אַזוינע, וואָס צעשיידן זיי. די ריי איז אַ שרעקלעכע אינסטיטוציע. ווען אַ מענטש ווערט אַ וואָלף, איז געגוג שלעכט, אָבער, איך מיין, אַז נאָך ערגער איז, ווען אַ מענטש צו אַ מענטש ווערט אַ שטיק גראָע מאַטעריע, אַ רוקן, אַ וואַנט, אַ שטיק טויטקייט. דאָס שטיין אין דער ריי אַנטוויקלט נישט קיין געפילן פון רציחה, נאָר עפּעס אַ טעמפּע בייזקייט. האָט איר געלעבט אין די צייטן פון דער מלחמה אין אייראָפּע, אין אַן אָקופּירטער שטאָט, און זענט איר געשטאַנען אין דער ריי אויף צו באַקומען אייער טעגלעכע פּאָרציע שפּייז צו דערהאַלטן אייער עקזיסטענץ? — דערמאָנט אייך.

אין אייראָפּע געהער די ריי שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. זאָל זי רוען אין קעניגרייך פון די פאַרגאַנגענע שאָטנס, און קיינמאָל מער נישט צוריקקערן! אויך אין רוסלאַנד איז זי פאַר-שוואונדן. שפּייז-פּראָדוקטן זענען פאַראַן גענוג און גענוג. אָבער די לעצטע צייט האָט זיך די ריי ווידער איינגעשטעלט אַרום די שניט-קראָמען, און זי נעמט אָן מוראדיקע פאָרמען.

אויב מען זאָגט, אַז מאָסקווע מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטאָט, וואו דאָס לעבן גייט זיין נאָרמאַלן גאַנג, מוז מען באַלד צוגעבן: אַחוץ די רייען פאַר די מאַנופאַקטור-געשעפטן, וואָס רופן אַרויס דעם איינדרוק פון אומנאָרמאַלקייט, אָנגע-שטרענגטקייט.

דער סימפּטאָם קאָן אויסזען אַזויווי אַ קלייניקייט. אַלץ פונקציאָנירט דאָך נאָרמאַל. מענטשן גייען, „איזוואָשטשיקעס" פאָרן, געשעפטן זענען אָפן, אָבער אינמיטן דערינען זעט איר, ווי די גאַס שוואַרצלט זיך פון מענטשן: איר האָט אָנגעטראָפן אויף אַ ריי. וואָס ווילן זיי? אַ פּאָר אַרשין סחורה בסך-הכל, אַ טיכל אויפן קאָפּ. נישט קיין בייז.

אָבער די קראַנקהייט איז אַן ערנסטע. דער „הונגער

אויף סחורות״ הייסט עס אויף דער אָפיציעלער שפּראַך („טאָ-וואַרני גאָלאָד״). נישטאָ קיין סחורות אין לאַנד. די אינדוסטריע איז נישט אין שטאַנד אויסצואַרבעטן אַזויפיל סחורות, וויפל דאָס לאַנד באַדאַרף און וויפל עס איז פּאַקטיש ביכולת צו קויפן. דערפון — די אָנגעשטרענגטקייט.

די אָפיציעלע ציפערן דערציילן וועגן דעם אַ ביטערן אמת (מען מוז דאָ דערמאָנען, אַז די קאָמוניסטן האָבן איין גרויסע מעלה — זיך אַליין האָבן זיי נישט ליב אויסצונאַרן. און זיי קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין מיט פיל מער גע-וואַגטקייט, ווי מלוכה-מענער פון מאַנכע אַנדערע לענדער).

אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט אויסגעפעלט סחורות אויף אַ סומע פון 350 מיליאָן רובל. דאָס האָט זייער פאַרשאַרפט די לאַגע, ווייל אויף דעם באָדן אַנטוויקלט זיך דער קאָנפליקט צווישן דער שטאָט און דעם דאָרף. דאָס דאָרף האָט צוריק אויפגעשטעלט זיין פּראָדוקציע פון שפּייז-פּראָדוקטן; דערנעהרט דאָס דאָרף זיך אַליין, און שפּייזט אויך די שטאָט מיט זיינע פּראָדוקטן. אָבער די שטאָט הינקט-אונטער, קאָן נישט נאָכלויפן דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג אין דאָרף; ז׳, די שטאָט, אַרבעט נישט אויס די סומע סחורות, וואָס דאָס דאָרף באַדאַרף צו האָבן.

אַריינפירן סחורות פון אויסלאַנד איז זייער אַ געפערלע-כער וועג. ווייל ס׳וועט נישט זיין מיט וואָס צו צאָלן, און די רוסישע וואַלוטע וועט מוזן צוזאַמענברעכן ביי אַ פרייען אַריינפיר פון סחורות. דער עקספּאָרט פון רוסישע רוי-מאַטעריאַלן קיין אויסלאַנד אַנטוויקלט זיך זייער שוואַך, און צו דעם באַגרענעצטן עקספּאָרט מוז מען צופּאַסן דעם אימפּאָרט.

איז דער איינציקער אויסוועג—די שטאָט זאָל פאַרשטאַרקן איר טעטיקייט. די אינדוסטריע זאָל אַרבעטן אינטענסיווער. מענטשן צו אַרבעטן זענען דאָ— אַ מיליאָן אַרבעטסלאָזע—אָבער פאַבריקן פעלן, מאַשינען, קאַפּיטאַלן.

אויף דעם לויפנדיקן יאָר, טראָץ דעם, וואָס ס׳ווערן אויסגעגעבן גרויסע סומעס אויף צו רעמאָנטירן די אַלטע פאַב-

ריקן און צו בויען נייע, ווערט פאָרויסגעזען, אַז דער „הונגער אויף סחורות" וועט נאָך פאַרשאַרפט ווערן, און ער וועט דער־גרייכן די סומע פון 500 מיליאָן רובל.

דאָס זענען שווערע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, און נישט דאָ איז דאָס אָרט, און נישט מיין אויפגאַבע איז עס, זיך אָפּ־צושטעלן אויף זיי גענויער. אין תוך גענומען איז דאָס די פראַגע פון אַלע פראַגעס. צי איז דאָס סיסטעם פון איצטיקן רוסלאַנד אין שטאַנד צו באַפרידיקן די מינימאַלע באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג, צי נישט. אָדער — אַזוי ווי די פראַגע ווערט געשטעלט אין דער דיסקוסיע צווישן דער „אָפּאָזיציע" און אירע געגנער — צי איז דער סאָציאַליזם מעגלעך אין דעם איזיאָלירטן רוסלאַנד אַליין.

אמת איז, אַז די „אָפּאָזיציע" האָט געליטן אַ גרויסע מפלה, און דאָס איז געשען גראָד אין דער צייט, ווען איך האָב פאַרברענגט אין רוסלאַנד. די פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד האָבן אָנגענומען די אָפיציעלע רעזאָלוציעס כמעט איינשטימיק. טראָץ דער פּאָפּולאַריטעט פון די פירער פון דער „אָפּאָזיציע", האָבן זיך געפונען גאָר ווייניק אַמאַטאָרן צו דערקלערן זיך פאַר זייערע אָנהענגער. סטאַלין אַליין האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ נצחון. דאָס באַווייזט, אַז די דיסציפּלין אין דער פאַרטיי איז זייער שטאַרק, און דאָס באַווייזט אויך, אַז דער עולם אין רוסלאַנד איז איצט נישט גענייגט צו מאַכן שפּרונגען אין אומבאַקאַנטן. מען וויל טאָן, מען וויל אַרבעטן, און מען וויל גלויבן אין דעם דערפאָלג פון דער אַרבעט. די „אָפּאָזיציע" קוקט אויף ראַטן־רוסלאַנד, ווי אויף אַ באַלאַגערטע פעסטונג, וואָס דאַרף זיך נאָר האַלטן, ביז די וועלט־רעוואָלוציע וועט אָנקומען. און זי האַלט, די „אָפּאָזיציע", אַז אין אַ באַ־לאַגערטער פעסטונג קאָנען נישט זיין קיין נאָרמאַלע פאַרהעל־טענישן. דער קאָנפליקט צווישן דאָרף און שטאָט וואַקסט און וועט וואַקסן — טענהן זיי, — צופרידנשטעלן דאָס דאָרף וועט מען סיי־ווי־סיי נישט קאָנען. דעריבער מוז מען זאָרגן נאָר צופרידנצושטעלן די אַרבעטער אין שטאָט, פדי צו האָבן אַ

געזיכערטע אַרמיי פון אָנהענגער. די אומצופרידנקייט פון דאָרף איז ווייניקער געפערלעך, דאָס דאָרף קאָן ווערן באַהערשט, און ביז וואָס און ווען, ביז די דאָרפישע אומצופרידנקייט וועט אויסוואַקסן אויף אַ ריכטיקער געפאַר, וועט דערווייל אָנ-קומען די וועלט-רעוואָלוציע. דאָס זענען אין רוסלאַנד איצט פאַקטיש אַפּיקורסישע געדאַנקען, וואָס ברענגען אַריין אַ נער-וועאישקייט, אַן אומזיכערקייט. די גאַנצע „סאָציאַליסטישע בויאונג" (דער לעצטער לאָזונג), קומט אויס, אַז זי הענגט אין דער לופט, ווערט געשטעלט אונטער אַ פראַגע-צייכן, ווייל דאָס איז אַלץ נאָך נישט „דאָס ריכטיקע". און רוסלאַנד איז מיד, רוסלאַנד וויל רו. עס האט זיך איינגעשטעלט אַן אָרדענונג, עס האָבן זיך איינגעשטעלט באַציאונגען, — זאָל שוין זיין! לאָזט צו רו!

איך מיין, אַז דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו האָט דעצידירט ביי דער מפּלה פון דער „אָפּאָזיציע" מער ווי אַלע אַרגומענטן און מער פון אלע ציטאטן פון לענינען, וואָס זאָל האָבן געזאָגט, אַז דער סאָציאַליזם איז יאָ מעגלעך אין רוס-לאַנד אליין אָן דער היקף פון אַ וועלט-רעוואָלוציע. אויף זיין רעדע אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי-קאָנפערענץ האָט טראָצקי זיך אויסגעדריקט: „איר פּאַרדעקט די אָרעמקייט פון אייער געדאַנק מיט דעם כּוח פון דער פּאַרטיי-מאַשין" (די ווערטער זענען פון דער סטענאָגראַמע געשטראָכן געוואָרן, אָבער גאַנץ מאָסקווע האָט זיי אַרומגעטראָגן). איך מיין: עס איז נישט בלויז די פּאַרטיי-מאַשין, וואָס האָט אים דערשלאָגן. די שטי-מונג פון לאַנד האָט דערשלאָגן די „אָפּאָזיציע" מער נאָך, ווי די פּאַרטיי-מאַשין. זאָגט, וואָס איר ווילט: אָבער אויפּרודערישע געדאַנקען זענען איצט נישט פּאָפּולער אין רוסלאַנד. די פעסטע האַנט פון סטאַלינען איז מער צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון איצטיקן רוסלאַנד, ווי דער בונטאַרישער קאָפּ פון טראָצקין.

* * *

די „אָפּאָזיציע" איז דערשלאָגן, אָבער די ריי פאַר די שניט-קראָמען איז געבליבן, די רעזאָלוציעס האָבן זי נישט אָפּגעשאַפט, און זי וואַקסט אין דער לענג, ציט זיך אויס ווייטער און ברייטער.

און ווען איך רעד וועגן דער ריי, רעד איך פון איר, ווי וועגן אַ סימבאָל.

ווער זענען זיי די גראָע מענטשן פון דער ריי, און פון וואַנען קומען זיי? זענען דאָס טאַקע ארבעטער-פרויען, אַרבעטאָרינס אַליין, וואָס שטייען אָפּ אַ גאַנצן טאָג, כדי צו באַקומען די עטלעכע אַרשין לייוונט? די שעהן אַרבעט-צייט, וואָס גייען פאַרלוירן ביים שטיין אין דער ריי, ווי ביליק די אַרבעט זאָל נישט ווערן באַצאָלט אין רוסלאַנד, זענען אַלץ נאָך מער ווערט, ווי די סומע, וואָס מען געווינט פון שטיין אין דער ריי. אין די רייען שטייען געוויינלעך די, וואָס האָבן נישט עפּעס בעסערס צו טאָן. מען שמועסט, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם, וואָס די ריי באַקומט אין דער רעגירונגס-קראָם, ווערט דערנאָך מגולגל אין די הענט פון פריוואַט-האַנדל. דאָס שטיין אין דער ריי ווערט אַ מין פאַרדינסט. די פּאָר אַרשין סחורה ווערן פאַרקויפט צו אַ פּריוואַט-סוחר, און דער פּריוואַט-סוחר פאַרקויפט די סחורה ווייטער צו אַ טאָפּלטן צי דרייפאַכן פּרייז... די ריי ווירקט דעריבער מער סימבאָליש, ווי רעאַליסטיש, זי איז מער צייכן, ווי ווירקלעכקייט. זי ברענגט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, אויף דער אָפענער גאַס אַרויס אַ גאַנצע קייט פון אומנאָרמאַלקייטן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין לעבן געהיים, באַהאַלטן.

אָט אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ דער „הונגער אויף סחורות" אויף די מאָסקווער גאַסן. ווי זעט דער „הונגער" אויס אין די דערפער? — דאָס איז שווער צו מאָלן. דער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס באַזאָרגט דאָס דאָרף מיט סחורות, קאָן, פאַרשטייט זיך,

נישט צושטעלן אזויפיל סחורות, וויפל דאָס דאָרף פאָדערט. אָבער ווי אזוי ווערט פונאנדערגעטיילט די באַגרענעצטע מאָס סחורות, וואָס מען באַקומט יאָ? וואַקסן דאָ נישט אויס קאָנפליקטן, מיסברויכן? פון אַן אומגעזונטן באָדן וואַקסן אויס אַלערליי שעדלעכע געוויקסן.

איך האָב זיך אויף מיין רייזע אַמאָל אויף אַ שיף, וואָס גייט פון כערסאָן קיין אָדעס, צוזאַמענגערעדט מיט אַ יונגן רוס. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם פירער פון אַ קאָאָפּעראַטיוו אין אַ דאָרף. דער קוים עטלעכע און צוואַנציקיעריקער בחורעץ האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומגעהויער סימפּאַטיש איינדרוק. יונג, געזונט, טיכטיק, געזעצט און פּראַקטיש אין זיינע באַוועגונגען און רעדן. דאָס איז גאָר אַ נייער טיפּ פון אַ רוסישן פּאָלקס-מענטש. איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס רוסישע דאָרף זאָל פאַרמאָגן אַזוינע מענטשן. ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן זיך מיט אים דורכצורעדן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע אין רוסלאַנד. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרינדלעך וויסן פון אַלץ, וואָס קומט פאָר, און נישט קיין איינגעחזרטע פּסוקים, נאָר טאַקע אַ פאַרשטענדניש פאַר עקאָנאָמישע פּראָצעסן האָט ער אַרויסגעוויזן. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז די לעצטע יאָרן אַוועק זייער גוט, די דאָרףקראָמען אַרבעטן איצט מיט פאַרדינסטן, און דער אומזאַץ וואַקסט, און דער קאַפּיטאַל וואַקסט.

אָבער ווי ער איז געקומען צו דעם פּונקט וועגן דעם „הונגער אויף סחורות"—האָט זיין שטים געקלונגען מעלאַנכאָליש.

— אָט פאָר איך איצט קיין אָדעס, אפשר וועט מיר געלונגען צו באַקומען אַ ביסל ווינטער-סחורות. גאָט ווייסט, צי איך וועל עפּעס קריגן... ס'איז קיינעמס שולד נישט, קיינער באַהאַלט נישט די סחורות פאַר זיך. עס פעלט אויס, בירגער; נישטאָ. און אַריינפירן פון אויסלאַנד קאָן מען נישט, די וואַלוטע דערלויבט נישט. מיר מוזן האָבן נייע פאַבריקן, קאַפּיטאַלן פעלן. אָט, ווען מיר זאָלן באַקומען אַן אויסלענדישע הלוואה, וואָלטן מיר געוויזן דער וועלט, וואָס מיר קאָנען...

און אַזוי האָט גערעדט נישט קיין טעאָרעטיקער, נאָר אַ יונגער דאָרף־מענטש, און עס איז געווען די שטים פון לעבע־דיקן לעבן, וואָס האָט זיך געהערט אין זיין רעדן.

דער „הונגער אויף סחורות" איז דאָס אַקטועלסטע פּראָבלעם אין רוסלאַנד. די לעצטע יאָרן זענען געווען פאַר רוסלאַנד צייטן פון וואַקסן. אַלץ איז געווען חרוב, און מען האָט די חורבות צוביסלעך צוריקגעשטעלט. די אַלטע פאַבריקן געלאָזט אין גאַנג, רעמאָנטירט, פאַרבעסערט וויפל מען האָט געקאָנט. די אינדוסטריע איז אָבער איצט געקומען צו אַ פּונקט, וואו דאָס אַלטע גענוגט נישט. קאָלאָסאַלע טעכנישע אָנשטרענגונג איז נויטיק, קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלן, און זיי זענען נישטאָ.

די נאָענטסטע יאָרן וועט רוסלאַנד האָבן אויסצושטיין דעם שווערסטן עקזאַמען...

XIX

די האַלט עס מיט יידישקייט אין רוסלאַנד.

ווען איך טראַכט וועגן יידישקייט אין ראַטן-רוסלאַנד, „יידישקייט" פון אַלטן סטיל, מוז איך מיך דערמאָנען דאָס פּנים פון דעם אַלטן-אַלטיטשקן, מיט זיינע אומגעהויער גוטע, אומגעהויער פרומע, אומגעהויער רואיקע אויגן, וואָס איך האָב געזען אין מינסק אין דער גרויסער שול.

די אויגן געהערן דעם אַלטן מגיד. ס'איז מער נישטאָ צו זען ביי דעם אַלטן, ווי די אויגן. אָבער צו הערן איז דאָ — זיין שטים, וואָס קלינגט אַלץ נאָך מעלאָדיש, רואיק, אַזוי ווי דאָס ריזלען פון אַ פריש וואַסערל.

ער מוז שוין אַלט זיין אַ יאָר 80, אָדער נאָענט צו דער צאָל. עס ליגן שווערע שאָטנס אין דער שול, ס'איז שבת שפּעט נאָכמיטאָג, די צייט, ווען דער מגיד „זאָגט". ביי דער קליינער צאָל מענטשן, וואָס געפינען זיך אין שול, וואַקסט די וויסטקייט, וואַקסט די פאַרלאָזטקייט. און דאָס ביסל ליכטיקייט פון אַן אָסיענדיקן נאָכמיטאָג, וואָס פאַלט אַריין דורך די פענסטער, האָט, דוכט זיך, דאָ נישט וואָס צו טאָן. שאָטנס, שאָטנס שפּאַצירן דאָ.

און דער אַלטער איז אַ שאָטן. נאָר וואָס אין זיינע אויגן איז דאָ ליכטיקייט, לעבעדיקע ליכטיקייט, און די שטים איז מעלאָדיש און יונג.

איך האָב געזאָגט צו מיין באַגלייטער: קומט, פירט מיך צו די אַלטע יידן, צו די אַמאָליקע. איך וויל זיי זען.

זענען מיר געגאַנגען צום שול-הויף, וואו ס'געפינען זיך עטלעכע שולן.

און מיר זענען געגאַנגען פון איין שול אין דער אַנדערער אַריין. וויסט און פוסט. ס'איז אייגנטלעך שוין געווען די צייט, ווען דער עולם פאַרזאַמלט זיך צו מנחה, הערט אַ מגיד, צי ער זאָגט אַ קאַפּיטל תהלים, צי ער קוקט אַריין אין אַ ספר. אַמאָל פלעגן דאָס זיין די רואיקסטע שעהן פון דעם רו-טאָג. אָפּגעגעסן, אָפּגעשלאָפן, און עס זענען נאָך געבליבן עטלעכע שעה רו. דער מאָגן האָט פאַרדייעט דעם טשאָלנט און דעם קוגל, דער גוף האָט אויסגערוט, איז טאַקע די בעסטע צייט צו געבן שפייז פאַר דער נשמה. און וואָס קאָן זיין פאַר אַ זיסערע שפייז, ווי אַ שטיקל „עין-יעקב", אַז מען קאָן עס איינבייסן און צוקייען? אָדער הערן דעם מגיד, דעם אַלטן מגיד?

פוסטע בענק, פוסטע שטענדערס. אין איין שול האָב איך געטראָפן דריי אינוואַלידן-מענטשן, צושפרייט יעדער אין אַ באַזונדער ווינקל, און זייער אויסזען האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא. וואו איז דאָס שבתדיקע מלבוש? ס'איז אַפילו קיין וואָכעדיק מלבוש נישט. אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, און שטיקער הענגען נאָך. און דאָס פנים פון יעדן איינציקן איז אַזוי געל, טויט-אָנזאָגנ-דיק. בעטלער? קראַנקע? פאַרריקטע? אפשר מיסטיקער. פאַר-זונקען אין זיך? עפּעס בלעטערן זיי אין צוריסענע ספרים, עפּעס שעפּטשען זייערע ליפּן... נאָך איין שול — וויסט, ליידיק. אַ מנחם-מענדל, צי אַ שטיק כלי-קודש, אַ דאַר יידל, אַ גרינס, אַ לופטיקס, לויפט אַהין, לויפט אַהער און באַטראַכט מיך מיט מיין באַגלייטער.

אָבער אין דער גרויסער שול איז געזעסן דער אַלטער מגיד און האָט „געזאָגט", און אַרום אים זענען געזעסן זעקס באַלעבאַטים, און איינער פון זיי האָט איינגעדרימלט און האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט...

ס'איז די מעשה מיט די צען ברידער: „איינער איז פון

זיי געשטאָרבן, איז געבליבן זעקס״, איינער האָט איינגעדרימלט, איז געבליבן פינף — הערער פון אַלטן מגיד.

פינף אַלטע, געטרייע, וואָס פאַר זיי האָט די וועלט זיך נישט געענדערט, אין קאַשקעטן אויף די קעפּ, מיט זייער האַרטע דאַשיקעס און מיט אַ בענדל פון אויבן, אַזוי ווי ס׳טראָגן אין ליטע די אַלטע סאָלידע באַלעבאַטים.

און דער אַלטער מגיד האָט געהאַט איבערן קאָפּ אַ פוטערן היטל מיט לאַפּן איבער די אויערן. וואָס דאַרף ער די אויערן? די וועלט האָט אים גאָרנישט צו זאָגן און צו דערציילן. זיין קאָנטאַקט מיט דער וועלט גייט דורך דער ליכטיקייט פון זיינע אויגן, און ער קומט פון די ספרים אַרויס צו אים.

ער „זאָגט״, פון דער פרשה זאָגט ער, און די שטים איז מעלאָדיש, און דאָס זאָגן איז ריטמיש. פינף באַלעבאַטים הערן. און איינער איז איינגעשלאָפן.

אַמאָליקע צייטן פלעגט די שול זיין פול, ווען דער מגיד האָט געזאָגט. הונדערטער האָבן געהערט. פיל האָבן געמוזט אַוועקגיין, און האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט דעם זאָגן פון נייעם מגיד — אַ ניי-מאָדישער, אַ וועלטלעכער.

פאַראַן ביי דעם אַלטן מגיד אַ פרומקייט, וואָס איז מיר, אַ פוילישן ייד, אומבאַקאַנט: אַ געזעצטע, איינגעפונדעוועטע, באַוויזענע און אויגנשיינלעכע, אָן מיסטיק און פאַרנעפּלטקייט. און אָט אַזוי זיצט ער אויף זיין אָרט, איינגעפונדעוועט און באַוויזן. הונגער, מלחמות, רעוואָלוציע, באָלשעוויזם, יעווסעקעס— דאָס האָט גאָרנישט צו אים. זעקס באַלעבאַטים הערן אים, איינער איז איינגעשלאָפן, — מיר דאַכט זיך, עס אַרט אים נישט. ס׳איז אַלץ איינס. סיי-ווי-סיי איז עס באַוויזן, איינמאָל אויף אַלעמאָל און אויף אייביקע דורות. און ער „זאָגט״ רואיק, בנעימות, מיט אַן אינערלעכער פרייד; ליכטיקייט אין די אויגן, און עפּעס אַזוי ווי אַ שמייכל פון אונטער די וואָנסעס.

עס שמייכלט זיין אינערלעכע פריידיקייט.

די אַלע זיבן צוזאַמען טראָגן אויף זיך אַ משא, איך

האָב מורא, פון אַ 450 יאָר. אונטער זעכציק איז קיין איינער פון זיי נישט. און אַליין זענען זיי, ס׳קומט קיינער נישט אַריין. ס׳גייט קיינער נישט אַרויס; מוראדיק ווייט האָבן זיך צוריק די ווענט, און אין אַ ווינקל, אַזוי ווי אויף אַן אינזל אין מיטן אַ ים פון וויסטקייט, האָבן זיך צוזאַמענגענומען די פּאָר־שטייער פון אַלטן יידישקייט, און איינער איז איינגעשלאָפן.

* * *

אָט איז עס דאָס בילד פון אַלטן יידישקייט אין ראַטן־רוסלאַנד, אַזוי ווי ס׳האָט זיך מיר באַוויזן.

ס׳איז דאָ אַפילו אַ „תּלמוד־תּורה" אין מינסק, און מסתּמא אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך אויך, אומלעגאַל עקזיסטירט זי, און באַהאַלט זיך אויס. אין מאָסקווע, זאָגט מען, איז פאַראַן אַפילו אַ רבי, וואָס נעמט קוויטלעך און פּדיונות. אָבער אומעטום מאַכט די אַלטע טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע יידישקייט דעם איינדרוק פון אַ ליכט, וואָס צאַנקט.

איינציקע, איבערגעבליבענע, זעלטענע, און — אַלטע.

די מאָסקווער קהלה האָט זיך איבעראָרגאַניזירט, ווייל אַ קהילה אַלס אַזוינע איז נישט דערלויבט: אונטער דער פאָרם פון אַ סינאַגאָגע־געזעלשאַפט, בית־עולם־קאָמיטעט, לייַ־ און שפּאָר־קאַסע (גמילות־חסדים). זי עקזיסטירט. און די אַלטע אָנפירער זענען פאַראַן, פון אַלע געאַכטעט, אַפילו פון די קאָמוניסטן.

— וויפל ציילט איר מיטגלידער?

— אַן ערך 5000.

און אין מאָסקווע זענען פאַראַן, רעכנט מען, נישט ווייניקער ווי 200,000 יידן!

— ווי זעט אויס מיט יידישקייט? — פרעג איך.

— טרויעריק. דער יונגער דור איז אַוועק ווייט פון אונז. און פון די אַלטע איז אויך נאָר אַ קליינע צאָל ביי אונז.

— וויפל יידן עסן כשר?

— דאָס איז נישט אונזער זאַך. די שוחטים זענען אַ מלוכה פאַר זיך, און זיי האַלטן אויס אויף זייער חשבון אַ רב.

— ווי גרויס איז די צאָל יידן אין מאָסקווע, וואָס רעכענען זיך פאַר יידן?

אַ נישט-קלאָרע פראַגע, און שווער צו געבן אויף איר אַן ענטפער. נישט אַלע טויטע ווערן באַגראָבן אויף דעם יידישן בית-עולם, אָבער דער גרעסטער טייל — יאָ. דער זון, דער קאָמוניסט, קומט טייקמאַל אריין, ווי אַ שולדיקער, אַזוי ווי איינער, וואָס האָט צו דערליידיקן אַ נישט-כשרע זאַך, באַצאָלט, גיט אויף דעם אַדרעס, און הייסט טון דעם פאָטער זיין יידיש „רעכט". ער וויל קיין סך נישט רעדן. ס'איז אַ שווער לייענען פאַר אַ קאָמוניסט אָט מיט די „רעליגיעזע צערעמאָניעס".

נאָך ערגער פאַר אים — דאָס מל-זיין אַ קינד.

אין דער יידישער קהילה אין מאָסקווע זענען מיר געזעסן און געשאַצט, וויפל אַן ערך יידישע קינדער אין מאָסקווע ווערן געמלעט.

— אַן ערך 60 %, — אויף אַזויפיל האָט מען זיך אָפּגע-שטעלט.

פונוואַנען נעמט זיך דער ציפער 60, נישט אַנדערש — דערפון, וואָס אין רוסלאַנד מוז מען אַלץ אויסדריקן סטאַטיסטיש, ציפעריש. ס'איז דער שטייגער פון רעדן.

אַ גרויסער טייל קאָמוניסטן און גלאַט אינדיפערענטע (פאַראַן אויך אַזאַ סאָרט יידן — אינדיפערענטע, פאַרגרעבטע, פאַרהאַוועטע אין האַנדל-וואַנדל) זענען נישט מל די קינדער. אָבער פאַראַן אויך קאָמוניסטן, וואָס יידישן זייערע קינדער.

דאָס הייסט: נישט זיי אַליין. דאָס וואָלט צו שטאַרק גע-שאַדט זייער קאָמוניסטישער רעפּוטאַציע. די אָפּעראַציע ווערט געמאַכט אין זייער אָפּוועזנהייט פון דערהיים. דער קאָמוניסט איז אויף אַ „קאָמאַנדיראָווקע", און אין דער צייט לאָזט די פרוי

רופן דעם מוהל. ער קומט אַהיים און טרעפט אַלץ „פאַרטיק". מען איז דאָך דער כּשרסטער קאָמוניסט נישט מחויב מיט זיין ווייב, ווייל זי האָט געיידישט דאָס קינד.

עס טרעפט — אַזוי האָט מען מיך אינפאָרמירט — וואָס אַ קאָמוניסט סטאַרעט זיך עקסטרע אויס אַ קאָמאַנדיראָווקע, כּדי דאָס ווייב זאָל דערווייל קאָנען יידישן דאָס קינד.

געמישטע חתונות קומען אין מאָסקווע פאָר זייער פיל. די אַסימילאַציע אין מאָסקווע גייט מיט ריזיקע שריט.

און קיין ניי יידישקייט איז נישטאָ. נישט קיין ציוניזם, נישט קיין יידישיזם (ער איז אויך קאָנטער-רעוואָלוציאָנער און טרפה-פסול) און נישט אַפילו דאָס יעווסעקישע „יידישקייט".

פאַר די צוויי מאָל הונדערט טויזנט יידן זענען נישט פאַראַן קיין יידישע שולן.

מען בויט שולן אין אוקראַינע און אין ווייס-רוסלאַנד. מען „יידישיזירט" דאָרט (מען פירט איין די יידישע לערן-שפּראַך) די עקזיסטירנדיקע יידישע שולן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אויף דער רוסישער שפּראַך. און עס קומען פאָר אויף דעם באָדן פיל מאָל קאָנפליקטן מיט די עלטערן. אין מאָסקווע זענען קיין יידישע שולן נישטאָ. צי דערפאַר, וואָס אין מאָסקווע איז דער שטראָם פון אַסימילאַציע צו שטאַרק, מען זאָל זיך פּרוּוון קענען אים אַנטקעגנשטעלן?

איך מיין: עס איז דערפאַר, ווייל ס'איז בכלל קיין נאַציאָ-נאַלער ווילן נישט פאַראַן אין מאָסקווע ביי די אָנפירנדיקע קרייזן (נאַציאָנאַלער ווילן איז קליינבירגערלעך און טרפה-פסול). אין אוקראַינע און אין ווייס-רוסלאַנד ווערן אונזערע רעדער געטריבן פון דעם נאַציאָנאַלן ווילן פון די אוקראַינער און ווייס-רוסן. אויב נישט יידיש, וועט מען לערנען רוסיש, און רוסיש איז קעגן דעם נאַציאָנאַלן ווילן פון די דאָרטיקע פעלקער...

דאָס איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יעווסעקישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק. אָבער עס פּאַסט זיך נישט אַריין אין די ראַמען פון די דידאָזיקע אַרטיק-לען מיינע, וואו איך וואָלט מיך געוואָלט באַגנוגענען מיט באַ-

אָבּאַכטונגען און רעפלעקסן, און איך וויל זיך דעריבּער נישט אַריינלאָזן אין אַ בּרייטערן שמועס וועגן דעם.

איך קאָן אָבּער נישט אַריבּערגיין איבּער דער פראַגע און נישט אָנמערקן, אַז טראָץ דער אָפיציעלער מאָסקווער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק, געפינט זיך די שול־אַרבּעט און די גאַנצע בּאַוועגונג פאַר יידיש אויף זייער אַ גוטן וועג, בּאַזונדערס אין ווייס־רוסלאַנד. דער לערער איז דאָך סוף־כּל־סוף אַ פאָלקסטימלעכער מענטש, און בּיי דער אַרבּעט ווערט געבּוירן די בּאַגייסטערונג פאַר דער אַרבּעט, דער אַפּעטיט קומט בּיים עסן. אַפילו אין אָדעס האָב איך אָנגעטראָפן אויף יידישע שולן, וואו עס גייט אַן אַרבּעט זייער אַן ערנסטע, מיט ליבּע און איבּערגעגעבּנקייט געפירטע, מיט בּאַגייסטערונג (וואָס אָן דעם קאָן קיין אַרבּעט נישט פּראָספּערירן).

די סתירה צווישן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק איז סוף־כּל־סוף נישט בּלויז קיין יידישער ענין, נישט נאָר אַ יעווסעקישער. די סתירה בּאַווייזט זיך אין דער גאַנצער ווירקלעכקייט פון בּרייטן ווייטן רוסלאַנד: אין דער גאַנצער אַנטוויקלונג, אין גאַנצן גאַנג פון לעבּן. וואוהין שטייערט רוסלאַנד? „וואָס וועט פון דעם אַלעם אַרויסקומען?” זענט איר אַ חכם און קאָנט איר ענטפערן? איך פון מיין זייט האָב נישט מער, ווי דאָס אוממיטלבּאַרע געפיל, אַז רוסלאַנד איז סוף־כּל־סוף, דורך די גרעסטע פון אַלע רעוואָלוציעס, אויפגעוועקט געוואָרן צו אַ ניי לעבּן, געזונטע, פרישע כּוחות פון פאָלק האָבּן אויפגעלעבּט, און זיי וועלן דאָס לאַנד דערפירן ערגעץ־וואו צו ליכטיקייט און פרייהייט. אַלע טעאָריעס און אַלע פּראָגראַמען וועלן זיך מוזן בּויגן פאַר די דערוועקטע כּוחות.

און אָט דאָס אייגענע, מוז מען גלויבּן, וועט פאָרקומען אויך אויף דער יידישער גאַס.

אָבּער מיט דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט האַלט עס שלעכט. די שולן קלויבּן צוזאַמען ווייניק מתפּללים. די גבּאים האָבּן די לעצטע צייט געפּרואווט אויפלעבּן דעם אינטערעס פאַר די שולן דורך אויסשרייבּן בּאַרימטע חזנים, און דאָס

האָט זייער פיל געהאָלפן. אין אַ שטאָט אין דרום-רוסלאַנד האָב איך געטראָפן אַ פול געפּאַקטע שול פּרייטיק-צו-נאַכטס, איבער-געפולט, נישט אַריינצוקומען. ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט נאָר די שול אַליין איז געווען געפּאַקט, נאָר אויך די צווייטע, נאָך גרעסערע. צוויי גבאים האָבן קאָנקורירט מיט זייערע חזנים, און דער עולם איז געגאַנגען איין שבת דאָ, איין שבת דאָרט, און האָט געזאָגט מבינות און האָט זיך געקאָכט, און צוויי צדדים זענען געוואָרן אין שטאָט, און אַ מאַסע יונגע מענטשן, וואָס זענען יאָרן-לאַנג נישט געווען אין קיין שול, זענען אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם אַלגעמיינעם אינטערעס און אין דער מחלוקת, וועלכער חזן ס'איז בעסער. פאָרט דער חזן אַוועק, בלייבט ווידער אַ שיטערער עולם, וואָס וואַרפט אָן אַ וויסטקייט.

גייט דאָס יידישקייט אונטער אין רוסלאַנד? איך וועל דאָס נישט זאָגן. דאָס יידישקייט גייט דאָך פון תמיד אָן אונ-טער, און עס עקזיסטירט. פאַראַן נאָך אין דער פּסיכיק פון דעם מענטשלעכן געשלעכט פאַרהוילענע וועגן, וואָס פאַרלירן זיך אין דעם לאַבירינט פון יאָר-טויזנטער. אַלע אויסרעכענונגען פאַר-פירן.

איך האָב ביי מיין ערשטן אַרויספאָר אין דרום-רוסלאַנד אָנגעטראָפן אין אַ ביורע פון „דזשאָינט" אויף אַ קאָלאָניסט, און איך האָב זיך מיט אים צורעדט. זיין קאָלאָניע איז איינגע-אָרדנט. ס'איז אַ שווערע אַרבעט, אַ שווער און האַרט לעבן, אָבער איינגעפונדעוועט איז מען, און די שווערסטע צייטן זענען שוין אַריבער. און אַט דערציילט ער מיר, ער איז געקומען וועגן אויפבויען אַ שול. מען איז די עטלעכע יאָר אַזוי געווען פאַרהאָרעוועט, אַז מען האָט פאַרגעסן, צי מען איז אַ ייד, צי נישט.

איצט איז צייט. מען מוז זאָרגן פאַר אַ „תכלית", און ער פאַרענטפערט זיך פאַר מיר (באמונות, ער האָט זיך פאַר מיר נישט געדאַרפט צו פאַרענטפערן!).

— מיינט איר, — זאָגט ער, — איך בין אַ פרומער!? איך

האָב דאָך קינדער, איך וויל, זיי זאָלן בלייבן יידן. ס'איז שוין צייט. מיר האָבן זיך דאָ באַזעצט אויף פעסט...

זיין נישט־פר!מקייט און וועלן בויען אַ שול איז אַ לאָגישע סתירה, אָבער אַ שטים פון לעבן איז עס...

XX

אַרבעטער־קלובן און... כאַר־שולן.

אַרבעטער-קלובן זענען פאַראַן זייער פיל אין די גרעסערע שטעט, זיי זענען אָוועקגעשטעלט זייער ברייט און זייער פאַרצווייגט און זיי באַדאַרפן אויסצופילן די פאַרשידענע אויפגאַבן,— די גאַנצע ש ע נ ע ר ע זייט פון לעבן באַדאַרפן זיי אַרומצונעמען. דאָ זאָל מען אָפרוען, פאַרברענגען, לערנען, לייענען, זיין אויף פאַרזאַמלונגען, מאַכן ספּאָרט, זינגען, שפילן אאַז״וו.

די פאַמיליע, די היים, זענען, לויט דער שטרענגער קאָמוניסטישער לאָגיק, פאַרעלטערטע פאָרמען פון לעבן. זיי לעבן זיך בישלעכווייז אויס. גרויסע פאַבריקן פאַר אַרבעט, גרויסע פאַרווײלונגס-ערטער פאַר מאַסן; גרויסע דערציאונגס-הייזער פאַר קינדער; גרויסע רעסטאָראַנען, וואָס וועלן שפייזן צענדליקער טויזנטער... פאַר דער פאַמיליע, פאַר דער היים, וועט (אין דער צוקונפט, פאַרשטייט זיך) פאַרבלייבן אַ באַגרענעצט אָרט. און — רעכט אַזוי! — פילאָזאָפירט דער קאָמוניסט — וואָס ווייניקער פאַמיליע, אַלץ ווייניקער וועט דאָס קינד אויפוואַקסן אינדיווידואַליסטיש; וואָס ווייניקער היים, אַלץ מער סאָציאַלע נייגונגען.

צי וועט טאַקע די מענטשהייט דערגיין אַמאָל צו אַזאַ שטופע, ווען די מענטשן וועלן קריגן די אינסטינקטן פון די בינען, צי די מוראַשקעס, און עס וועלן אָפּגעווישט ווערן די אינדיווידועלע פאַרלאַנגען זיך אויסצוטיילן, און עס וועט זיין:

אַלץ פֿאַר דעם בינשטאָק, אַלץ פֿאַר דעם מוראַווייניק, און צי זאָל דאָס זיין דער אידעאַל פֿון אַ מענטשהייט? — דאָס זענען פֿראַגן אָפֿענע, וואָס שטייען צו דיסקוסיע שוין לאַנג.

דערווייל עקזיסטירט די פֿאַמיליע, עקזיסטירט די היים, אַפֿילו אין רוסלאַנד, אַפֿילו ביי די אַרבעטער. אָבער די היים איז אַן ענגע, די וואוינונגס-נויט איז זייער שטאַרק, איז דער קלוב געוויס אַ נויטווענדיקייט גאָר אַ גרויסע.

צי מען פֿאַרווײַלט זיך דאָרט? צי מען פֿאַרברענגט לוסטיק, פֿרייליך? — דערויף איז מיר שווער צו געבן אַן ענטפֿער. די עטלעכע קלובן, וואָס איך האָב באַזוכט, האָבן אויף מיר פֿערזענלעך געמאכט דעם איינדרוק פֿון גראָקייט און אַ ביסל מרה-שחורהדיקייט. אפֿשר האָב איך נישט געזען די ריכטיקע, אפֿשר ווייל דאָס זענען געווען יידישע קלובן. ערנסט, שווער, גראָ האָט מיר דאָס לעבן בכלל אויסגעזען אין רוסלאַנד, — פֿון איין זייט; און פֿון דער צווייטער — מוטיק, ענערגיש, קלאָראויגנדיק, אָן געבראָכנקייט און אָן פֿאַרנעפּלטקייט. איך האָב שוין נישט איינמאָל באַמערקט, אַז רוסלאַנד אַמעריקאַניזירט זיך, אָבער עס פֿעלט די רייכקייט פֿון אַמעריקאַנער לעבן, די באַקוועמלעכקייט, די מעגלעכקייטן, — רוסלאַנד איז היינט צו טאָג זייער אָרעם. אָבער דאָס איבעררייסן מיט די אַלטע סענטימענטאַליטעטן האָט די שטימונג פֿון די מענטשן געפֿאַרבט אַמעריקאַניש, איבערלעבן אַ רעוואָלוציע איז נישט ווייניקער ווי איבערפֿלאַנצן זיך פֿון איין עק וועלט אין דער אַנדערער (וואָס דער עמיגראַנט האָט געטאָן); דער מענטש האָט אין ביידע פֿאַלן אַסך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיינע פּלייצעס, נישט ווייניק אומנוצלעכן באַגאַזש.

זיצן אַרבעטער און אַרבייטאָרינס אין די גרויסע זאַלן, רוען, לייענען, שפּילן דאַמקע. אין איין צימער קומט פֿאַר די די פֿאַרזאַמלונג פֿון „קאָמסאָמאָל" (יונגע קאָמוניסטן), איינטריט נאָר פֿאַר מיטגלידער; אין אַ צווייטן צימער מאַכט מען גימנאַסטישע איבונגען; דאָ זיצט מען אין לייען-צימער איבער אַ צייטונג. וויזשיק איז נאָר ביי דעם טיר פֿון ביבליאָטעקאָר.

וואָס גיט אַרויס ביכער צום לייענען. דאָ איז אַ געראָדער, מען פּאָדערט, ס'איז נישטאָ; מען פרעגט, מען ענטפערט, שמועסן, לעבעדיקערע באַוועגונגען און מער פאַרלאַנג אין די אויגן. די רעשט איז אַ ביסל גראָלעך.

די צימערן זענען גרויס, איבערגענומען בירושה פון דער אַמאָליקער אַריסטאָקראַטיע, צי פון די רייכע סוחרים. געווען אַמאָל דאָ אַ „דוואָריאַנסקאָיע סאָבראַניע”, צי אַן ענלעך פאַר-ווײַלונגס-אָרט פון די מעכטיקע פון דער וועלט. די גרויסע שפּיגלען הענגען נאָך, (די צעבראָכענע האָט מען אַראָפּגענומען), אָבער אַ פּאָרע ליגט אויף זיי. און די גאָלדענע ראַמען האָבן אָפּגעבלאַקירט. פון דעם רייכן מעבל איז געבליבן דאָ און דאָרט אַ שטול; שטייען די דיוואַנעס צוזאַמענגעקוויקלט ביים אַריינגאַנג. די פּאָדלאָגע איז איצט הויל, ערדיק-גראָ, אָבער על-פּי-נס זענען נאָך געבליבן הענגען איבער די פענסטער לוקסוס-פאָרהענגלעך. ס'איז אַ געמיש: סטיללאָזיקייט. נאָך נישטאָ קיין נייע איינגע-אָרדנקייט, קיין נייע באַקוועמלעכקייט, קיין נייער פּראָסטער אַרבעטער-סטיל, און דאָס אַלטע וואַלגערט זיך דאָ און דאָרט — און דערמאָנט אַמאָליקע צייטן: ווען דאָ פלעגט גיין שוואַרצע פראַקן, גאָלע קעפּ, בליצנדיקע מונדירן, נאַקעטע פאַרפומירטע פרויען-הענט און אַקסלען, ברילליאַנטן און טואַלעטן. די איבער-געבליבענע שטיקער מעבל און איינריכטונג לאָזן נאָך דאָ, אין דעם אַרבעטער-קלוב, אַרומשפּאַצירן די שאָטנס פון דער פאַר-גאַנגענהייט. דאָס געפיל פון היימישקייט פעלט דעריבער.

אָבער — שטעלט אייך אָפּ גאָר באַזונדער, ווען איר זענט אין אַן אַרבעטער-קלוב, אין דעם „לענין-ווינקל”. דאָס איז אַ באַזונדער חדר, וואס איז געווידמעט דעם אָנדענקן פון דעם פירער. דאָרט איז געזאַמלט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום לעבן און שאַפן פון לענינען, און אַהין גייט מען אַריין אויף צו פאַרטיפן זיך אין די געבאָטן, אין דעם שטודיום פון לערער. דאָ שמעקט שוין מיט סטיל, און מיט עפּעס נאָך מער פון סטיל, כאָטש דאָס חדרל איז קליין און אָרעם און גראָ, אַזוי ווי אַלצדינג. מענטשן קומען דאָ אַנדערש אריין און גייען אַ-

דערש אַרויס. איך האָב שוין באַמערקט אין איינעם פון מיינע פריערדיקע אַרטיקלען וועגן דעם קולט פאַר לענינען, וואָס הערשט אין רוסלאַנד. אויב דאָס איז נישט קיין רעליגיאָזיטעט, איז אויף יעדן פאַל אַ פּסיכישע דערשיינונג, וואָס שטייט זייער נאָענט צו רעליגיאָזיטעט, אַ געפיל פון דערזעלבער קאַטעגאָריע, און עס נעמט אויך אָן די פאָרמען, וואָס יעדע רעליגיאָזיטעט האָט ליב: אַ ווינקעלע פאַר זיך, אַן אָפּגעשיידטקייט אַ „מקום-קדוש".

(איך שרייב די ווערטער בשום אופן נישט מיט אַ שלעכטער כוונה צו איראָניזירן, ווייל, איך מיין, אַז אָן אַ געוויסער רעליגיאָזיטעט קענען די מענטשן קוים דורכקומען. און דאָרט, וואו דאָס געפיל פעלט אויס, דאָרט קרישלט זיך דאָס לעבן, אַזוי ווי פאַרדאַרט האָלץ קרישלט זיך אונטער די פינגער. רעליגיאָזיטעט? — יאָ. רעליגיע איז אַ באַשטימטע פאָרם פון איר. די פאָרמען קומען און גייען, בליען און פאַרוועלקן, אַזוי ווי אַלץ אויף אונזער ערד...).

אַ שיינע איינריכטונג ביי דעם קלוב איז די „יאַסלאַ", אַ קינדער-צימער (נישט אומעטום האָב איך דאָס געטראָפן). דאָס איז איינס פון די איינריכטונגען, וואָס ס'וואָלט געלוינט אַריבערצוטראָגן פון רוסלאַנד קיין איראָפּע. די „יאַסלאַ" איז פאַר קינדער פון דריי חדשים אָן ביז 6–7 יאָר. איר האָט דאָרט קליינע קישעלעך פאַר פּיטשינקע קינדער, שפּילצייג פאַר צוויי-יאָריקע, נידריקע בענקלעך פאַר מער דערוואַקסענע. דאָס קליינוואַרג ווערט דערנערט מיט מילך, מיט די גרעסערע שפּילט מען. די מוטער זיצט דערווייל אין קלוב, באַטייליקט זיך אין אַ פאַרזאַמלונג, ספּאָרטעוועט, צי לייענט. אַזוי-אַרום ווערט פון דער פרוי אַראָפּגענומען דער לאַסט, וואָס אַ קליין קינד לייגט אויף איר געוויינלעך אַרויף, די לאַסט, וואָס אַ מאָדערנע פרוי מוז פילן זייער שווער, ווייל אונטער דער לאַסט גייט פאַרפאַלן איר גאַנצע פרייע צייט, איר פּערזענלעכקייט. די פאַרמעגלעכע און בעסער סיטואירטע העלפן זיך אַרויס מיט אַ דינסטמיידל (דער מין איז אין רוסלאַנד בכלל נישט טייער און

ווייער גרינג צו באַקומען), אָבער פאַר דער אַרבעטס־פּרוי איז דאָס קליינע קינד אומעטום געוואָרן אַן עול, וואָס זי ברעכט־צוזאַמען אונטער אים. ווייל זי דאָס קינד אויפהאָדעווען, מוז זי זיך איינגאַנצן אָוועקגעבן פאַר דעם קליינעם נפש, ווערן אַ מאַמע און גאָרנישט מער ווי אַ מאַמע. ווער שמועסט נאָך, אויב זי אַרבעט אַליין צוזאַמען מיט איר מאַן, ווערט דאָס קליינע קינד אַן אמתע שטערונג פון דער אייגענער עקזיס־טענץ. דער נייער, עטלעכע־חדשים־אַלטער בירגער איז קוים גע־קומען אויף דער וועלט, און שלינגט שוין איין אַ גאַנץ לעבן פון אַ דערוואַקסענער נאָך יונגער און בליענדיקער בירגערין... הייסט דאָס נישט צופיל פאַרלאַנגען פון דער פרוי? — —

אין קראָקאָוו האָב איך געטראָפן אַזאַ „יאַסלאַ" אין יידישן אַרבעטער־קלוב. צוויי גוט־איינגעאָרדנטע צימערן. עס אַרבעט אַ פרעבעליסטקע און אַ געהילפין. זיי רעדן נאָך שוואַך יידיש, אָבער עס גייט. די גראַקייט פון קלוב הערט דאָ אויף, אין די צימערן. די וויגעלעך פאַר די קליינע קינדער זענען אויסגעבעט אַזוי ציכטיק־ריין, בלאַנק־ווייס, און די בילדער אויף די ווענט פאַר די קינדער און דאָס שפּילצייג גיבן אַ שטימונג פון פאַרביקייט, היימישקייט און וואַרעמקייט. ס'איז נישט דער־לויבט אַ דערוואַקסענעם אַהין אַריינצוקומען, ווען ער וואַשט נישט פריער די הענט און טוט זיך אָן אַ כאַלאַט. גערן האָב איך עס געטאָן. איך האָב, ליידער, גראָד נישט געטראָפן פיל קינדער, אינגאַנצן אַכט, צי צען, אָבער אַ גאַנצע גאַלעריע איז דאָס געווען: פון צוויי יאָר אָן ביז זיבן, און האַלטן אַזאַ עולם צוזאַמען איז אַ שווערע פעדאַגאָגישע אויפגאַבע. מאַר־שירט מען אין אַ ראָד מיט אַ לידל. פאַרשטייט זיך: די עלטסטע, די העכסטע פאָרויס, און דערנאָך גייט אַלץ קלענער און קלענער. איז אָבער די צרה, וואָס גראָד די זיבן־יאָריקע, וואָס דאַרף זיין די פירערין פון ראָד, איז שוואַך אויף דער יידישער שפּראַך, רעדט רוסיש...

(די יידישיזאַציע אין אוקראַינע איז נישט אַזאַ פּראָסטע,

אוממיטלבאַרע זאַך, ווי אין ווייס־רוסלאַנד. די אינטעליגענץ איז דאָ שטאַרקער פאַררוסישט...).

איך שטעל מיר פאָר, וואָס אַזוינע „יאַסלעס" זענען אין שטאַנד אויפצוטאָן ביי די גרויסע פאַבריקן, וואו הונדערטער מאַמעס־אַרבעטערינס ווערן אויף דעם גאַנצן טאָג באַפרייט פון צו האָדעווען זייערע קינדער.

* * *

דער כאַרקאָווער אַרבעטער־קלוב געפינט זיך אין דער געוועזענער ביידע, וואָס איז אַמאָל געווען די כאָר־שול. געווען אַ צייט אין רוסלאַנד, ווען די אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּאַניע איז געווען אין פולן ברען, און פונקט אַזוי ווי אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מען מיט דעקרעטן און גוואַלט־מיטלען געזוכט צו באַקעמפן דעם עולם צו גאָטלאָזיקייט. דעמאָלט זענען אויך רוסישע צערקוועס צוגענומען געוואָרן, און די כאַרקאָווער כאָר־שול האָט נישט אויסגעמיטן דעם גורל. איז עס דאָך געווען אין ברען פון דער רעוואָלוציע, און צו אַ רעוואָלוציע קען מען קיין טענות נישט האָבן, אַזוי ווי מען קען נישט האָבן קיין טענות צו אַן אורגאַן. און געווען איז עס אַ כאָר־שול פאַר די אויבערשטע פון שטויסל, מיינסטנס נישט נאָר רייכע, נאָר גאָטלאָזע אין תוך אַריין, וואָס דאָס דאַווענען איז פאַר זיי נישט קיין אינערלעך באַדערפעניש, נאָר אַ טרוקענע צערעמאָניע איין מאָל, צי צוויי מאָל אין יאָר.

מיט די שולן אין קיעוו און אָדעס, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג צוגענומען, שטייט די זאַך גאָר אַנדערש. דאָס זענען בפירושע אומגעלומפּערטע טאַטן. און איך האָב מורא,

אַז דער בייזער ווילן האָט דאָ געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע.

ווייל אין רוסלאַנד איז דער קאַמף קעגן דער רעליגיע איינגעשלאָפן. מען האָט זיך דאָך באַלד געמוזט אַרומזען, אַז מיט וואָס, מיט-וואָס, אָבער מיט געוואַלד-טאַטן וועט מען די רעליגיע געוויס נישט באַקעמפן, נאָר פאַרקערט, צופלאַקערן דעם פאַנאַטיזם וועט מען. האָט מען אויפגעהערט, געלאָזט צו-רו. געווען נאָך אַ פּרוּוו צו באַשאַפן אַ „פרייע צערקווע" אין רוס-לאַנד, צוגעפּאַסט צום נייעם רעזשים, אָבער זי האָט זיך קנאַפּ איינגעגעבן. אויף יעדן פאַל ווערן קיין צערקוועס און קיין געבעט-הייזער פון אַנדערע פעלקער איצט מער נישט גערירט.

אָבער צוויי יידישע שולן, איינע אין קיעוו, איינע אין אָדעס, האָבן געהאַט אַ באַזונדער שלעכטן מזל און אַ באַזונדערע היסטאָריע, און עס לוינט צו דערציילן.

אין קיעוו האָט מיט בראָדסקיס שול פּאַסירט אַזאַ מעשה. די בעלי-מלאכות, „עמך שער און אייזען", האָבן געהאַט זייער שול אין דעם אונטערשטן שטאָק פון דער שול, אויבן האָבן געדאַוונט די „פּני", די רייכע באַלעבאַטים. געקומען אַנדערע צייטן. „עמך שער און אייזען" זענען געוואָרן „קוסטאַרן", און האָבן „באַקומען רעכט", דער רעזשים האָט זיי אָנערקענט פאַר אַן אַרבעטס-עלעמענט. האָבן די קוסטאַרן אויפגעהויבן די קעפּ און גענומען פאָדערן, מען זאָל זיי אַרויפלאָזן אויבן, אין דער הויפּט-שול, אין פאַראַד אַריין. איצט זענען מ י ר די מיוחסים,— האָבן זיי געטענהט. די גבאים פון דער שול האָבן זיך איינ-געשפּאַרט און זיי נישט אַרויפגעלאָזט.

און עס האָט זיך צופלאַקערט די שנאה. די קוסטאַרן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג און באַשטימט, אַז דער אַל-טער קלוב, וואָס זיי האָבן ערגעץ געהאַט, טויג נישט מער פאַר זיי. און היות ס'זענען נישטאָ קיין פרייע לאָקאַלן, זאָל מען זיי אָוועקגעבן די שול אויף אַ קלוב. אַט אַזוי! האָבן זיי אָנגעלערנט די „פּני" און זיך נוקם געווען אין זיי.

מיינט נישט, אַז דאָס איז צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. די

באָלשעוויסטישע באַאַמטע האָבן בפירוש נישט געוואָלט איינגיין דערויף. אָבער די קוסטאַרן האָבן געהאַט אַ טרומף אין זייערע הענט: וואָס טייטש? זיי, דער אַרבעטס-עלעמענט, קעמפן קעגן די בורזשויען, קעמפן פאַר אַ קלוב קעגן אַ שול. זיי האָבן אפילו געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציע אין די גאַסן און געגאַנגען מיט פענער. דאָס קאָמישסטע דערביי איז געווען, וואָס די „גאָטלאָזע" דעמאָנסטראַציע איז געפירט געוואָרן מיטן כוח און מיט דער באַטייליקונג פון די, וואָס האָבן געהאַט „שטעט" אין דער אונטערשטער שול און האָבן זיך געוואָלט אַרויפציען העכער...

און זיי האָבן אויסגעפירט. די גאַסן-דעמאָנסטראַציע האָט געהאַט איר פעולה.

אַרבעט מען איצט אין בראָדסקיס שול. דער אָרון-קודש איז שוין אַוועקגענומען, די ספרי-תורות ארויסגעפירט, אָבער מאַכן וועט מען גאָרנישט. די געביידע, זאָגט מען, טויג לחלוטין נישט אויף קיין קלוב.

און אין אָדעס איז געווען אַ מעשה, וואָס שמחת-תורה האָט זיך דאָרט צוזאַמענגעקליבן אַ גרויסער ציוניסטישער עולם, און מען זאָל האָבן געזונגען די „התקוה". האָט מען זיך גענו-מען טשעפען, אַז דאָס איז „בראָדסקיס" שול, און דאָס פאַר-מעגן פון די בורזשויען איז איבערגעגאַנגען צו דער ראַטן-מאַכט... אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די שול האָט מיט בראָדסקין גאָרנישט צו טאָן, זי הייסט גאָר די „בראָדער שול", ווייל די ערשטע בראָדער אימיגראַנטן האָבן זי אויפגעבויט.

אָבער — עס האָט נישט געהאָלפן. די שול איז צוגענו-מען געוואָרן, און אויף אַ קלוב איז זי אויך נישט פאַסיק.

דאָס זענען זאַכן, וואָס אין אַלגעמיינעם רוסישן לעבן ווערן זיי מער נישט פראַקטיצירט.

XXI

אויסלענדער.

איך שרייב די שורות אין פּאַריז אויפן מאָנפּאַרנאַס, וואו עס פאַרקערן אַזוי פיל אויסלענדער, וואו איר הערט אַלע שפּראַכן, און איר געפינט אייך שטענדיק צווישן אַ געמיש פון פעלקער און ראַסן, און — איך דערמאָן זיך אָן רוסלאַנד.

וואָסערע נאַציאָנאַלע מלוכה! ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן. איר זעט כמעט נישט קיין אויסלענדער אין רוסלאַנד. אָפּגעשלאָסן איז רוסלאַנד, אַליין פאַר זיך, און נאָר דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האַלט אויף דעם פאַרקער מיט אויסלאַנד. דער „קאָמאינטערן" האָט זייער אָפט אויסלענדישע געסט, אָבער וואָס זעען זיי זיך אָן אין רוסלאַנד!

דאָס זענען פּראָלעטאַריער אָדער פּראָלעטאַרישע טוער, דעלעגאַטן אד"גל. זיי טראָגן די רוסישע גראָע קליידונג, און אַ גרויסער טייל פון זיי רעדט רוסיש, און זייער אויסלענדישקייט זעט זיך נישט אַרויס.

אוודאי זענען דאָ עטלעכע צענדליק פעלקער און פעלקערלעך אין רוסלאַנד, אָבער דאָס זענען אַלץ בירגער פון איין מדינה, סאָוויעטישע בירגער. אַן אויסלענדער איז אַ זעלטנהייט אפילו אין מאָסקווע (נישט צו רעכענען די עטלעכע דיפּלאָמאַטן און איינציקע קאָרעספּאָנדענטן פון אויסלענדישע צייטונגען), און ער שטעלט אָן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון

די אָרומיקע; מען באַטראַכט אים, מען באַקוקט זיינע מלבושים, און — מען אינטערוויואירט אים.

אַ באַקאַנטער מיינער פון בערלין, געקומען צו זען זיינע קרובים, אַן אינהאַבער פון אַ קליין „באַנק-געשעפט" אין בער-לין, איז אויסגעפרעגט געוואָרן פון פאָרשטייער פון דער רוסי-שער טעלעגראַפן-אַגענטור, און אַ געשפּרעך מיט אים איז אָפּ-געדרוקט געוואָרן אין די צייטונגען.

יענער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. ער וואוינט שוין אַ יאָר צען אין בערלין, און ווען ער זאָל לעבן דאָרט נאָך צען יאָר, און זיין פאַרמעגן זאָל אויסוואַקסן צענפאַך, וועט קיינעם, פאַרשטייט זיך, נישט איינפאַלן צו אינטערעסירן זיך מיט זיינע מיינונגען... דאָ איז ער געוואָרן אַ „פאָרשטייער פון דער דייטשישער באַנק-וועלט", און ער האָט געדאַרפט אַרויס-זאָגן מיינונגען וועגן די עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן דייטש-לאַנד און רוסלאַנד.

אַן אויסלענדער איז אַ זעלטנהייט אין רוסלאַנד, און אויך אַ שטיקל יחסן. דער האָטעל „סאַוואָי", למשל, איז ספּעצ-ציעל רעזערווירט פאַר אויסלענדער. סאָוויעטישע בירגער ווערן דאָרט נישט אויפגענומען.

גוט צו זיין אַן אויסלענדער אין רוסלאַנד. איך רעד דאָ נישט פון פערזענלעכער זיכערקייט און שוץ פון קאָנסול. אַ מענטש, וואָס טרייבט נישט קיין אַנטי-סאָוויעטישע פּאָליטיק, האָט אין רוסלאַנד איצט נישט וואָס מורא צו האָבן, און באַ-דאַרף נישט צו האָבן דעם שוץ פון זיין אויסלענדישקייט. קיינער וועט אים נישט טשעפּען. די געפּעאו וועט מיט אים נישט האָבן צו טאָן, און העכסטנס וועט זי דורכזען זיין קאָ-ווערטן, און וועט אים צושיקן די געעפנטע בריוו (זייער פאַרטאַטשיש צוריק צוזאַמענגעקלעבט) מיט אַן אויסגעשטעמפּל-טער באַמערקונג: „דערהאַלטן פון אויסלאַנד אין אַ באַשעדיקטן צושטאַנד".

דאָס זענען קלייניקייטן. אַז איר זענט אָפּ אַ קורצע צייט אין רוסלאַנד, ווערט איר אָפּגעוואוינט פון אַזוינע לוקסוס-

זאַכן, ווי דער סוד פון פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ און דאָס־גלייכן „בורזשואַזע פריייהייטן". באמת, וואָס קען דאָס אייך שאַדן, אַז דער באַאַמטער פון געפּעאו איז אַ מיטליינער פון אייער קאָרעספּאָנדענץ? זאָל ער וויסן, אַז אייער פריינד אין וואַרשע הייסט יאַנקל און אייער פריינדין הייסט שרה און זיי לאָזן אייך האַרציק גריסן. קיין פּאָליטישע סודות האָט איר נישט און די אינטימיטעטן (אויב זיי זענען פאַראַן אין די בריוו) וועט די געפּעאו קיינעם נישט דערציילן. איז וואָס? מיט דער צייט וועט איר זיך נאָך אויסלערנען צו האָבן אַ פאַרגעניגן דערפון, וואָס אייערע און אייערע באַקאַנטעס פּרי־וואַטע טועכישן און שרייבעכישן אינדערהיים, אין דער איינ־זאַמקייט ביי אַ טישל, האָבן די זכיה אָנצוקומען אין די „הויכע פענסטער" — אין אָפיציעלע מלוכה־אינסטיטוציעס אַריין, און ערנסט געלייענט צו ווערן. לאַנג וועט אויך דאָס פאַרגע־ניגן נישט געדויערן, ווייל די געפּעאו וועט זיך אינגיכן איבערצייגן, אַז זי האָט אין אייער פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ גאָרנישט וואָס צו זוכן, און זי וועט זיך אויפהערן צו אינטע־רעסירן מיט אייערע בריוו. און סוף כל סוף, אַז איר וועט באַ־קומען אַ בריוו נישט קיין געעפנטן און אָן דעם שטעמפּל „דערהאַלטן אין אַ באַשעדיקטן צושטאַנד", וועט איר זיך פילן אַ ביסל באַליידיקט, ד. ה. נישט באַליידיקט, נאָר אַ ביסל אַראָפּגעזעצט. מען אינטערעסירט זיך נישט מיט אייך...

אַן אויסלענדער איז גוט צו זיין אין פּריוואַטן פאַרקער מיט מענטשן. אייערע שיך אויף די פיס, אייער הוט אויפן קאָפּ, אייער אַנצוג, אייער קראַוואַט, און יעדע קלייניקייט, וואָס ביי אייך אין טאַש, ווערט באַוואונדערט און געגלעט. מאָמענטאַל ווערט עס געשאַצט, און עס ווייזט זיך באַלד אַרויס, אַז איר טראָגט אויף זיך אַ „פאַרמעגן". געוויינלעכע קליידונג, פּראָסטע שטיוול, אַ היטל, אַ פּאַלטאָ, זענען אין רוסלאַנד גענוג טייער, אָבער זיי זענען צוגענגלעך פאַר יעדן, וואָס פאַרדינט. דערפאַר אָבער פאַר אַ בעסערע זאַך מוזט איר באַצאָלן גאָר גרויסע פּרייזן. די פרויען פּודערן זיך און פאַרבן די ליפּן פּונקט אַזוי

ווי אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, אָבער (איך אַליין בין נישט קיין מבין, געזאָגט האָט מען מיר) דער פּודער און די ליפּן-פאַרב טויגן צו גאָרנישט, די היימישע, פאַרשטייט זיך, ווען די אויסלענדישע מוזן קאָסטן 20 פּאַך ו׳יפּל זיי קאָסטן אין אויסלאַנד.

איך בלעטער אין מיין נאָטיץ-ביכל, און דריי מאָל איז דאָרט פאַרצייכנט מיט פּרויען-הענט, אַז למען-השם, איך זאָל געדענקען, ווען איך וועל דאָס צווייטע מאָל קומען, אָדער אויב איך וועל קאָנען דורך ווּעמען באַזאָרגן, זאָל איך שיקן פּודער און פאַרב נומ. 3 (איינע וויל נומ. 2). די ווייבערשע מאָדע-אָנגעלעגנהייטן באַקומען זיך אַריין קיין רוסלאַנד דורך שפּאַרעס און געהיימע וועגן, און איר קאָנט אייך איבערצייגן, זייענדיק אין רוסלאַנד, אַז כאָטש מען האַלט דאָרט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז דער טיפּ חוה געבליבן, און אַז נאָך מער פון דעם: נעמלעך, אַז די חוהס פון אַלע לענדער, בורזשואַזיע ווי סאָציאַליסטישע, זענען פאַראייניקט; פון סאַן-פראַנציסקא ביז כאַרקאָוו באַוועגט זיך די כוואַליע פון דער מאָדע, נאָר וואָס קיין כאַרקאָוו קומט זי אָן מיט אַ היפּשער פאַרשפּעטיקונג.

אויך דער דזשאַזבאַנד און דער פאָקסטראָט גנבענען זיך אַריין דורך די רויטגעפאַרבטע גרענעץ-סלופּן פון רוסלאַנד; פאַמעלעך, שווערלעך איז דער גאַנג פון דער אַמעריקאַניש-אייראָפּעאישער טאַנץ-רעוואָלוציע קיין רוסלאַנד, אָבער דער נצחון פון פאָקסטראָט (פון טשאַרלסטאָן האָט מען נאָך נישט געהאַט געהערט) איז אַ זיכערער, אַן אומפאַרמיידלעכער, אַזוי ווי דער נצחון פון יעדער רעוואָלוציע. דער פאָקסטראָט זיגט, טראָץ אַלע שטערונגען.

וויסן מוזט איר, אַז די מאָדערנע טענץ זענען אָפיציעל געפּסלט דורך דער קאָמוניסטישער עסטעטיק. מען האָט דאָס מיר דערקלערט אָט אַזוי: „מיר, קאָמוניסטן, זענען נישט קיין געגנער פון אַ געזונטער עראָטיק; מיר האַלטן נישט פון קיין אַסקעטיזם, פאַרקערט. אָבער די מאָדערנע טענץ זענען אַן

אויסדרוק פון קרענקלעכקייט, פון דעגענעראַציע, פון אויסגע־נוצטקייט, נישט פון פולבלוטיקער געזונטער עראָטיק. זיי זענען דער אויסדרוק פון דער צופוילטקייט פון דער איצטיקער גע־זעלשאַפט״...

אָט אַזוי האָט די קאָמוניסטישע עסטעטיק אָפּגעשאַצט די מאָדערנע טאַנץ־רעוואָלוציע, און האָט איר אָפיציעל פאַרשטעלט דעם וועג (עס העלפט נישט!)

אַזוי ווי אָבער פון גאַנצן קאָמוניסטישן געדאַנקען־גאַנג געפעלט מיר די קאָמוניסטישע עסטעטיק אַמווייניקסטן, האָב איך אַ ברירה, (און איר — מיט מיר) אין דער אָפּשאַצונג נישט צו גלויבן.

די טאַנץ־רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמע־ריקע, איז גראָד אַ „דעמאָקראַטישער אויפשטאַנד״ קעגן דער צירלעך־מאַנירלעכקייט פון וואַלס, וואָס נאָך עד־היום ליגט אויף אים דער שטעמפּל פון הויף־צערעמאָנישקייט און אַריסטאָקראַ־טישער זיסלעכער פאַרווייכטקייט. נישט מער, וואָס די קינדער פון אַפריקע, די נעגערס, האָבן אין די טענץ אַריינגעבראַכט אַ שאַרפן ריטם און די הייסע זון פון אַפריקע. דאָס איז נישט דעגענעראַציע, נאָר פונקט פאַרקערט — אַ ביסל ווילדקייט, אומ־געצוימטקייט, אונטער־קולטור אָנשטאָט איבער־קולטור.

ברעכט ער זיך דורך אַ וועג, דער פאָקסטראָט, און אַלץ דורך דעם אויסלענדער. מען האָלט אין רוסלאַנד, אמת, נאָך גאָר ביים אָנהויב. לאַנג אויסגעזוכטע שימיס (ווי, למשל, „טי־טינאַ״) זענען דאָ די גרעסטע נייאיקייט, און מען געניסט נאָך ביי זיי דעם אמתן טעם פון אַ פאַרבאָטענער זאַך. אין אַ גע־וויסן „ליטעראַרישן״ קלוב (ליטעראַטן פאַרקערן דאָרט ווייניק) ווערט יעדן מאָנטיק געגעבן אַ קאַבאַרעט־פאָרשטעלונג, אָבער די אַטראַקציע פון אָוונט איז דער פאָקסטראָט, וואָס מען כאַפּט אַריין אַזוי זיך, נישט מיר—נישט דיר, האַלב בגנבה. מען קוקט דורך די פינגער: עס געשעט פונקט אַזוי ווי ביי יעדער רע־וואָלוציע: די פאַרטרעטער פון דער אַלטער טאַנץ־אָרדנונג

וערן אינערלעך „דעמאָראַליזירט", און זייער ווידערשטאַנד קעגן דעם נייעם ווערט אָפּגעשוואַכט.

טאַנצן, טאַנצן אַממייניסטנס אויסלענדער, און די רוסישע דאַמען שטעלן נאָך אומזיכער די פיס, און מיינען — גאָט ווייסט, וואָסער הויכן גראַד פון זינדיקייט זיי געניסן דערביי.

ווען אַ דאַמע דערציילט אייך, אַז זי האָט נעכטן גע-טאַנצט אַ פאָקסטראָט, מיינט זי דערמיט צו זאָגן, אַז זי איז געווען איבערגעטראָגן אין אַ נייער האַרץ-פאַרדרייערישער וועלט און אַז זי האָט דורכגעלעבט עפּעס... עפּעס גאָר אויסער-אָרדנטלעכס.

און דער טענצער — דערציילט זי אייך — האָט איר אַ גאַנצע צייט געקוקט אין די אויגן אַריין...

איז דאָס נישט קיין הערלעכע נאַאיוויטעט, וואָס איר טרעפט אין רוסלאַנד? די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זענען שוין זאַט און איבערגעזעטיקט פון די מאָדערנע טענץ, און די טאַנץ-מייסטערס מוזן זיך ברעכן די קעפּ אויסצוקלערן מינ-דעסטנס יעדע דריי חדשים אַ נייעם טאַנץ מיט די משוגענסטע טריקס, כּדי אויפצוהאַלטן דעם אינטערעס פון עולם צום טאַנצן, און יעדע וואָך מוז מען האָבן אַ נייע מעלאָדיע, און דאָרט רופט „טיטינאַ" נאָך אַרויס די שאַרפסטע עמאָציעס, און די דאַמע ווערט שיער נישט פאַרחלשט אין די אָרעמס פון טענ-צער, וואָס „קוקט איר אין די אויגן אַריין".

* * *

און ווען איך רעד פון אויסלענדער, מוז איך באַמערקן, אַז דאָס מיין איך דאָס אויסלאַנד פון מערב, נישט פון מזרח. ווייל די וועלט פון מזרח, דעם אויסלענדער פון אַזיען, טרעפט

איר דאָ אין די מאַסן. די כינעזער זעען זיך דאָ שטאַרק אָן, און זיי האָבן דאָ אַן אוניווערסיטעט, זייער פיל גאַסן-הענדלער, און זיי פילן זיך אין רוסלאַנד זייער גוט... די אַלטע פּראַגע איז נאָך נישט דעצידירט, די פּראַגע — צי מיט רוסלאַנד זאָל זיך ענדיקן אייראָפּע, צי אַזיע זאָל זיך אָנהויבן. פּעטער דער גרויסער האָט „אויסגעהאַקט דאָס פענסטער קיין אייראָפּע", גרינדנדיק די רעזידענץ-שטאָט פּעטערבורג. פון דעמאָלט אָן איז רוסלאַנד געווען אָריענטירט אויף אייראָפּע. די אייראָפּע-אישע קולטור איז געוואָרן איינגעפלאַנצט, רוסלאַנד איז געגאַנ-גען אויף דעם וועג פון דער אייראָפּעאישער אַנטוויקלונג, און אירע פאַרבונדעטע זענען געווען די טיפּישע מערב-מלוכות ענגלאַנד און פראַנקרייך. די סלאַוויאַנאָפילן זענען שטענדיק געווען געגנער פון פּעטערבורג און אָנהענגער פון מאָסקווע. די באָלשעוויקעס, וואָס זענען טעאָרעטיש די שטאַרקסטע אָנ-הענגער פון מערבטום (זאַפּאַדניקי) און זיי האָבן געהאָפט, אַז רוסלאַנד זאָל מאַכן דעם היסטאָרישן שפּרונג און נאָך איבער-לויפן אייראָפּע, זענען פאַקטיש אַריינגעפאַלן אין אַן אַזיאַ-טישער אָריענטאַציע. די הויפּטשטאָט איז געוואָרן מאָסקווע, די פאַרבונדעטע פון רוסלאַנד ליגן אין וויטן מזרח, אין כינע און אין אינדיע, און די שטאַרקסטע באַרירונג מיט דער אויס-סערלעכער וועלט איז אויף מזרח, נישט אויף מערב, ווי אַמאָל.

היימיש פילט זיך אין מאָסקווע די אַזיאַטישע וועלט.

איטאַליענער האָב איך דאָ געזען, אַרבעטער-דעלעגאַטן, קרבנות פון פאַשיזם, זענען זיי דאָ אַרומגעלאָפן אין לייכטע פעלעריינעס. עס איז שוין געווען שפּעט אָסיען און אין מאָסקווע איז אויסגעפאַלן אַ שניי, האָבן זיי, די יונגע איטאַליענער, געפרוירן און איינגעוויקלט זיך אין זייערע שוואַרצע פעלעריינעס, און די פלאַמיקע דרום-אויגן זענען געווען פייכט מיט קעלט-טרערן... פרעמדע זענען זיי געווען, צופעליקע.

אָבער דער כינעזער שמייכלט דאָ זיין איבער-קלוגן (צי אידיאָטישן?) שטיינערנעם שמייכל, און פילט זיך אויסגעצייכנט...

XXII

פון מאָסקווע קיין כאַרקאָוו.

דער האַרבסט איז אויסגעפאַלן אַ שיינער און אַ טרוקע-נער, און די גאָלדענע קופּאָלן פון מאָסקווע האָבן נאָך אין חודש נאָוועמבער געהאַט עטלעכע שעה זון יעדן טאָג; זיי האָבן געבליצט אין דער לופט. גרינג און גוט איז געווען צו שפּאַצירן אין די גאַסן — אָט גלאַט אַזוי, אָן אַ באַזונדער ציל. מאָסקווע איז פאַר מיר געווען אַן אַנטפּלעקונג. איר לופט, איר ליכט, אירע פאַרבן זענען פאַר מיר געווען ניי, ווייל מאָסקווע איז אַ טיפּישע יבשה-שטאָט, ווייט אָפּגערוקט פון די ימן פון דער ערד. פון סיביר און אוראַל, פון ווייטע טונדרעס און אור-וועלדער, בלאָזן אַהער די ווינטן. די וואַרימע און קאַלטע ים-שטראָמען, וואָס בילדן די קלימאַטן פון ניו-יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז און בערלין, האָבן דאָ קיין שום ממשלה נישט. דאָ איז טריקעניש, פעסטלאַנד.

שטעלט זיך אַוועק אַ וועטער, און נידריקט אַראָפּ אַ באַ-לייכטונג, ליגן זיי רחבותדיק און זיכער, אָן שום ציטער פון פאַרגענגלעכקייט; נישטאָ דאָס געלויף פון אָפּגעריסענע שטיקער וואָלקן, וואָס שרעקט אַזוי קינדישע געמיטער. מאָסקווע האָט אַ סאָלידן, טרוקענעם און געזונטן קלימאַט. פאַרציט אַ וואָלקן דעם הימל, איז ער אַ סאָלידער, שווער אָנגעלאָדן מיט שניי, און מאָסקווע צירט זיך אין אירע ווייסע פאַראַדנע ווינטער-מלבושים.

אָבער דער ווינטער האָט פּאַרשפּעטיקט. טאָג נאָך טאָג, אַזוי הויבט זיך דער פרימאָרגן אָן מיט נאַסער פאַרוואָלקנטקייט, אָבער מיטאָג-צייט קומט די זון און גאָלדענע וואַרימקייט. ס'איז גוט אין מאָסקווע.

האָב איך כמעט געהאַט ווי פאַרגעסן, אַז מיין צייט איז באַגרענעצט, און איך האָב נאָך אַסך אַרומצופאָרן און צו זען. איך מוז דאָך מינדעסטנס כאַפּן אַ קוק אויף דעם ווערק פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, און ווען דאָס שלעכטע וועטער וועט אָנרוקן, וועט זיך אין די סטעפּעס פון קריוואָראָג, כערסאָן און אָדעס (געגנדן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע) צושפּילן דער ווינט, און דער רעגן וועט צעווייקן די שוואַרצע ווייכע ערד, און מיין נסיעה וועט זיין אוממעגלעך.

פאַרשפּעטיקט האָב איך סיי-ווי-סיי שוין געהאַט. ווייל דער גרעסטער טייל נייע קאָלאָניסטן, די וואָס האָבן זיך ערשט דאָס יאָר באַזעצט, און די הייזער פאַר זיי זענען נאָך נישט אויפגעבויט, צופאָרן זיך איצט אויף צו ווינטערן אין די אַלטע היימען (אויב ביי זיי איז נאָך עפּעס געבליבן אינדערהיים), אָדער זיי פאַרשפּרייטן זיך אין די אַרומיקע דערפער און דינגען ערטער אויף דורכצעווינטערן ביי די פּויערים.

אָט אַזוי בויט זיך די יידישע קאָלאָניזאַציע. פרילינג קומען זיי, אַזוי ווי די שוואַלבן, אַקערן, זייען; צום האַרבסט ווערט ווידער פאַרזייט (די ווינטער-תבואות) און מען צופאָרט זיך. ביי דעם ערשטן הויך פון נייעם פרילינג קומט מען ווידער, דאָסמאָל אויף גוט און אויף פעסט, און דורכן זומער ווערט אויך דאָס הויז פאַרטיק. ס'איז גראָד איצט געווען די צייט, ווען די קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן זייערע נעסטן... אָבער אין די ערטער, וואו איך האָב באַשטימט צו פאָרן, זענען פאַראַן שוין אומעטום אויך איינגעפונדעוועטע קאָלאָניעס, צו העלפט-אויפגעבויטע, און עס איז שוין פאַראַן אַן איינגעזעסענער עולם. מען מוז איילן אַהין, כּל-זמן דאָס וועטער איז גוט.

די צייט איז מיר געווען זייער קורץ, ווייל אין מאָסקווע

האָט מען זיך שוין געגרייט צו דעם צוזאַמענפאָר פון „געזערד״, וואָס האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט אַלע, צוליב פאַרשידענע טעמים. איינמאָל, צוליב דעם ענין אַליין, צוליב דער ערדאיינאָרדנונג, וואָס האָט די סימפּאַטיע פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אָן אונטערשיד; צווייטנס, איז דער צוזאַמענפאָר געווען אַ נייעס מיט זיין האַלב „ציווילן״ כאַראַקטער און צוליב די אויסלענדישע געסט, וואָס זענען גערופן געוואָרן צו באַטייליקן זיך. דער צוזאַמענפאָר איז טאַקע אויסגעפאַלן זייער אינטערעסאַנט, און אַ פרעמדן, אַ זייטיקן, אַזוי ווי איך, האָט ער געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן, נישט בלויז אין דער פראַגע פון קאָלאָניזאַציע, נאָר אין דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל, אין דעם גאַנצן סיסטעם און גאַנג פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפטלעכקייט. מען האָט געקאָנט כאַפּן אַ קוק הינטער די קוליסן.

איז מיר געבליבן נישט מער, ווי צוויי-דריי וואָכן צייט אויף צו באַזוכן די הויפּט-שטעט אין אוקראַינע: קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס, כערסאָן אאַז״וו. און נאָך דערצו די „פונקטן״ פון דער קאָלאָניזאַציע. איך בין געווען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט.

פון איין זייט — דאָס געפיל פון „פליכט״. „מען מוז״ דאָך פאָרן זען מיט אייגענע אויגן די קאָלאָניזאַציע. פון דער צווייטער זייט האָב איך געוואוסט, אַז אַזאַ פאָרן, אין איילעניש און כאַפּעניש, אויף די אויטאָמאָבילן פון „דזשאָינט״, צי פון „אָרט״, אין באַגלייטונג פון די אָנגעשטעלטע, קאָן מיר ווייניק געבן. איך זע אַמבעסטן און אַמקלאָרסטן, ווען מען ווייזט מיר נישט, און איך זע אַמבעסטן און אַמקלאָרסטן, ווען איך אַליין שטעל נישט אָן די אויגן צו זען. איך מוז שטענדיק וואַרטן אויף דעם „צופאַל״, וואָס זאָל מיר אויפדעקן עפּעס אינטערעסאַנטס (אָן עצה פאַר אַלע, וואָס ווילן עפּעס זען ריינדיק: נישט אַריינקוקן אין בעדעקער און נישט וועלן זען פאָרויס באַשטימטע זאַכן).

און דאָ שטייען אין מאָסקווע אַזוינע געבענטשטע טעג. עפּעס שרייט אין מיר אינעווייניק אַ קול: נישט פאַרלאָז קיין

אָרט, וואו די זון איז דיר גאָלדיק און וואו דער הימל איז דיר ליב און אַלץ איז אַזוי אינטערעסאַנט און ניי.

אַ מענטש זאָל מען זיין! מען מוז פאָלגן די שטים פון דער „פליכט״!

אַדיע, מאָסקווע! און צום ווידערזען! (אָבער ווען איך וועל צוריקקומען, וועט די זון שוין נישט זיין מער גאָלדיק. אין סיביר, אונטערן אוראַל, שטייט דער ווינטער גרייט צו קומען).

• •
•

איך האָב געזען אוקראַינע כמעט נאָר פון פענסטער פון וואַגאָן. אָט איז דער רעזולטאַט פון איילעניש און וועלן זען. מיינע איינדרוקן פון דאָרט זענען אַ ביסל צעוואָרפן. צוויי-דריי טעג אין קיעוו, אַזוי פיל אין כאַרקאָוו, אַזוי פיל אין אָדעס, אין כערסאָן, קריוואָראָג. אין מיין זכרון האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַן איינהייטלעכע שטימונג, אַ הינטער-גרונט, וואָס קומט פון איבערלעבונג, נאָר בילדער אַזוי ווי פון אַ קינאָ. אין מינסק און אין מאָסקווע האָב איך געלעבט, אין די שטעט פון אוקראַינע בין איך געוועזן.

אָבער ס'איז אַן אַנדער לאַנד — אוקראַינע. די שפּראַך — דאָס איז דאָס מינדעסטע. אין די שטעט הערט מען אַלץ כסדר רעדן רוסיש, נישט אוקראַיניש. אָבער די לאַנדשאַפט, און די מענטשן (גאָר באַזונדער — די מענטשן), און די צייכנס פון בירגער-קריג, וואָס זענען אַלץ נאָך נישט אָפּגעווישט, די רו־אינעס, וואָס קוקן מיט פינסטערע לעכער אויף די גאַסן אַרויס אין אַזוינע שטעט, ווי אָדעס און קיעוו, — גיבן צוזאַמען גאָר אַן אַנדער בילד!

מען דערציילט נאָך פון טראָצקין, אַז ער זאָל דאָס האָבן געזאָגט: אוקראַינע איז געגליכן צו אַ ראש-חודש רעטעכל: פון אויבן איז עס ר ו י ט, פון אינעווייניק ו ו י י ס. דאָס זאָל זיין אַ פּאָליטישע אָפּשאַצונג פון די שטימונגען אין אוקראַינע. איך נעם מיך נישט אונטער צו זאָגן אַ מיינונג וועגן דעם. די פּאָליטישע שטימונגען פון דער באַפעלקערונג זענען מיר נישט באַקאַנט. דאָס איינציקע געפיל, וואָס איך האָב געהאַט, דאָס איז, אַז די מענטשן זענען דאָ אַנדערע, פאַרבאַהאַלטענע, ווייניקער פּראָסט, מער קאָמפּליצירט, ווי דער רוסישער מענטש, וואָס שטייט מיט איינמאָל פאַר אייך אַזוי ווי ער איז. דער רוס לאַכט. דער אוקראַינער שמייכלט, אונטער די וואָנסן שמייכלט ער, און איך מוז מודה זיין, אַז מיך האָט דער שמייכל געשראָקן, ווייל... נו, יאָ, ווייל איך בין אַ ייד, און ווי קאָן מען זיין אין אוקראַינע און נישט געדענקען אין די שחיטות, אפשר די גרעסטע, אפשר די שרעקלעכסטע, אין אונזער אַלטער היסטאָריע, וואָס איז מיט דעם מאַטעריאַל אַזוי רייך!

און נאָך איינס: אָנקומענדיק קיין כאַרקאָוו, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין אַרויס פון עפּעס אַ גראָקייט פון לעבן, פון אַן אוניפאָרמישקייט און איינטאָניקייט. די מענטשן זענען דאָ ווייניקער ענלעך איינער צום צווייטן ווי אין מאָסקווע און אין מינסק. די קליידונג איז אַן אָרעמע, אָבער פאַרביקער איז זי. רייך-געקליידטע דאַמען וועט איר אין מאָסקווע טרעפן אפשר מער, ווי אין כאַרקאָוו און קיעוו. אָבער רייך-געקליידטע זענען נישט דער טאָן פון לעבן, נאָר אויסנאַמען. בכלל אָבער קאָנט איר מיינען, זייענדיק אין מאָסקווע, אַז דאָס פאָלק האָט נישט קיין זין פאַר פאַרבן. וואָס איז די נפקא-מינה, צי רויט, צי גרין, צי געל. דאָס אָנטאָן זיך אין מאָסקווע איז נישט דערגאַנגען אַזוי ווייט צו זיין אַן ענין פון דעקאָראַציע; מען דעקט צו דעם גוף. אַ יאַקע איז אַ יאַקע, און אַ טיכל אויפן קאָפּ איז אַ טיכל — די האָר זאָלן נישט אַרומלויפן... די לעצטע רואיקע יאָרן פון סאָוויעטישן רעזשים זענען

כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס מענטשן האָבן באַקומען דאָס זאַמע נויטבאַדערפטיקע, גאָרנישט מער.

אוקראַיִנע, ביי איר אָרעמקייט, איז מער קאָקעטיש. וואָס איז דאָס חידוש? אויך אירע פעלדער און דערפער זענען גרינער, באַוואויגטער, שפּעדיקער און פאַרביקער, ווי די רוסישע. פאָרט איר טייַלמאָל דורך אין צוג פאַר אַ דאָרף, און בייַם פאַררוקטן שלאַבאָן, זעט איר, ווי עס וואַרטן אוקראַיִנישע פּויערטעס אין זייערע קאָלירטע טראַכטן און דערלעבן שטייט אַ יונג אין אַ בלאָען העמדל מיט אַ שוואַרצן לעדערנעם פּאַס און גלאַנצעדיקע שטיוול, און אַרום די כאַטעס ווימלט עס פון הינער און גענז און חזירים, און פון די קוימענס גייט אַ רויך, טראַכט איר דעמאָלט: אָט איז עס, אוקראַיִנע, אַ זאַט לאַנד, און דער ריזיקער יונג אין דעם בלאָען העמדל, דער אויסגעפּוצטער און גלאַנצעדיקער, גאָט ווייסט, וואָסערע מחשבות ער האָט אין קאָפּ! (איך וואָלט געשוואָרן: ער האָט געשמייכלט, דער יונג, דעם אוקראַיִנישן נישט-גוטן שמייכל).

*

*

מיין שכן אין קופּע פון מאָסקווע קיין כאַרקאָוו איז געווען אַ דייטש: אַן עלעקטראָטעכניקער פון דער באַרימטער דייטשער פירמע „א. ע. ג.“. ער האָט קיין וואָרט רוסיש נישט פאַרשטאַנען, און האָט דאָך באַרייזט רוסלאַנד פון סיביר ביז פּעטראָגראַד, מאָסקווע און איצט קיין כאַרקאָוו. מיט דער עלעקטריציטעט איז עפּעס אין כאַרקאָוו נישט אין אָרדנונג. רופט מען דעם דייטש. די דייטשן אַרבעטן דאָ שטיל, און קריגן די בעסטע באַדינגונגען. זיי ווערן קאָנטראַקטירט אויף אַ באַשטימטע צייט דורך דער רוסישער רעגירונג, קריגן גרויסע

געהאַלטן און פאַרשידענע פּריוויִלעגיעס, דערביי דאָס רעכט אַרויסצושיקן געלט. דערפאַר אָבער זענען זיי מחויב צו זיין לאָיאַל. ווען איר אַזאַ דייטש צעהאַקן, ער זאָל אייך אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן דעם רעזשים, וועגן דער אָרדנונג אין די פאַבריקן, וועט איר ביי אים גאָרנישט פועלן. „אָ, עס גייט!" האָט ער אייך ענטפער.

מיט די אַרבעטער קומט ער אומעטום גוט דורך. איצט קומט ער פון פעטראָגראַד, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט ביי דעם „וואָלכאָווסטראָי", די ריזיקע עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס זאָל פאַרזאָרגן גאַנץ פעטראָגראַד מיט עלעקטריציטעט, גענומען פון וואַסער-קראַפט. נאָר די יונגע אינזשעניערן, קלאָגט ער זיך, פאַרשטייען גאָרנישט און לייגן שטיינער אויפן וועג. אַט האָבן זיי דריי טאָג געאַרבעט ביי אַ מאַשין, און נישט גע-וואוסט, וואָס עס פעלט, איז ער געקומען, זיך אויסגעטאָן דאָס רעקל, און גענומען אַרבעטן. אין אַ שעה אַרום איז די מאַשין געגאַנגען. די אַרבעטער האָבן זיך דערנאָך געריצט מיט זייערע אינזשעניערן און געשטעלט דעם דייטש פאַר אַ מוסטער: אַט ווי ער אַרבעט, אַזוי ווי מיר... פאַרשטייט זיך, אַז די אינזשע-ניערן האָבן אים נישט ליב.

איבעריקנס, איז ער גאַנץ צופרידן פון רוסלאַנד. אין מאָסקווע איז ער אינגאַנצן געווען אַכט טאָג, און האָט דאָרט שוין אַ „שאַץ". אַן אַ וואָרט רוסיש! דעם „שאַץ" האָב איך מיט מיינע אויגן געזען. זי איז אים געקומען באַגלייטן, אַ קליינע, נישט זייער קיין יונגע, אַ ביסל פאַרזאָרגטע. אַ פּאָקס-לערערין און — אַ געוועזענע גרעפין. דאָס איז אַ סוד. דער דייטש רוימט דאָס מיר איין אויפן אויער. זי רעדט פליסיק ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש. דאָס קליינע גרעפישע באַ-שעפעניש איז געווען זייער צאַרט צו דעם אַ ביסל מגושמדיקן ביר-דייטש, און זי האָט געהאַט טרערן אין אירע אומרואיקע אויגן ביים געזעגענען.

אַט דער דייטש האָט מיט מיר גערעדט וועגן אַלץ אויף

דער וועלט, אָבער ער האָט זיך קונציק אַרויסגעדרייט פון יעד געשפרעך, וואָס האָט בארירט די קאַרדינאַלסטע פראַגן פון דעם רעזשים. ער איז געווען לאָיאַל.

נאָר אינדערפרי, ווען דער צוג איז געלאָפן דורך די אוקראַאינער פעלדער, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן:

„איין זאַלבעס לאַנד! ווען וויר דאַס העטען!"

XXIII

אין כאַרקאָוו.

כאַרקאָוו איז איצט די הויפּט-שטאָט פון אוקראַינע, די רעזידענץ פון אַ זעלבסטשטענדיקער ראַטן-רעפּובליק, אין אוקראַינע איז די „זעלבסשטענדיקייט” נישט בלויז קיין וואָרט; אַ שטרעבונג איז דאָס אויף יעדן פאַל. די אוקראַינישע אינטעליגענץ, דער גרעסטער טייל פון די באַאַמטע, זענען באַמיט צו פאַרטיפן זיך, אונטערצושטרייכן דעם אונטערשיד צווישן אוקראַינע און גרויס-רוסלאַנד. דורכצוציען אַ גרענעץ, און וואָס אַ טיפערע, צווישן די צוויי קולטורן.

איז מען טאַקע זייער אייפריק אויף דעם גלאַנץ פון „כאַרקיוו” — דער רעזידענץ.

איזן איז זי אַ שטאָט פון דער געוועזענער גרויס-רוסישער צאַרישע מלוכהשאַפט. דער צאַריזם האָט זיך דאָרט לאַנג און ברייט געלייגט, און די שטאָט האָט דאָך נישט אירע אַלטערטימלעכקייטן, אַזוי ווי קיעוו. שטרעקט זי דעריבער אינגאַנצן דאָס געוועזענע, דאָס צאַרישע. איך האָב אין מיין לעבן נישט געהערט אַזוינע טיפע, אַזוינע פייערלעכע, אַזוינע באַסאָווע גלאָקן, ווי די פון גרויסן „סאָבאָר”, וואָס שטייט אינמיטן שטאָט, — אַ ריזיקע, אמת צאַרישע געביידע. אינמיטן פון פּראָלעטאַרישן רעזשים, אינמיטן פון דער אוקראַינער זעלבסטשטענדיקייט, שלאָגן אַריין אָט די טיפע קלאַנגען מיט אַן אומ-

געריכטער ברייטקייט. אָבער די שטאָט איז אַ מאָדערנע, ברייטע גאַסן און פּלעצער, און זי ווערט געהאַלטן ריין און אין אָרדנונג.

נישט מער, וואָס זיצנדיק אין האָטעל ביינאַכט, ווערט פּלוצלונג פינסטער. און אויך אין די גאַסן ווערט אויסגעלאָשן די עלעקטרישע באַלויכטונג. די מאַשינען קאָנען נישט אַרויס־ברענגען פאַר דער שטאָט אַזויפיל ליכט, וויפל ס'איז נויטיק — קאַרגט מען!

און דאָס קאַרגן גייט צו אויפן סאַמע פּשוטסטן אופן. אין אַ גאַנצן קוואַרטאַל ווערט די עלעקטרישע באַלויכטונג אָפּגע־שטעלט אויף אַ שעה צייט. אויף אַ פרעמדן מאַכט דאָס אַ ביסל אַ ווילדן איינדרוק. אין דער צייט פון דער מלחמה האָט מען אומעטום געקאַרגט און געשפּאָרט באַלויכטונג. האָט מען באַ־גרענעצט דעם געברויך, געהאַלטן טונקל די גאַסן, אָבער אָפּ־שטעלן די באַלויכטונג גאָר אינגאַנצן גראָד פון 7 ביז 8 ביינאַכט, לאָזן אַ שטאָט־טייל אין שטאָק־פינסטערניש, האָט מיר לכתחילה אויסגעזען זייער משונה. אָבער מען האָט מיר דער־קלערט, אַז דאָס איז אַ פּראָסט און ראַציאָנעל מיטל, ווייל די מאַשינען געפינען זיך אין זייער אַ טרויעריקן צושטאַנד, און געלט איז נויטיק (געלט! געלט! געלט! רוסלאַנד באַדאַרף צו האָבן קאַפּיטאַל).

(דער דייטשער עלעקטראָטעכניקער, וואָס איז מיט מיר צוזאַמען געפאָרן אַהער וועגן דעם ענין, האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס וועט מוזן, לויט די רוסישע אָרדנונגען, געדויערן אַ האַלב יאָר צייט, ברענגען די מאַשינען אין אָרדנונג).

כאַרקאָוו מאַכט, איבעריקנס, דעם איינדרוק פון אַ יונגער אויסגעפּוצטער באַלעבאָסטע, ערשט איינגעפירט די באַלעבעטי־שאַפט. גיך ווערן אָפּגערוימט די צייכנס פון בירגער־קריג. די חורבות ווערן אויפגעבויט, מען זעט נישט קיין הייזער־רואינעס מיט פינסטערע לעכער, אַזוי ווי אין די איבעריקע שטעט פון דרום־רוסלאַנד. די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער אוקראַאינישער רעפּובליק דאַרפן האָבן דירות. פאַרריכט מען, בויט מען, און די שטאָט קריגט אַ נאָרמאַל אויסזען.

נאָר וואָס די „פּאַרוואָרלאָזטע קינדער", דער מענטשלעכער אָפּפאַל, איז דאָ נאָך מערצאָליק; אויף יעדן פאַל, אָנזעעוודיקער, ווי אין מאָסקווע. גאַנצע גרופּן פון זיי שלעפּן זיך אַרום אין די גאַסן. איצט, אָנהויב ווינטער-צייט, ווערט זייער צאָל דאָ גרעסער; זיי ציען אַהער פון קאַלטן מאָסקווע. דער אינסטינקט פון די פייגל און די היישעריקן טרייבט זיי אָסיען-צייט פון צפון קיין דרום, — צו זוכן מער וואַרעמקייט פאַר זייערע נאַקעטע גופים.

כאַרקאָוו האָט דעם כאַראַקטער פון אַ סאָוויעטישער רעזי-דענץ-שטאָט, אַזוי ווי מאָסקווע, נאָר אין קלענערן פאָרמאַט. לאָזט זיך גיכער איבערבליקן איר פּאַרנעם. אַ רוסישע הויפּט-שטאָט מיטן זיץ פון אַלערליי באַאַמטע; די מייסטע געביידעס זענען רעגירונגס-אינסטיטוציעס, ביוּרעס, קאָאָפּעראַטיוון, אַרבע-טער-קלובן, נאַציאָנאַליזירטע האָטעלן אאַז"וו. גאַנץ זעלטן זענען דאָ די פּריוואַטע געשעפטן.

נאָר ביים ראַנד-שטאָט, נישט ווייט פון דער באַן-סטאַציע, דאָרט קאָכט און רודערט אַן אַנדער לעבן, — דאָס פאַרמלחמה-דיקע. דאָרט זענען נישטאָ קיין ברייטע גרויסע מאַגאַזינען, נאָר קליינע קראָמען און הילצערנע הייזלעך, און ס'איי דאָרט שטענ-דיק אַ יאַריד. דאָרט גייט דער פּריוואַט-האַנדל, פויערים, פויער-טעס, קרעמער, אַ געדונגעריי, און מען פּאַטשט אַפילו איבער די הענט. ס'איז אַן אַנדער לעבן, אַן אַנדער שטייגער, צוויי פאַרשידענע וועלטן.

מיט דער אוקראַיִניזאַציע איז (טראָץ אַלעם) אין די גאַסן נישט אַזוי געפּערלעך. איר הערט אומעטום רוסיש (ביי די הילצערנע הייזלעך — גראָד דאָרט הערט איר מער אוקראַיִניש). און אין האָטעל ווערט איר גאַנץ גוט באַדינט אויף רוסיש, אָבער דער טרעגער, וואָס האָט מיר אָפּגעטראָגן מיין וואַליזע מיט אַ קאָלדרע פון וואַגאָן צו דער דראָשקע, האָט געהאַט אַ שטרענג אויסזען און האָט האַרטנעקיק גערעדט אוקראַיִניש, און געמאַכט זיך נישט פאַרשטיין, וואָס איך רעד. אין כאַרקאָוו זענען די טרעגערס אָרגאַניזירט אין אַן אַרטעל. עס ווערט גע-

אַרבעט מיט קאָנטראָלן, מיט קוויטלעך און מיט שרייבעניש, און וואָס איך באַצאָל אים, גייט סיי-ווי-סיי אַריין אין דער בשותּפותדיקער קאָסע, הייסט וואָס דאַרף ער מיך צו פאַרשטיין? געענוג, וואָס ער האָט ביי מיר צוגענומען (און געשריבן און קוויטירט!) 60 קאָפּיקעס פאַר די 10 מינוט אַרבעט איבערצו־טראָגן די עטלעכע קלייניקייטן.

*

לאַנג צייט האָב איך נישט אין כאַרקאָוו. מיין צייט איז איצט אויסגעפּילט. איך פאָר „באַקוקן". מיין ערשטער וויזיט דער פאַרוואַלטונג פון אוקראַיִנער „געזערד". זי געפינט זיך אין אַ ביסל אַן אָפּגעלעגענער גאַס, אין אַן „אָסאָבניאַק". נאָך מאָסק־ווער ענגקייט זעט דאָס אויס זייער לייטיש און רחבותדיק. ליכטיקע שטובן, נייע מעבל, שרייב־מאַשינען קלאַפּן, און די ווענט זענען פול באַהאָנגען מיט אַלערליי קאַרטן, מאַפּעס פון דער קאָלאָניזאַציע. אָבער אַ סך קליגער ווער איך נישט דאָ. ווייל דאָס גאַנצע מאַטעריאַל האָב איך שוין געהאַט דורכגעשטו־דירט אין מאָסקווע אין „קאָמזעט" און אין „דזשאָינט", וואו מען איז זייער אויפמערקזאַם צו יעדן, וואָס פרעגט, און מען גיט אַלערליי אינפאָרמאַציעס, וואָס קאָנען אייך אינטערעסירן. איך מוז דאָ אויף דעם אָרט נאָכאַמאָל אָפּגעבן אַ לויב די אַלע מענטשן, וואָס שטייען ביי דער אַרבעט. ס'איז דאָ אַ ברען און אַ חשק און אַ גלויבן אין דער זאַך, וואָס מען טוט. איך האָב זייער זעלטן געטראָפן ביוראָקראַטישע מעכאַנישקייט. ס'איז אַ לעבעדיקע אַרבעט, און זי ציט צו צו זיך לעבעדיקע מענטשן... ווען איך אַזוי אין דער אוקראַיִנער אָפּטיילונג פון „געזערד" (אויף רוסיש — „אָזעט") און וואַרט אויף דעם דירעקטאָר, וואָס

האָט היינט פאַרשפּעטיקט. און שטעלט אייך פאָר מיין איבע־ראַשונג, אַז איך האָב דערזען פאַר מיר אין דער פּערזאָן פון דירעקטאָר מיינס אַן אַלטן באַקאַנטן פון וואַרשע, אַ קאָלעגע פון אַ רעדאַקציע, חבר איקס. וואו־וואו, נאָר גראָד דאָ האָב איך איך נישט געריכט אים צו טרעפן. טאַקע ניסים? וואָס? — רוס־לאַנד קאָן איבערמאַכן מענטשן!

חבר איקס האָט געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין איין רעדאַקציע. ער איז געווען זייער אַ וואוילער בחור, אַ קאַמאַשנ־מאַכער לויט זיין פּראָפעסיע, און מען האָט אים גענומען אין רעדאַקציע צו אינפאָרמירן פון אַרבעטער־לעבן. דער רעדאַקטאָר פון יענער צייטונג האָט געהאַט זיינע אַמביציעס. ער האָט גע־וואָלט, אַז אַן אַרבעטער זאָל צושטעלן די כראָניק פון אַרבעטער־לעבן. חבר איקס איז געווען זייער אַ סימפּאַטישער בחור, אַ רירעוודיקער, אַ לעבעדיקער, זיין איינציקער חסרון איז געווען, וואָס ער האָט שטאַרק געליטן אויף גראַפאָמאַניע. די גראַפאָ־מאַנען פון דער גאַנצער וועלט לאָזן זיך איינטיילן אויף צוויי קאַטעגאָריעס. איין קאַטעגאָריע — פון בלאַסע, שעמעוודיקע, שלימזלדיקע; אַ צווייטע — פון לעבעדיקע, רויט־פּנימיקע, ברייט־פּלייציקע און זייער „סימפּאַטישע" (אויף דעם מיידלשן לשון). די צווייטע קאַטעגאָריע איז אַ סך געפערלעכער פון דער ערש־טער. זיי וועלן זיך שוין אַריינקריגן אין דער ליטעראַטור, און ביז זיי וועלן זיך „אויסשרייבן" וועט מוזן געדויערן אַ לענגערע צייט. חבר איקס האָט געהערט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, פון די „זייער סימפּאַטישע", און ס'איז געווען צרות מיט אים. דער רעדאַקטאָר פלעגט טענהן מיט אים: לאָזט אָפּ מיט אייערע שרייבעכצן; איר דערציילט, שרייבן וועלן מיר שוין. עס האָט נישט געהאָלפן. חבר איקס האָט געשריבן.

זיין נאָמען האָט אַ געוויסע צייט אין רוסלאַנד אויפגע־בליט, אַלס איינער פון די יונגע פּאָעטן, פון די אמתע פּראָלע־טאַרישע, אָבער נישט לאַנג, דאַכט זיך, האָט דער רום גע־דויערט. זיין שטערן איז גיך אונטערגעגאַנגען. איך בין נישט שטאַרק באַהאַוונט אין דער יעראַרכיע פון די יידישע פּאָעטן

אין רוסלאַנד, ווער עס שטייט אויבנאָן און ווער הינטן. אָבער ביי מיין זיין אין רוסלאַנד האָט חבר איקס דעם ערשטן פּלאַץ, אַלס פּאָעט, שוין זיכער נישט פאַרנומען (אויך אויפן געביט פון יידישן קולטור-לעבן קומט פאַר, כאָטש פּאַמעלעך, זייער פּאַמעלעך, דער אַלגעמיינער פּראָצעס פון אויסניכטערונג און צוריקקער צום געזונטן מענטשן-פאַרשטאַנד).

חבר איקס, אַלס דירעקטאָר פון דער אוקראַיִנישער לאַנד-אָרגאַניזאַציע פון „געזערד", — מיך האָט עס אי געפרייט, אי ס'איז מיר פאָרגעקומען אַ ביסל משונה.

ווייל ס'איז דאָך אַן אינסטיטוציע, וואָס פירט אָן, אָדער באַדאַרף אָנצופירן מיט דעם הויפּט-טייל פון דער באַוועגונג. די מייסטן אויסוואַנדערער רעקרוטירן זיך פון אוקראַיִנישע קליינע שטעטלעך, און דער הויפּט-געביט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע געפינט זיך אויך דאָ.

חבר איקס אויף אַזאַ הויכן פּאָסטן — מיך פרייט זייער אייך דאָ צו טרעפן!

אָבער מיין פרייד האָט נישט לאַנג געדויערט. איך בין געזעסן טעט-אַ-טעט מיט דעם דירעקטאָר, און מען האָט אונז געבראַכט די שיינע גלעזער טיי. אָבער פון מיינע ערשטע פראַגן און זיינע ערשטע ענטפערן איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב פאַר מיר דעמזעלבן גראַפאָמאַן אויף דעם געביט פון קאָלאָניזאַציע. ער האָט מאָדנע אומבאהאָלפן געוואָרפן מיט די פּעק אַקטן, און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט געקלונגען, און עס איז אַריינגעקומען דער שטעלפאַר-טרעטער פון דירעקטאָר און ער האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דער קלעם.

ווייל דער שטעלפאַרטרעטער — דאָס איז אין רוסלאַנד דער אייגנטלעכער אָנפירער פון דער אינסטיטוציע. איצט האָב איך פאַר מיר געהאַט איינעם פון די זעלטנסטע שיינע טיפּן פון דער יידישע אינטעליגענץ. אַ סאָליד-דענקנדיקער מענטש מיט אַ סך וויסן און אַ סך איבערגעגעבנקייט און—א לעבעדיקע

ענציקלאָפּעדיע פון דער קאָלאָניזאַציע, מיר האָבן זיך באַראַטן ברייט און פריינטלעך צוזאַמענגערעדט.

חבר איקס איז געזעסן ביים טיש און האָט אונז נישט געשטערט (ער איז געבליבן זייער אַ וואוילער בחור). ער האָט מיט זייער אַ צופרידענער מינע געצויגן אַ ציגאַרעט, און פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע, וואָס ס'הערט זיך אין וואַרשע אין די ליטעראַרישע קרייזן.

איך האָב מיך זייער פריינדלעך געזעגנט מיט דעם שטעל-פאַרטרעטער, וואָס האָט מיר אָנגעצייכנט מיין מאַרשרוט און באַזאָרגט מיך מיט אַלץ, וואָס איך האָב באַדאַרפט. מיר האָבן לאַנג, לאַנג גערעדט וועגן דער קאָלאָניזאַציע און באַרירט אויך אַנדערע ענינים. נאָר איין פראַגע מיינע איז געבליבן אָן ענט-פער. ער האָט געשוויגן דערויף. דאָס איז געווען מיין איראָ-נישע פראַגע:

— וואָס טוט דאָ חבר איקס ביי דער קאָלאָניזאַציע?

אייגנטלעך האָב איך אַליין געוואוסט דעם ענטפער. עס איז קיין נייס נישט. חבר איקס האָט אַ גוטן פאַרטייאישן „סטאַזש״. ער איז צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג באַלד פון אָנהויב. דאָס איז אין רוסלאַנד אַ גרויסער, דער גרעסטער פלוס, און נומער צוויי שטאַמט ער פון אַרבעטער. מען האָט צוטרויען צו אַזאַ איינעם. און אין אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטיטוציעס, אויב זיי ווערן פאַקטיש אָנגעפירט פון אומפאַר-טייאישע, אָדער אַפילו פון קאָמוניסטן מיט אַ שלעכטן „סטאַזש״, ווערט אַריינגעזעצט אַזאַ איינער, אַלס דאָס אויג און דאָס אויער פון דער פאַרטיי. פאַרשטייט זיך, אַז ער קען נישט זיין קיין אונטערגעוואָרפענער, איז ער דירעקטאָר.

פאַראַן אַסך אַזוינע מיוחסים, קאָמוניסטן מיט אַ גוטן „סטאַזש״, אָן מאַרך אין קאָפּ און אָן פעאיקייטן, ווערן זיי צו-שיקט אויף דער פּראָווינץ און אַריינגעזעצט אין אַן אינסטי-טוציע. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג דערגרייכט דערמיט צוויי צילן. איינס — וואָס זי ווערט פּטור פון אַן אומפעאיקן מענטש;

צווייטנס, וואָס זי האָט אַ קאָנטראָלער איבער דער פּראָווינצער אינסטיטוציע אין ענין פון קאָמוניסטישער כשרות.

איך האָב חבר איקס געטראָפן דערנאָך אין מאָסקווע אויפן צוזאַמענפאָר. דער „דירעקטאָר" האָט דאָ געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע. איינמאָל האָט ער געהאַלטן אַ רעדע — זייער אַ פּראָלעטאַרישע, זייער אַ רעוואָלוציאָנערע און זייער אַ גראַפּאָמאַנישע, אַזוי ווי זיין שטייגער. „מען מוז איינפירן דעם סאָציאַליזם מיט געוואַלד, מען טאָר נישט לאָזן קיין פּריוואַט-ווירטשאַפטן אין די קאָלאָניעס", האָט ער געדונערט.

קיינער האָט אים נישט געהערט.

ווייל אויף דרום-רוסלאַנד זענען (כמעט) אַלע קאָלאָניסטן שוין אַריבערגעגאַנגען צו פּריוואַטער ווירטשאַפט, און די צענטראַלע אָרגאַנען פירן שוין לאַנג דעם קורס אויף פּריוואַטע ווירטשאַפטן. ס'איז מער קיין פראַגע נישט.

די קאָלאָניסטן אין דרום-רוסלאַנד האָבן אויפגעלעבט, זינט מען האָט דערלויבט אַריבערצוגיין פון קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן צו פּריוואַטע, און נישט קיין אַנדערער ווי מערעזשין האָט געגעבן דעם צייכן, מען זאָל אָפּלאָזן די לייצעס, און לאָזן די קאָלאָניזאַציע זיך אַנטוויקלען מיט די וועגן, וואָס זי וועט זיך אויסקלויבן פאַר גוט און באַקוועם.

חבר איקס, אָדער דער „דירעקטאָר", האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע סאָציאַליסטישע דרשה, און קיינער האָט אים נישט געהערט.

XXIV

מיין ערשטער אַרויספאָר אין סטעפּ.

איבער דער שוואַרצער ערד, וואָס זעט אויס אַזוי ווי צוגעטריקנטע ליים, און נאָר מיט שיטערן גראָז באַוואָקסן, לויפט אונזער אויטאָמאָביל און שלינגט־איין אַ וויאָרסט נאָך אַ וויאָרסט. ברייט איז דער סטעפּ, און דער שאָפער האַלט זיך נאָר אויף אַזויפיל ביים אויסגעפאָרענעם וועג, אויף וויפל ער באַדאַרף זיך צו אָריענטירן, כדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען אין אַ פאַלשער ריכטונג. איבריקנס, פאָרט ער רעכטס, פאָרט ער לינקס, אומעטום האָט ער אַ נאַטירלעכן וועג, אַזוי ווי אויסגעפלאַסטערט. די זון האָט גוט צוגעבאַקן דאָס שוואַרצע ליים, און די מאַשין גליטשט זיך אַזוי ווי אויף דעם בעסטן שאָסיי. אונזער אָנגעדראָדלטער, ברוגזער שאָפער ווערט מיט דער צייט אויך הייטערער, רעדעוודיקער, און זיין שווער געמיט טייעט אונטער דער וואַרעמער זון.

ווייל דער שאָפער האָט אונז געלייגט שטיינער אויפן האַרצן. די מאַשין וועט נישט אויסהאַלטן. דאָ האָבן אים געפעלט די קייטן (אַ ספּעציעלע איינריכטונג אַרויסצושלעפּן פון בלאָטעס), — דאָרט האָט מען אים געזאָגט, אַז דאָס וועטער שטייט אַ שיינס, און אויף אַ רעגן קלויבט זיך נישט, זאָל ער נישט מורא האָבן. האָט ער גענומען קראַצן דעם קאָפּ, און דערמאָנען פאַרשידענע קליינע פעלערן און קראַנקהייטן פון זיין

מאַשין, און וואָס מער מען האָט אים אויפגעוויזן, אַז אַלע זיינע זאָרג האָבן קיין שום ממשות נישט, האָט ער אַלץ גע־פונען נייע און נייע. אַ שטילער, שווערער מענטש, אַ שווייגנ־דיקער. צום סוף האָט מען אויף אים אָנגעשריען, אַזוי ווי ס'געהער צו זיין, איז ער געפאָרן, און עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די מאַשין איז אין בעסטער אָרדענונג.

— זייט רואיק, — האָט מיר געזאָגט דער באַלייטער, — דער וועג איז גוט, און די מאַשין איז אין אָרדענונג, אים האָט זיך פשוט נישט געוואָלט פאָרן, צוליב דעם נייעם „ווייב", וואָס ער האָט פון נעכטן אָן. אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, איז דאָס אַ סאָלידער בחור, טרינקט נישט, רויכערט נישט, פאַר־שטייט זיין פאַך, אָבער שלמה המלכס ווייבער האָט ער. אַלע וואָך מיט אַן אַנדערער. אונזער בוכהאַלטעריע איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט צוליב די חשבונות מיט זיינע פריערדיקע „ווייבער", וואָס די קאָנטאָר צאָלט זיי אויס די „אַלימענטן" (לויט דעם באַשלוס פון געריכט), און דאָס ווערט אָפּגעשלאָגן פון זיין פענסיע. ס'אַרט אים נישט.ליידנשאַפטלעך, שווייגנדיק און מיט עקשנות טוישט ער די ווייבער. איצט איז ביי אים „נאָך אַ חתונה", וויל ער פשוט נישט אַוועק אויף עטלעכע טעג.

איז ער טאַקע טרויעריק געווען, אונזער שאָפער, ביים אָפּפאָרן, און געשוויגן, ווי אַ גזלן.

ס'איז געווען ביי דעם שאָפער עפּעס חיהשס אין זיין אויפפירונג. אַזוי ווי אַ קאָבילע, וואָס שטעלט זיך אָפּ און וויל נישט גייען, דערשפּירנדיק אין אַ געוויסער ריכטונג דעם אָב־יעקט פון איר באַגערן, און מען טרייבט זי אַזוי לאַנג, ביז זי הויבט אָן צו גיין, און דערנאָך — היידאַ! עס לויפט און גאַ־לאָפּירט און — פאַרגעסן.

די זון האָט אים דערוואַרעמט, און דער סטעפּ האָט זיך אויסגעלייגט פאַר אים ווייט און ברייט אין זיין רחבותדיקייט, קערעוועט ער לינקס, קערעוועט ער רעכטס, די רעדער גע־האָרכן מיט גרויס פּינקטלעכקייט, און ער איז צופרידן, און מיר זענען צופרידן. ס'איז אַוועק גוט, און נאָך פון צייט צו

צייט האָט זיין בלאָזער אריינטרומייטערט אין סטעפּ אריין דעם אָנזאָג און די וואָרנונג: איך גיי און לויף, נעמט אַכט אויף די פערד און בהמות!

ווייל די אוקראַיִנישע סטעפּעס זענען נישט געוואוינט צו די אויטאָמאָבילן. עטלעכע סאָוויעטישע אויטאָמאָבילן זענען דאָ אין קרייז, און עטלעכע — פון דער יידישער ערד-איינאָרדנונג. און די פערד, טיילמאָל אויך די בהמות, ווערן שטאַרק איבער-געשראָקן פון דער אייזערנער אומבאַקאַנטער חיה, ווען זי לויפט דורך. אונזער אויטאָמאָביל וואָרנט נישט, מען זאָל אים אָפּטרעטן דעם וועג, ווייל דעם וועג מאַכט ער זיך שוין אליין, וואו ער וויל, אויב נאָר דער סטעפּ איז טרוקן. דאָס וואָרנט ער, מען זאָל מוחל זיין אָראָפּקריכן פון וואָגן דאָרט, און האַלטן פעסט די פערד ביי די צוימען, זיי זאָלן זיך נישט צובריקעווען. און אָט אַזוי לויפט ער דורך אין האַסטיקייט פאַר די צושראָקענע פערד מיט די פאַרסאַפּעטע מענטשן, וואָס האַלטן זיי מיט אַלע כּוחות ביי די צוימען. אָט איז אַ וואָגן מיט עטלעכע יידן און יידענעס, אונזערע נייע פויערים און פויער-טעס. הייסן מיר אונזער שאָפער האַלטן. די צוויי יונגען, וואָס האַלטן די פערד, אָטעמען אָפּ לייכטער, די פערד האָבן זיך באַרואיקט, ווי נאָר די מאַשין האָט זיך געשטעלט.

— פונוואַנען? וואוהין?

פאַרקויפן אייער פאָרן זיי און אַ ביסל פוטער אין דער נאָענטער שטאָט. אונזער באַגלייטער מוסרט זיי. די פעלדער זענען נאָך נישט אַלע באַאַקערט און באַזייט, דער ווינטער קען אָנרוקן. דער „יאָר״ קען זיין פאַרפאַלן.

— מען מוז האָבן אַ פּאָר קאָפּיקעס, סאַמואיל גריגאָרע-וויטש, — פאַרענטפערן זיי זיך. — דאָס קינד גייט באָרוועס, כאָטש אַ פּאָר לאַפּטעס קויפן. די קאָנטאָר וויל נישט געבן... — גיבן זיי אים דערווייל צוריק אַ שטאָך.

* *
*

די „קאַנטאָרן" אין רוסלאַנד דערווייטערן זיך און זייער קליענטעלע פון יעדער אַרט פילאַנטראָפּיע. דעם ייד ווערט גע־האָלפן זיך איינצואָרדענען אויף דער ערד, קיין אַנדערע טובות טוט מען נישט און קיין צדקות גיט מען נישט, כאָטש דעם קאָ־לאָניסט קומט אויס פיל, זייער פיל צו ליידן, און דורכטראָגן ממש די גרעסטע יסורים. קיין שום שטיצע! עסן, וואוינען, צודעקן דעם גוף שאַפן דעם קאָלאָניסט די ערשטע צוויי יאָר די גרעסטע זאָרגן. אָבער די פּראַקטיק ווייזט, און מיינע איי־גענע באָבאַכטונגען אויף דעם געביט פון דער קאָלאָניזאַציע האָבן מיך געלערנט, אַז ווער עס שטעלט זיך צו דער אַרבעט ביי קאָלאָניזירן יידן, מוז (ליידער! ליידער!) האָבן דאָס האַרץ, ווי אַ שטיין. יעדע ווייכהאַרציקייט, יעדע צו־ווייטגייענדיקע מענטשלעכע רחמנות, איז... אַן עבירה קעגן דער קאָלאָניזאַציע. עס מוז זיין אַ סיסטעם, עס מוז זיין אַ נאַטירלעכער אויס־קלייב, די שוואַכע, וואָס קענען נישט אויסהאַלטן און קענען זיך נישט דורכשלאָגן, מוזן אָפּרוימען דעם וועג פאַר גע־זונטערע, אויסדויערעוודיקע. עס טוט מיר פאַרזעגלעך זייער לייד, וואָס דאָס איז אַזוי, און אַלס אַ שרייבער, און דערצו נאָך אַ יידישער שרייבער, פּאַסט עס אפשר נישט פאַר מיר, איך זאָל רעדן אַזוינע אומבאַרמהאַרציקע ווערטער, און אויב מען וואָלט מיך געוואָלט אַוועקשטעלן ביי דעם ענין פון קאָ־לאָניזאַציע, וואָלט איך מיך בפירוש אָפּגעזאָגט דערפון, צוליב דעם, וואָס איך וואָלט נישט געקענט אויסהאַלטן אין דער ראָלע פון אַן אכזר. אָבער די מענטשלעכע נאַטור האָט אירע געזעצן, און איך קען זיי נישט ענדערן. די אויפגאַבע צו מאַכן פון אַ קליינשטעטלשן ייד אַ קאָלאָניסט איז אַזאַ שווערע, זי פאָדערט אַזאַ אָנשטרענגונג פון אַלע כוחות, אַז נאָר דאָס באַשטענדיקע געפיל, אַז דער מענטש איז אָנגעוויזן איינער אַליין אויף זיינע כוחות, אַז יעדע פאַרנאַכלעסיקונג באַטייט אונטערגאַנג, איז

אין שטאַנד אויפצוברענגען די נויטיקע ענערגיע אויף בייצוקו־מען אַלע שרעקלעכע מכשולים. קאָלאָניזאַציע איז אַ האַרטער, כמעט אוממענטשלעכער ענין, — געזען פון מאָמענט אויס; אַ העלדישער, הומאַנישער — געזען פון שטאַנדפונקט פון מאָרגן.

* * *

אַן אַמעריקאַנער יידישער יונגערמאַן, אַ סאָציאַליסט, אַ גרויסער אָנהענגער פון די קאָמוניסטן, וואָס פּאַרט צוזאַמען מיט אונז, איז שטאַרק אומצופרידן מיט מיינע רייד. ער מיינט: מען מוז אַריינגיין אין דער לאַגע, מען מוז העלפן. מענטשן ליידן. דאָס צווייטע, טענהט ער, אויב מען וועט נישט געבן אויף קיין ברויט די ערשטע צייט, וועט דער קאָלאָניסט נישט האָבן קיין כוח צו אַרבעטן. עס קומט מיר אַליין אויס זייער משונה, וואָס גראָד איך בין דער פאַרטיידיקער פון דעם האַרטן סיסטעם. און טאַקע צוריק־גערעדט: פאַר דער בהמה און דעם פערד מוז געזאָרגט ווערן אויף פאַשע; פאַר דעם טראַקטאָר מוז מען קויפן אייל, פאַרוואָס זאָל די מענטשלעכע קראַפט דאָס ערשטע יאָר נישט אָפגעהיט ווערן דערמיט, וואָס מען וועט די קאָלאָניסטן שפּייזן? — יאָ, אַ קשיא איז עס. דער תירוץ איז אָבער, וואָס דער געשפּייזטער מענטש פאַרלירט פיל מער פון זיין לעבנס־אימפּעט, ווי די שפּייז באַטרעפט... ס'איז זייער און זייער אַ פאַרוויקלטער ענין, וואָס מען האָט צו טאָן מיט מענטשן, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען נישט קיין בהמות, און אַחוץ די ריין־פיזישע זייט, איז פאַראַן נאָך אַ פסיכאָלאָגישע... ס'איז אַ מאָדנע באַאָבאַכטונג, וואָס איך האָב געמאַכט ביי מיין נסיעה אין די קאָלאָניעס. גראָד דאָרט, וואו ס'איז אויסגעגעבן געוואָרן ווייניקער געלט, אין אָדעסער געגנט, וואו

צס אַרבעט דער „אָרט", וואָס האָט לכתחילה אָפּעריִרט מיט ג׳ישטיקע סומען, — גראָד דאָרט האָט זיך אַ גרויסער טייל קאָ־לאָניסטן באַפּעסטיקט אויף די ערטער, און מען הויבט שוין ערטערווייז אָן צוריק אויסצוצאָלן די ,חובות.

די ווערטער דאַרפן נישט פאַרשטאַנען צו ווערן, אַז מען באַדאַרף בכלל ווייניק געלט אויף דער קאָלאָניזאַציע. איך בין, גראָד פאַרקערט, איבערצייגט, אַז ווען ס׳זאָלן זיין די נויטיקע סומעס, וואָלט די באַוועגונג גאַנץ זיכער געקענט אויסוואַקסן ביז צו דער גרויס פון אַ היסטאָריש געשעעניש, געלט איז נויטיק, און אַ קליין ביסעלע באַגייסטערונג, נאַציאָנאַלער פּאַ־טאָס, אין דער צי יענער פאָרם. פאַראַן דאָך אַן אוקראַיִנישער (לעגיטימער) נאַציאָנאַלער פּאַטאָס, און אַ ווייס־רוסישער, אין די ראַמען פון סאָוויעטישן רעזשים, פאַרוואָס־זשע זאָל נישט קענען זיין קיין יידישער?

גרויסע געלט־סומען זענען נויטיק אויף צוצוגרייטן נייע ערד־שטחים, אויף מאַשינען, אויף הייזער, אָבער, ווי געזאָגט, קיין אָנהענגער פון שטיצע בין איך נישט, און אין דער מחלוקה צווישן „דזשאינט" און דעם „געזערד", וואָסערע הייזער מען זאָל בויען, צי (אַזוי ווי דער „דזשאָינט" טוט) גרויסע, באַקוועמע און טייערע, כדי דער קאָלאָניסט זאָל באַלד פון אָנהויב זיך פילן גוט, צי (אַזוי ווי דער „געזערד" טוט) בויען דערווייל קליינע ענגע שטיבלעך, אָבער ביליקע, וואָס דער קאָלאָניסט וועט ערשט מיט דער צייט קענען פאַרגרעסערן, אַרבעטנדיק שווער און ביטער עטלעכע יאָר — אין דער מחלוקה בין איך אומבאַדינגט אויף ז׳ער זייט פון „געזערד".

אָט די אַלע מחשבות מיינע געהערן צו די רייזע־איינ־דרוקן, ווייל איך בין די גאַנצע צייט פון ערשטן אַרויספאָר נעווען פאַרנומען אין אַ שמועס וועגן די פראַגן. מיין בעל־דבר, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, איז אַ ייד, וואָס לאָזט זיך נישט בלאָזן אין דער קאַשע אַריין, און באַשטייט אויף זיין מיינונג, און אויף איין אַרגומענט מיינעם האָט ער צען. בין איך אַזוי אַ גאַנצע צייט געפאָרן, איך אין דער ראָלע פון

אַ יידישן גזלן, אַ האַרט-האַרציקער, און ער — אין דער ראַלע פון אַ הומאַניסט און אַ מיטפילנדיקער, און דער ווינט האָט שטאַרק געבלאָזן אין פנים אַריין, און איך האָב קוים באַמערקט דעם סטעפּ, ווען ניִשט דאָס, וואָס דער ווינט האָט מיך שוין געהאַט שטאַרק דורכגענומען און איך האָב דערשפּירט די קעלט וואָס יאָגט דורך מיינע ביינער.

— וואָס זאָגט איר ניִשט צום סטעפּ?

ס'איז אַזאַ העלקייט, און אַזאַ ליכטיקער הימל, און די זון וואַרעמט גאַנץ גוט, אָבער די כוואַליעס קאַלטע לופט, גאַט ווייסט זיי, פונוואַנען זיי קומען, האָבן זיך דאָ אַ ביסל צושפּילט אין דער ווייטקייט און ברייטקייט! פון קיין וואַלד ניִשט אויפגעהאַלטענע, פון קיין באַרג ניִשט באַצוימטע, לויפן זיי פראַנק און פריי, און יאָגן דיר אַריין אַ ציטער אין לייב. איך מוז זיך גוט איינוויקלען אין דעם ווייסן כאַלאַט, וואָס מען האָט מיר מיטגעגעבן. רעדן איז שווער. זאָל-זשע מיין בעל-דבר בלייבן דערווייל געגרעכט, ביז מיר וועלן קומען אין אַ וואַרעמער שטוב אַריין, וועל איך ווידער זיין גרייט צו פאַרטיידיקן מיין מיינונג: קאָלאָניזאַציע איז אַ האַרבער ענין, און דאָס רחמנות צום מענטש איז אַ זינד צום מענטשלעכן, צום בויערישן, שעפערישן אַאַז"וו.

איינטאָניק איז דער סטעפּ. איך האָב ליב די איינטאָניקייט אי אויפן ים, אי אויף דער יבשה. איר ווערט דעמאָלט קלוג אַזוי ווי דער גרעסטער פילאָזאָף; איר הערט אויף צו שווינדלען מיט זיך אַליין. איר הערט אויף צו ווידערשפּעניקן קעגן זיך אַליין, איר הערט אויף צו זוכן (ווייל איר ווייסט, אַז איר וועט גאָרניִשט געפינען, סיידן... שטענדיק דאָס אייגענע); אייער גוף איז איינגעהילט אין אַ כאַלאַט, און אייער גייסט אין אַ נעץ פון חלומות און בילדער, וואָס איר האָט אַליין זיך געמאַכט, — אָט אַזוי ווי דער אויסגעשפּרייטער הימל אָן אַ סוף, ווי דער סטעפּ, וואָס ווייסט גאָרניִשט און דערציילט גאָרניִשט.

זעלטן-זעלטן דערזעט איר כאַטעס. די ערד אין דאָ געווען

לאַנג פאַרלאָזט, — די גאַנצע יאָרן פון די מהומות. זי האָט אַממייסטן געהערט צו זייער רייכע פּריצים. און דאָס באַקומען וואַסער פון דער ערד אַרויס איז דאָ נישט אַזוי גרינג. מען מוז גראָבן טיף ביז צוואַנציק און נאָך מער מעטער. ווער איז אין דער צייט פון די איבערקערענישן צוגעטרעטן צו אַזאַ אַרבעט, ווי אַרויסבאַקומען וואַסער פון די טיפענישן? מען האָט דורכגעשטופּט די טעג, און מען האָט נישט געבויט אויף לאַנגע יאָרן. איצט ערשט ווערן די סטעפּעס באַזעצט.

נאָר לענג-אויס דאָרט אויפן האָריזאָנט שלענגלט זיך אַ ריי פונקטן, דאָס איז אַ דאָרף, וואָס ציט זיך אויף גאַנצע וויאָרסטן, לענג-אויס פון אַן אָרעם טייכעלע, וואָס קויקלט דורך אַ ביסל וואַסער.

און פון צייט צו צייט דערזעט איר פון ווייטן אַ קליין בערגעלע אַזוי ווי אַ פּיראַמידע גרויס. דאָס איז איינס פון די קורגאַנען, אָנגעשאָטענע בערגלעך ערד אויף די קברים פון אַמאָליקע קיניגן און כנענים פון דער געגנט. אַמאָל האָט דאָ געקיניגט אַ מענטש מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק, און האָט אויסגעשפּרייט זיין מאַכט איבער אַ שטיק פון סטעפּ, און אויף זיין קבר האָבן די וויגטן כסדר צוגעטראָגן שטויב און זאַמד... הויבט דעמאָלט דער סטעפּ אָן עפּעס צו רעדן, צו שטאַמלען: געווען, געווען דאָ אַ לעבן, מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק...

XXV

פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד איז אַ וואָ־פּעדיקער ענין, ביז גאָר וואָכעדיק, אָן שום שטימונג און אָן נשמהקייט. איך וויל שוין גאָרנישט פאַרגלייכן מיט דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, נאָר אַפילו די אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע אין די צייטן פון באַראָן הירש האָט געהאַט אַ סך מער אידעאַליסטישע פאַרב, ווי די פון רוסלאַנד.

די מעשה איז אַ פּשוטע: מענטשן ווילן עסן, ווילן זיך דערנערן, אַנטלויפן פון הונגער און אונטערגאַנג. מנחם־מענדלס צויבער־שטעקעלע, וואָס פלעגט אַמאָל באַווייזן דאָס וואונדער צו ציען חיונה פון דער לופט, האָט פאַרלוירן די צויבער־קראַפט. ס'איז טויט דאָס שטעקעלע. פון דער לופט קען מען היינט־צו־טאָג נישט לעבן, און יידן דאַרפן פּרנסה, ווילן לעבן (דאָס יידישע פאָלק איז, ווי באַקאַנט, זייער אַ גרויסער עקשן, אַן „איינגעשפּאַרט פאָלק”, און גאָר אַ באַזונדער גרויס עקשנות ווייזן יידן אַרויס אויף דעם פּונקט פון וועלן דווקא לעבן; אויפן ווייסנשאַפטלעכן לשון וועט דאָס הייסן, אַז זיי האָבן אין פאַרלויף פון לאַנגע דורות פאַרשידנאַרטיקער עקזיסטענץ באַקומען אַ צופּאַסונגס־כּוח, און דאָס איז טאַקע אויך די גאַראַנטיע, אַז אויב מען וועט מוזן, וועלן זיי זיך אויך צו ערד־אַרבעט קענען צופּאַסן. דאָס איז מיין ענטפער אַלע סקעפּטיקער, וואָס גלויבן נישט, אַז יידן זאָלן קענען ווערן ערד־אַרבעטער):

אַפילו די ערשטע יידישע עמיגראַציע קיין אַמעריקע, וואָס געהאַט אין זיך אידעאַליסטישע מאָמענטן (די „עם-עולם-ניקעס"), כאָטש אַלע ווייסן מיר, אַז די עמיגראַציע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך עקאָנאָמישע סיבות. מאַסן-באַוועגונגען, וואָס זייער שורש זאָל נישט זיין, מוזן האָבן אַ פאָן, און פענער רעדן אויף דעם לשון פון אידעאַליסטן. די מאַסע באַוועגט זיך כאַאָטיש, כאָטש זי ציט אינסטינקטיוו צו אַ געוויסן ציל. אונטער די קלאַנגען פון מוזיק מאַרשירט זי.

אָבער דער נאַציאָנאַלער פאַטאָס, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע ביי די עם-עולמניקעס, וואָס האָט די ערשטע אַרגענטינישע קאָלאָניסטן געגעבן מוט אויסצוהאַלטן און איבערצוטראָגן אומגעהויערע שוועריקייטן, אָט דער נאַציאָנאַלער פאַטאָס, וואָס האַלט אויף, טראָץ אַלע שטערונגען, די פאַלעסטינישע קאָלאָניזאַציע, איז אין רוסלאַנד נישטאָ.

נישטאָ אויף דער אויבערפלאַך, ווייל ער איז נישט כשר, נישט אויסגעהאַלטן מאַרקסיסטיש. און אין רוסלאַנד עקזיסטירט נאָר דאָס, וואָס איז אָנגעצייכנט פון אויבן. אַלץ איבעריקע קומט נישט אין באַטראַכט, ווייל עס האָט נישט קיין שום מעגלעכקייטן זיך צו באַווייזן און צו אַנטוויקלען.

עס זאָל נישט זיין, און עס איז נישטאָ: דיקטאַטור!

די פּראָזאַאישקייט פון דער ערד-באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט אפשר אַ מעלה אויך. מען צופלאַקערט זיך נישט, פאַרשפּאָרט מען זיך צו פאַרקילן; מען צוהיצט זיך נישט, פאַלט מען נישט אַריין אין קיין אַנטוישונג. שטימונג, פאַרשטייט זיך, איז אַ נישט-באַשטענדיקע זאַך, און ווער עס בויט דערויף, בויט אויף זאַמד.

פון דער צווייטער זייט טאָר מען אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די ערשטע יאָרן פון אַ קאָלאָניסט זענען געוויינלעך יאָרן פון גרויסע פלאָגענישן, יסורים אָן אַ שיעור און שטרויכלונגען אויף יעדן שריט און טריט. מען מוז טיילמאָל האָבן אַ נאַרקאָז, מען מוז „נעמען אַ שאַרפן טרונק בראָנפן", כדי צו האָבן כוח אויסצוהאַלטן. אַ ביסל שטימונג קען גראָד אַרויסהעלפן.

נאָך קאַלינינס באַרימטער רעדע האָט מען אים געמאַכט גרויסע אָוואַציעס, און די פּויערים-דעלעגאַטן האָבן אים גע־הויבן אין דער לופטן. איך האָב מיך דערנאָך פונאַנדערגערעדט מיט איינעם פון די דעלעגאַטן. אַ ייד מיט אַ שוואַרץ בערדל, אין די בעסטע יאָרן, מיט הענט גוט-געשניטענע און פאַרמירטע (נישט לאַנג זענען די הענט אין דער אַרבעט, אָבער שוין אַ היבש ביסל „פאַרפּויערט"). ער קומט פון אַ קאָלאָניע אין אָדע־סער געגנט. פופציק משפחות זענען זיי דאָרט, און אַלע איינ־געפונדעוועטע, דאָס מיינט מען, צרות איז נאָך פאַראַן גענוג, און אין וואוילטאָג לעבט מען נישט, אָבער מען האָט זיך באַ־זעצט (אחוץ דריי) אויף פעסט און אויף גוט. צוביסלעך הויבט מען שוין אפילו אָן אויסצוצאָלן די חובות. דערציילט מיר דער ייד, אַז בסך-הכל מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט אַ האָר געפעלט, אַז פון זייער גאַנצער אַרבעט זאָל גאָרנישט ווערן, און אַלע זענען גרייט געווען זיך צוצולויפן. איין צרה איז געקומען נאָך דער צווייטער, איין אומגערעטעניש נאָכן אַנדערן, און יעדער איינער האָט גענומען זיך גרייטן „אויף צוריק". ער און נאָך פיר אַנדערע פון קאָמיטעט האָבן דע־מאָלט געראַטעוועט די קאָלאָניע. און ער דערציילט מיר, ווי אַזוי ער האָט מיט די קאָלאָניסטן איינגערעדט: ס'איז אַ חרפה פאַרן כלל-ישראל, וואָס וועלן זאָגן די גויים? — אָט האָט מען זיי, די זשידעס, געגעבן ערד; אַרבעט, לעבט ווי מענטשן! ווילן זיי נישט. אויף אונז ליגט אַ גרויס אחריות — האָט ער מיר איבערגעזאָגט זיין דרשה — מיר האָבן אויף זיך גענומען צו באַווייזן, אַז מיר קענען לעבן פון אונזער כשרער פּראַצע, נישט שאַכערן מיט פרעמדער האָרעוואַניע. דעריבער מוזן מיר אויסהאַלטן. אויב מיר אַנטלויפן פונדאַנען, נעמען מיר אויף זיך אַ גרויסע זינד קעגן כלל-ישראל...

און דאָס האָט געהאָלפן. דאָס הייסט — עס האָט אַרויס־געהאָלפן איבער דער שווערער צייט. איצט באַדאַרף מען נישט קיין דרשות, קיינער וועט נישט אַנטלויפן פון זיין היים.

אָבער דער אייגענער ייד האָט גענוג פאַרשטאַנד (ער

האָט קלוגע, געריבענע יידישע אויגן) צו באַנעמען, אַז אַזאַ דרשה האָט געקאָנט אָפּראַטעווען די קאָלאָניע, אָבער אויף אַ צוזאַמענפּאָר טאָר מען דאָס נישט רעדן. אַן עפּנטלעכע רעדע אַזוינע – און ער קאָן מער אין קיין שום קאָמיטעט נישט געקליבן ווערן.

היינט שטעלט איך פאָר דעם יידס פרייד, ווען קאַלינין האָט אים געראָדט אַזוי צום האַרץ. און עס איז נישט געווען קיין געמאַכטע באַגייסטערונג, נאָר אַ טיפער זין איז געלעגן דערין, וואָס די פויערים־דעלעגאַטן האָבן קאַלינינען געהויבן אין דער לופטן. ער האָט זיי געטראָפן אין פּינטעלע.

* *
*

אינערלעך אַזוי ווי אויסערלעך איז די קאָלאָניזאַציע פּראָזאַאיש. פּאַרט נישט אַהין צו זוכן קיין שטימונג. עס איז איינטאָניק אַזוי ווי די שווערע טאָג־טעגלעכע האָרעוואַניע. אַן בערגער און טאָלן, אָן וועלדער און קוואַלן איז דער סטעפּ, אומעטום גלייך. און אַלע קאָלאָניעס זענען גלייך, און אַלע יידן זענען גלייך – סטאַטיסטישער מאַטעריאַל. איך בין געווען אויף עטלעכע צענדליג פּונקטן, און איך געדענק קיין איינעם נישט. אַלע האָבן געקאָנט הייסן איין נאָמען. נאָר וואָס אין מיין זכּרון זענען גרופּירט דריי טיפּן: וואַקלדיקע, ערשט־אָנגעהויבענע, האַלב־איינגעפונדעוועטע און איינגעפונדעוועטע. דאָס איז אַ פּראַגע (הויפּטזאַכלעך) פון יאָרן, ווי לאַנג די קאָלאָניע עקזיסטירט. (נאָר איין קליינעם פּונקט פון אַ 15 מענטשן האָב איך געטראָפן אין אָדעסער געגנט, וואו די קאָלאָניזאַציע האָט זיך נישט איינגעגעבן). דער נאַטירלעכער וועג איז פון איין טיפּ צום צווייטן. קומט מען צופאָרן און מען באַזעצט זיך אין אַ „זעמ־

ליאַנקע״, אַ הייל אויסגעגראָבן אין דער ערד, און מען פּלאָגט זיך דורך אַ זומער און אַן אָסיען. מען ווערט צעקיילט און צעביילט ביי יעדער קליינער אַרבעט, ביים איינשפּאַנען אַ פערד, ביים אַקערן, ביים אַריינשלאָגן אַ פּלאָקן אין דער ערד. די אינסטרוקטאָרן ווייזן, לערנען, אָבער ביז מען לערנט זיך אויס, ריכט מען זיך אויס דאָס ריכטיקע שוואַרץ-יאָר. וואוינט אַזוי, למשל, אַ יידענע אַן עקשנטע מיט אירע דערוואַקסענע בנים אין אַזאַ „זעמליאַנקע״. זי וועט אויסהאַלטן, זי מוז אויסהאַלטן, זאָגט זי. זי האָט נישט וואו צוריק. האָט איין בחור אירער (דער מאַן איז געפֿאַלן אין די פּאָגראָמען) צוויי אָפּגעהאַקטע פינגער, אַ צווייטער האָט אַ פאַרבונדענע באַק, און דאָס קליינוואַרג קרענקט צו ביסלעך. צו דעם אַלעם איז מען געוואוינט. אָבער די שטוב איז נאָך נישט פאַרטיק, נאָך נישט אויפגעבויט, און דער אָסיען איז דאָ. אַ קאַלטער שניידיקער ווינט בלאָזט. אין דער „זעמליאַנקע״ איז חושך און ברודיק, שטרוי אָנגעוואָרפן, בעבעכעס וואַלגערן זיך, און די בילדער פון לענין און טראָצקי, וואָס זענען אויפגעהאָנגען אינעווייניק (איך האָב מורא, אַז די נאַאיווע יידענע האַלט די בילדער פאַר אַ סגולה צו פּרנסה און אויף אַרויסגעהאָלפן צו ווערן פון איר ביטערער לאַגע), רייסט דער קאַלטער צפון-מזרח ווינט אָן שום רעספּעקט פאַר די פירער פון דער וועלט-רעוואָלוציע. שטיי איך אַזוי ביי דער כאַטע און טראַכט: דאָ ווערט פאָרט פאַרפלאַנצט אַ היים. אַ שאָד נאָר, וואָס מען איז נישט געווען אַזוי קלוג צו גראָבן די „זעמליאַנקע״ מיט דעם אַרויסגאַנג צו דרום-זייט צו. גראָד האָט מען געטראָפן צומאַכן די טיר (קיין פענסטער זענען נישטאָ) צו צפון-זייט צו, אַז די קאַלטע ווינטן זאָלן טאַקע האָבן דעם פרייען וועג אַהער. אַ פויער וואָלט דאָס נישט געטאָן. נישט די יידישע קאָלאָניסטן און נישט זייערע אינסטרוקטאָרן קאָנען אַלץ באַרעכענען פאָראויס, און ווער האָט זיך אַמאָל געקימערט צו וויסן, פונוואַנען עס בלאָזן די ווינטן, די קאַלטע, צי די וואַרעמע.

עס וואָלט מיר אויך נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, ווען

נישט וואָס איך בין געווען אין אַרגענטינע, און געזען די „ראנטשעס", וואָס די „גאוטשעס" פלעכטן זיך דאָרט צוזאַמען. זענען נאָר דריי וועגט דאָ, איינע איז שטענדיק אָפן — די זייט, פונוואַנען עס בלאָזן נישט קיין קאַלטע ווינטן. איז ווען איך האָב מיך פאַראינטערעסירט, האָב איך אַנטדעקט, אַז מען לייגט דאָ קיין שום אַכט נישט ביים בויען די „זעמליאַנקעס" אויף די זייטן פון דער ערד.

אָט אַזוי זעט אויס דאָס בילד פון דער קאָלאָניע, וואָס בויט זיך ערשט. זי האָט נאָך קיין נאָמען נישט. מיט אַ נומער ווערט זי באַצייכנט: „פּונקט נומ. 15". שטייען עטלעכע הייזלעך, אײַנגאַנצן פּאַרטיק, און דאָרטן וועט מען שוין קאָנען איבער־ווינטערן. די מערסטע אָבער האָבן בלויז די ווענט, דער דאַך איז נישטאָ, און קיין פענסטער זענען נישט אַרייַנגעשטעלט. אָבער דער ייד האָט זיך שוין אַרייַנגעצויגן. די פּאָדלאָגע איז אַן ברעטער, און די מאַמע־ערד אין איר ליימעדיקייט קוקט אַרויס, זענען אָנגעוואָרפן ערגעץ אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ ביסל מעל, און אויף ברעטער, מיט שטרוי באַוואָרפן, שפּילט זיך גאַנץ געמיטלעך דאָס קליינוואַרג, קינדער פון 2 און 3 יאָר.

דער עיקר איז — דער אויוון. דער ייד לייגט אַוועק אַלע זיינע טאַלענטן, זיין גאַנצע ענערגיע, פּאַרטיק צו מאַכן דעם אויוון. איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט איינהייצן אַן אויוון און אַנוואַרעמען אַזאַ האַלב־פּאַרטיקע שטוב, וואו אָנשטאָט שויבן פאַרשטאָפּן שמאַטעס די לעכער, ווען די בלאָע הענטלעך און פיסלעך פון די קינדער באַקומען ראָזעווע קאָלירן. איז אָבער דאָס קיין קליינינקייט נישט — מיט דעם אויוון. אומעטום צרות. ער רויכערט, דער אויוון, און טיילמאָל קומט איר אַריין אין אַזאַ שטוב, רייסט אייך דער רויך די אויגן, און איר זעט קוים, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. שטייען יידן, די שכנים פון קאָלאָניסט, און רעדן אַרום דעם ענין פון אויוון, פאַרוואָס ער רויכערט, און מען זאָגט אַרויס טיפזיניקע בקיאות אין ענין פון אויוון. עס איז אַ יידישלעכער ענין.

אָבער בעסער, פיל בעסער און באַקוועמער אייגנעאָרדנט

איז די שטאַל, וואו די בהמה שטייט. דאָ האָט שוין זיער אָרגאַנאָם אַלץ געוויזן, ווי אַזוי עס דאַרף זיין. ווייל אויב דער אויוון איז די ערשטע זאַך פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון לעבן, איז אָבער די בהמה דער יסוד פון דעם לעבן. די בהמה מיט איר מילך האַלט אויף דאָס לעבן. און איר, דער בהמה, געהער די ערשטע זאָרג. עס איז דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער ווירטשאַפט.

צעוואָרפענע הייזלעך אויף אַ שטח, מענטשן, קינדער, אַ בהמה, אַן אַקער-אייזן פאַר אַ טיר, און אַרום דער ברייטער סטעפּ — אָט אַזוי זעט זי אויס די קאָלאָניע, אין איר ערשטן גילגול.

די האַלב-איינגעפונדעוועטע און די איינגעזעסענע האָבן שוין גאָר אַן אַנדער פּנים. אַ ריטם פון לעבן הויבט זיך שוין אָן צו פילן, אַ נאָרמאַלער, און אַ לעבנס-שטייגער הויבט זיך שוין אָן צו שפּירן, און מען ברענגט שוין אַראָפּ — — — אַפילו אַ חזן אויף ימים-נוראים.

XXVI

אַן אַלטע און אַ נייע קאָלאָניע.

אין קריוואָראָגער און כערסאָנער ראַיאָנען געפינען זיך די נייע יידישע קאָלאָניעס אין שכנות פון די אַלטע קאָלאָניעס, וואָס עקזיסטירן שוין לאַנג-לאַנג, פון די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. אזוי-אַרום ווערט מעגלעך, עס זאָל זיך אויסבילדן אַ גרעסערער שטח ערד, באַזעצט פון יידן. אַזוינע „מאַסיוון" (איינער פון זיי קאָן זיך באַרימען אַפילו מיט אַ לענג פון איבער 40 קילאָמעטער, כאָטש די דאָזיקע „לענג" איז זייער אַ געבראָכענע און ערטערווייז — זייער שמאָל) זענען פאַראַן שוין איצט צוויי. דער פאַרקער צווישן די נייע און אַלטע איז היינט-צו-טאָג גאָר אַ קליינער. מען איז ווייט נישט היימיש צווישן זיך און מען פילט זיך נישט איינס. די „אַסימילאַציע" פון די אַלטע און נייע האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן. ס'איז אַן אַנדער טיפּ מענטשן.

וואָס באַדאַרפט איר מער? אפילו די אוקראַינישע פויערטע אַ פאַרמעגלעכע און אַ גוטמוטיקע, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג אָפּצורוען, מאַכט אייך אַ חילוק צווישן „אונזערע יידן" און „נישט-אונזערע יידן". „אונזערע יידן" — דאָס זענען די אַלטע קאָלאָניסטן, וואָס מיט זיי האָט מען זיך איינגעלעבט שוין עטלעכע דורות; „נישט-אונזערע יידן" — דאָס זענען די נייע, די אָנגעקומענע, ווער ווייסט פונוואַנען, און

זוער ווייסט, וואָס זיי ווילן. די גויע איז געווען אַ פּאַרמעגלעכע (אויפן סאָוויעטישן לשון — פון קלאַס „קולאַק"), אָבער קיין שנאה צו די נייע האָב איך אַפילו ביי איר נישט געמערקט. זי איז געווען צו גוטמוטיק, צו שמייכלדיק און זאַט און צופרידן אויף צו האַסן. דאָס איז געווען גיכער אַ געפיל פון אומצוטרוי און אומרו. וואָס קריכן זיי אַהער? און וואָס ווילן זיי? עפּעס משונהדיקע ציַיטן זענען געקומען. זינט דער מלחמה איז בכלל נישט צו דערקענען די מענטשן. יידן קומען גאָר אַהער פאַרנעמען די פעלדער...

דערפאַר אָבער מיט „אונזערע יידן" שטייט די זאַך גאָר אַנדערש. עס זענען פאַראַן באַציאונגען און אַ לעבעדיקער פאַרקער. די יק"א האָט צעטיילט אין די אַלטע קאָלאָניעס (וואָס זענען פון די פּאָגראָמען און די הונגער-יאָרן כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן) וויין-שטעקעלעך אויף צו פלאַנצן וויין-גערטנער, און זי האָט אַראָפּגעבראַכט די בעסטע מינים אַזוינע, וואָס קענען זיך אָננעמען אין דעם קלימאַט, האָט דערפון גענאָסן אויך אונזער פויערטע, און זי האָט איצט אויסגעהאָדעוועט אַ וויינגאָרטן, הלוואי אויף אַלע יידישע קאָלאָניסטן געזאָגט.

פון די יידישע קאָלאָניסטן האָט זי זיך אייַנגעהאַנדלט די טייַערע, איןַ רוסלאַנד נישט פאַראַנענע, פלאַנצונגען, און אַזוי ווי דאָס פלאַנצן אַ וויינגאָרטן פאָדערט אַ סך פיזישע אַרבעט און אויפפּאַסונג אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר, טאָגטעגלעכע אַרבעט אָן-אויפהערלעכע, אַזוי וויביים אויפהאָדעווען אַ קינד, פאַרשטייט זיך, אַז די פויערטע פון אור-אַלטע צייטן האָט געהאַט נאָך מער הצלחה, ווי די יידישע קאָלאָניסטן אַליין.

דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז ביי די יידן האָבן זיך די וויינגערטנער נישט אייַנגעגעבן. פאַרקערט, די זאַך איז געקרוינט מיט דערפאָלג. פאַראַן איצט זייער אַ גוטע וויין-קולטור, און די זאַך אַנטוויקלט זיך זייער שיין. די צרה איז נאָר, וואָס שוין איצט הויבט אָן צו ווערן אַקטועל די פראַגע וועגן אַ אַ מ אַ ר ק פאַר די ווייַנען. דער אַרומיקער אָפּזאַץ-מאַרק איז

שטאַרק באַגרענעצט, און ווען איר וועט אין רוסלאַנד אויסרע־ בענען אויף אַ ווייטערן טראַנספּאָרט, וועלן די גלענצנדיקע חשבונות זיך ענדיקן מיט אַ דעפיציט און מיט אַנטוישונג. דאָס איז אַ צרה, וואָס מען וועט אַזוי שנעל דערפון נישט אַרויסקריכן. מען האָט מיר דערציילט וועגן אַ גרויסאַרטיקן חשבון, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין „קאַטאָור״, מיט אַ גע־ נויער קאַלקולאַציע וועגן טראַנספּאָרטירן די ווייַנטרויבן קיין מאָסקווע, און עס איז פאָרגעשטאַנען ממש גליקן, האָט מען געמאַכט א פּרוּאוו מיט פיר וואַגאָנעס, אָבער זיי זענען אַזוי לאַנג געווען אין וועג, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע אַ ביסל צוגעפוילט, און איר קענט אייך שוין אַליין משער זיין, וואָס דער סוף פון די גליקן איז געווען.

מוז מען טרייבן די ווייַנען אינדערהיים, אָדער אַרומזעען זיך וועגן קונים אין דער אומגעגנט.

דאָס זענען ספּעציפישע רוסישע זאָרגן. דער אויסטויש פון סחורות איז אַ שווערער, האַמעטנער און (פאַרשטייט זיך) ביוראָקראַטישער. דערצו נאָך איז דער עולם אָרעם, מען קען ווייניק פאַרברויכן. די ווייַן-קולטור קען דעריבער איצט באַ־ טראַכט ווערן נאָר ווי אַ צוגאָב צו דער געוויינלעכער ווירט־ שאַפט פון תבואות. קיין יסוד פון פרנסה קען עס נישט זיין. אַלע פּראָיעקטן, וואָס זענען אויסגערעכנט אויף אינטענסיווע ווירטשאַפטן, זענען דעריבער ווייניק רעאַל, ווייל זיי וועלן זיך באַגעגענען מיט די שוועריקייטן פון אָפּזאַץ ; עס וועלן זיין ווערטפולע פּראָדוקטן, אָבער עס וועט נישט זיין, וואו זיי אַהינצוטאָן.

* *
*

אין דעם דאָרף „איזראַעלוואוקאַ”, פון די עלטסטע יידישע קאָלאָניעס, וואָס עקזיסטירט שוין 104 יאָר, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אונזער אויטאָמאָביל אַ גרופּע קאָלאָניסטן, יידן באַבערד־טע און געגאָלטע (ס׳איז נישט קיין פראַגע פון פרומקייט, נאָר אַ פראַגע פון געלט, פון אַן איבריקער הוצאה אויף צו גאָלן די באָרד), עטלעכע קאָלאָניסטקעס, אַ ביסל יונגוואַרג, מערסטנס זייער נייגיריקע מיידלעך, און רעדן מיט אונז זייער גלייכגילטיק. זיי מאַכן אַ מינע, אַז ס׳גייט זיי גאָרנישט אָן. קיין שום מיוחסים זענען מיר נישט, כאָטש זיי זענען זיכער, אַז מיר זענען פון „קאָנטאָר”, ד. ה. מענטשן אָפיציעלע, וואָס פאָרען זיך אַרום דער קאָלאָניזאַציע.

ווייל אויב אַן אויטאָמאָביל מיט אייראָפּעאיש־געקליידטע מענטשן פאַרפאָרט קיין „איזראַעלוואוקע”, איז מען דאָרט זיכער, אַז דאָס איז געקומען די יק״א.

— וואָס הערט זיך עפּעס? — וואַרפט מען אַזוי אַ פראַגע אין רעדל אַריין.

איינער ציט אַ פּאַפּיראָס, אַ צווייטער קוועטשט מיט אַ פּלייצע, אַ דריטער לאָזט אַרויס עפּעס אַ קלאַנג פון די ליפּן — פּע!

— וואָס איז? — פרעג איך שטיל דעם באַלייטער אויפן אויער — פונוואַנען דער ברוגז?

זיי ווייסן, דערקלערט ער מיר, אַז קיין שטיצע קריגן זיי איצט מער נישט. שוין מער ווי אַ יאָר נישט. איז וואָס? וואָסערע שיינע מחותנים זענען מיר?.. עס איז מיר געפעלן די פּויערשע, טרוקן־רעאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע.

פאַרשפּרייטן מיר זיך צווישן רעדל, און יעדער פון אונז פּאַמיט זיך אויסצוזוכן אַ מער־ריידעוודיק באַשעפעניש.

— געווען דאָ פּאָגראָמען?

— אַ שיינע שאלה. מער ווי העלפט אויסגעהרגעט.

— ווער איז ביי אייך געוועןן?

— ווער ס'איז געוועןן? אַלע! — און עס גייט אַ צעטל:—

זעלאָני, מאַכנאָ, דעניקין... איינער האָט געשאָכטן, דער צווייטער האָט גערויבעוועט, דער דריטער האָט געברענט...

— און דער הונגער איז ביי אייך געוועןן?

— אַ שיינע שאלה. געשטאָרבן אין די שטובן, אינדרויסן, מתים האָבן זיך געוואַלגערט.

דאָס אַלץ ווערט דערציילט אין אַ האַלב-איראָנישן טאָן, אַזוי ווי מען ענטפערט עפּעס אַ „יאָלד", וואָס פרעגט נאַרישע פראַגן. מישטיינס-געזאָגט, וואָס דאָ איז דאָ צו פרעגן, וואָס איז דאָס—אַ נייעס? אַוודאי האָט מען געשאָכטן און געקוילעט און געברענט און מען איז געשטאָרבן פון הונגער. ווי דען?

מיר ווערן געוואויר ביני-לביני, אַז דאָס דאַרף איז שוין איינגאַנצן זיך צעלאָפן. ערשט די לעצטע פיר יאָר האָט מען אָנגעהויבן איינציקווייז צוריקצוקומען צו די נחלות. אויך איצט איז פאַראַן קוים אַ העלפט פון דער פאַרמלחמהדיקער באַפעל-קערונג.

— און ווי לעבט זיך ביי אייך?

— ע, צרות...

— אָבער לעבן קאָן מען?

— הערסטו? לעבן? אַ ברירה האָט מען!

ס'איז נישט פיל אַרויסצובאַקומען פון די לייט. זיי זענען אָנגעשטויסן. מען האָט זיי צוגעהאָלפן זיך אויפבויען. מען האָט זיי געפלאַנצט ווייַנגאָרטנער, באַזאָרגט צו ביסלעך מיט בהמות. איצט האָט זיך אַלץ געענדיקט, אַראָפּ פון קעסט, קינדערלעך.

און איינער אַ רויט יידל, אַ בייזס און אַ פלינקס, נעמט זיך אָן מוט און גייט אַרויס מיטן לשון און וואַרפט שטאַרק צו נערוועאיש מיט די הענט:

— הלמאי האָט איר אונז געגעבן פריער? אַז איר האָט דאָס אַלץ געשטעלט אויפן „סטשאָט" (אויף רעכנונג) און מיר מוזן נאָך איצט אויסצאָלן?

טענות האָט ער.

און דער באַלייטער באַרואיקט מיך:

— נעמט אייך נישט צום האַרץ. דאָס גאַנצע רעדל, וואָס איר זעט דאָ, דאָס זענען נישט די ריכטיקע קאָלאָניסטן. די סאָלידע זענען איצט אויף די פעלדער, אַלע פאַרנומען. די, וואָס דערלויבן זיך איצט, אין די בעסטע אַרבעט-שעהן, צו שטיין דאָ און אונז אָנצוקוקן, זענען נישט פיל ווערט. די קאָ-לאָניע שטייט איצט נישט שלעכט. זי ווערט אויפגעבויט.

— און אוקראַיִנישע שכנים האָט איר דאָ?

— אָ-האָ! (דער פּירוש פון דעם „אָ-האָ" איז, אַז דאָ, דערלעבן איז אַ גרויס אוקראַיִניש דאָרף פון עטלעכע הונדערט פאַמיליעס).

— און ווי לעבט איר צווישן זיך? בשלום?

אַ קוועטש מיט די פּלייצעס. און דער פּירוש דערפון איז (דאָס מוז איך אַלץ געוואויר ווערן פון נאָכאַמאָל און נאָכ-אַמאָל פרעגן), אַז גאָרנישט. מיר גייען נישט אַהין, זיי קומען נישט אַהער.

— און ווי האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין די צייטן פון די פּאָגראָמען?

— אָהאָ! (דאָס מיינט מען: זיי האָבן געהאָלפן ראַבעווען).

פאַר דער מלחמה האָבן דאָ געהערשט גוט-שכנהשע באַ-ציאונגען, און איצט שטעלן זיי זיך ווידער צו-ביסלעך איין.

כאָטש דאָס דאָרף איז פון דער נייער צייט ווייניק באַ-דירט. די קאָאָפּעראַטיוון ווייניק אַנטוויקלט. קאָמוניסטן זענען נישטאָ, נאָר בסך.הכל אַ קעמערל פון 5 קאָמסאָמאָלצעס (קאָמו-ניסטישע יוגנט).

אָט אַזוי האָט „איזראַעלוואָוקא”, די 104 יאָר אַלטע ייִדישע קאָלאָניע, אונז אויפגענומען ברוגזלעך. פאַר דאָס אָבער האָבן מיר געטראָפן אַן אמתן יום-טוב און אַ זייער פריינטלעכע אויפנאַמע אין „נאָוואַיאַ זאַריאַ” און „נאָווי פוט”, צוויי פון די נייע ייִדישע קאָלאָניעס.

אין „נאָוואַיאַ זאַריאַ” זענען מיר אַריינגעפאָרן, האָבן מיר געטראָפן פאַרן דאָרף רויטע פענער און פאָרטרעטן פון די קאָמוניסטישע אָנפירער. דאָס דאָרף האָט באַקומען אַ דאָרף-ראַט, און האָט געפייערט זיין גרינדונג. דאָס דאָרף איז זייער שיין אויסגעבויט, די „דזשאָינט”-הייזער זענען אָוועקגעשטעלט ברייט און שיין, און מאַכן אויסערלעך דעם בעסטן איינדרוק. אָבער נאָך איז דאָ, פונקט אַזוי ווי אין דערבייאיקן „נאָווי פוט”, די ווירטשאַפט נישט איינגעפונדעוועט, עס פעלן איבערהויפּט בהמות, די קאָלאָניסטן, פאַרשטייט זיך, זענען שטאַרק באַלאַסטעט מיט חובות. מען קלאָגט זיך שטאַרק (אַ קאָלאָניסט קלאָגט זיך שטענדיק און, געוויינלעך, האָט ער זיך אויף וואָס צו קלאָגן).

דאָ האָט מען זיך מיט אונז שטאַרק צורעדט, און ברייטלעך און ייִדישלעך. אויף איין פראַגע—צען ענטפערס מיט אַמאָל. און מיר זענען געווען ליבע געסט.

דער לעצטער איינדרוק מיינער: דאָס דאָרף איז אַ פאַקט, אָוועקגעשטעלט, און עס וועט עקזיסטירן.

כאָטש מען האַלט אין איין קראָגן און וויינען: מען דאַרף צו געבן כאָטש נאָך אויף אַ האַלבע קו, אַנדערש איז נישט מעגלעך. מען הונגערט, טענהט דער עולם, נישטאָ קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה. און ברויט וועט נישט קלעקן ביז צום שניט...

מן-הסתם, באַדאַרפן זיי, די ייִדן.

אָבער פונדעסטוועגן האָט מען ביינאַכט געמאַכט אַ ביבע, און עס זענען געווען גרויסע לאַכמעס ברויט אויפן טיש, און הערינג עטלעכע טוץ, און די קאָרקעס פון די פלעשלעך שנאַפּס („ריקאָווקעס" רופט מען זיי, אויף דעם נאָמען פון ראַט-פאָרזיצער פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן ריקאָוו) זענען געפלויגן אין דער לופט מיט אַ קנאַק, און דער עולם איז געוואָרן בגילופינ-דיק און פריילעך, און מען האָט אונז אַרומגענומען און זיך צוקושט מיט אונז.

אַ קאָלאָניסטישע שמחה האָבן מיר מיטגעמאַכט. די יידישע ערד-איינאָרדנונג איז אַזאַ האַרבער, שווערער ענין, און זי באַ-דאַרף אַ ביסעלע שמחה. אוי, ווי זי באַדאַרף!

כאָטש אַ קליין-קליינע טייל פון דער פאַלעסטינער שטי-מונג, פון דער דאָרטיקער פרייד!

שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר אַרויס פון דער קאָלאָ-ניסטישער שטוב. דער סטעפּ איז געווען אָנגעפילט מיט פינס-טערניש, דורכגענומען מיט שווייגן. נאָר שטערן האָבן שוואַך געפינקלט. דאָס יונגוואַרג, יונגען און מיידן, וואָס האָבן שוין איינגעזאַפּט אין זייערע פנימער און אין זייערע נערוון דעם סטעפּ מיט זיין פרישקייט, האָבן אונז באַלייט און געפירט צו אונזער נאַכט-קוואַרטיר.

אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט האָט זיך באַוועגט די געדיכטע מאַסע פון זייערע סילועטן, און זיי האָבן געזונגען ברייט און סטעפּיש אַ רוסיש געזאַנג:

„סטאַראַניס, סטאַראַניס!
מי נאָוואָזאַרעווצי אידיאָם..."

(טרעט אָפּ דעם וועג, מיר די נאָוואָזאַרעווער גייען!)

און דאָס געזאַנג איז געווען זייער הילכיק און קרעפטיק, אָבער ווייניק איבערצייגנדיק.

צום ערשטן האָב איך נישט געוואוסט, ווער עס זאָל דאָס אָפּטרעטן דעם וועג, און וואָס איז דער יחוס פון דער ערשט-

געבוירענער „נאָוואָיאַ זאַריאַ", און פאַרוואָס (בכלל) זינגט מען רוסיש, נישט יידיש.

פאַראַן אַ סך אַנדערע יידישע דערפער מיט שיין־קלינגענ־דיקע יידישע נעמען, ווי, למשל, ניי־היים, ווייס־ברונען, מענ־דעלע־דאָרף, פריי־לאַנד, ראַטן־דאָרף... וואָס איז דער יחוס. אַז מען הייסט „נאָוואַיאַ זאַריאַ", און ווער אייגנטלעך איז דאָס מחויב אָפּצוטרעטן דעם וועג? —

XXVII

כ ע ר ס אָ ן.

קיין כערסאָן זענען מיר אַריינגעקומען צוגלייך מיטן האַרבסטיקן טאָג, די נעפּלען זענען נאָך געשטאַנען, אָבער די זון האָט זיי שוין געהאַט דורכגענומען. שטאַרק מיד זענען מיר געווען פון דער נאַכט שלעפן זיך אין אַ וואַגאָן דריטער קלאַס, ווייל אַ צווייטער קלאַס איז פאַראַן נאָר אויף די הויפּט-ליניעס, נישט דאָ אויפן וועג פון קריוואָי-ראָג ביז כערסאָן. ווי נאָר מען רוקט זיך אָפּ פון אַ צענטער אין רוסלאַנד, מאַכט מען אַ שפּרונג פון אַ מער אָדער ווייניקער איינגעאָרדנט ציוויליזירט לעבן צו אַן אומבאַקאַנטן, נישט דערגרונטעוועטן קעניגרייך פון האַלבער ווילדקייט און פאַרלאָזנקייט. לאַנג, לאַנג זענען די צוגן, און עס ווימלט אין זיי פון אַן עולם אַ גראָען, אַ פּויערישן. מען זעט נישט דעם סאָוויעטישן באַאַמטן, מען זעט נישט קיין נעפּמאַן, און אַן אויסלענדער איז נישטאָ אויף אַ רפואה. פינסטער איז אין די וואַגאָנען, זיי ווערן באַלויכטן מיט חלבנע ליכט, נאָר אַזוי ווי ס'איז איצט „רעזשים-עקאָנאָמיע", צאַנקט אַזאַ איין ליכטל איבער אַ האַלבן וואַגאָן. און קוים-קוים וואָס מען זעט אַ שיין. דער גראָער עולם ליגט אויסגעצויגן אויף די בענק, שנאָרכט, שלאָפט געשמאַק, ווי אַ פּאַסאַזשיר פון אַ סליפּינג, נאָר עטלעכע פאַרדעכטיקע טיפּן זענען וואַך, דרייען זיך אַהין און צוריק. זיי מאַכן דעם איינדרוק פון אַ שייקע

באַן-גנבים, אַ פּראָפעסיע, וואָס איז אין רוסלאַנד זייער און זייער פאַרשפּרייט, און גאָר באַזונדער אויף אַזוינע אָפּגעלאָזע-נע וועגן. מען מוז האַלטן וואַך. אָפּגערעדט ביי אונז: צוויי שלאָפן, איינער וואַכט.

מיר קויפן דאָ אין וואַגאָן אַ ליכט, כּדי צו לינדערן די מרה-שחורה און די אומהיימלעכקייט פון אונזער נסיעה. מיר באַצאָלן דערפאַר אַ גוטן פּרייז (טאָקע געקויפט ביי איינעם פון די פאַרדעכטיקע), אָבער ווי נאָר מיר פּרוּאוון עס אָנצו-צונדן, באַווייזט זיך דער קאָנדוקטאָר און הייסט אונז אויסלעשן.

„ניעלזיאַ״ — מען טאָר נישט.

— פאַרוואָס?

— ווייל מ'טאָר נישט. פאַרבאָטן.

— ס'איז דאָך אָבער פינסטער. מיר ווילן עפּעס לייענען.

— „ניעלזיאַ״.

ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס מיר האָבן אים אַריינגערוקט אַ רובל אין יד אַריין. אמת, אין אָנהויב האָט ער זיך געבייזערט, אָנגעשטעלט אַ שטרענגע מינע, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט, צי קיינער זעט נישט, דערנאָך האָט ער אונז אַליין באַטראַכט און אונזער באַגאַזש, צי מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטן, באַאַמטע, וואָס מען דאַרף פאַר זיי מורא האָבן, זיי זאָלן נישט אויסגעבן. דערוויסנדיק זיך, אַז מיר פאָרן פון ווייט ווייט, אַזש פון ניו-יאָרק, האָט ער דעם פאַפּירענעם רובל אויפגעלייגט אין די הענט, באַטראַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ— „מאַלאָוואַטאָ״—ווייניק הייסט עס. האָבן מיר דערלאַנגט נאָך אַ רובל, און עס איז געוואָרן גוט.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ נאַכט אין וואַגאָן, קוועטשנ-דיק די האַרטע בענק, באַלויערט פון גנבים, און די נאַטירלעכע פרייד, וואָס ס'ברענגט מיט זיך דער אויפגייענדיקער טאָג, צו-זאַמען מיט דעם געפיל פון דערלייכטערונג, וואָס מיר זענען אָנגעקומען בשלום צו אונזער ציל, האָבן אונז אַרומגענומען.

אָבער אויף דער סטאַציע האָבן מיר געמוזט לאַנג וואַרטן. קיין איינציקער „איזוואָשטשיק״ וואַרט נישט אָפּ ביי דער באַן.

דער גראָער עולם, וואָס פֿאָרט מיט די באַנען, באַנוצט נישט קיין „איזוואָשטשיק". פֿאַראַן עטלעכע פֿירלעך אין בערסאָן, שלאָפֿן זיי אָבער אַלע איצט, די „איזוואָשטשיקעס", און מען דאַרף שיקן אײנעם וועקן. ווענדן מיר זיך צו אײנעם פֿון די באַן-לײַט, טוט ער אונדז די טובה און שיקט רופֿן אַ שליח, וואָס זאָל גײן וועקן דעם „איזוואָשטשיק". און דאָ קלעבן זיך די אויגן פֿאַר שלאָף, און דער מידער גוף וויל זיך אויסשטרעקן. אָך, די פֿאַרשאָלטענע „בורזשואַזע געוווינהייטן" צו שלאָפֿן אין אַ ווייך בעט און אויסצורוען! וואָלט נישט גלײַכער געווען, ווען כ'וואָלט זיי געלאָזט אויף יענער זײַט גרענעץ...

אָבער אַ סאַמאָוואַר שטייט און זידט אויפֿן בופֿעט, און בלויז בײַ זײַן אָנבליק ווערט די מידקייט און די אומגעדולד קלענער, און די פֿרוי בײַם בופֿעט פֿאָרעט זיך בײַ אירס אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר נײַן, צוגרייטנדיק זי צו גײן אין שולע אַרײַן. די וועלט איז אַ וועלט אויך דאָ, אָן „איזוואָשטשיקעס", און די מאַמעס זענען צערטלעך מיט זייער קינדער אינדערפֿרי, ווען זיי לאָזן זיי אַרויס פֿון אונטער זייער מאַמישן שוץ, און שיקן זיי אַוועק אויף אַ האַלבן טאָג.

טרינקען מיר טיי, און די מאַמע קלאָגט זיך פֿאַר אונדז אויף דער אוקראַיִניזאַציע, וואָס זי הויבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין, צוליב וואָס מען טוט דאָס. איר מיידעלע האָט נאָר צרות מיט דעם נייעם לשון, וואָס מען דאַרף דערויף צו ברעכן די צונג. פֿאַרוואָס לערנט מען נישט רוסיש? ווער רעדט דאָ אוקראַיִניש? און צו וואָס באַדאַרף מען עס? דאָס מיידעלע איז טאַקע בלאַס אויפֿן פּנים. די מאַמע דערציילט אונדז, אַז ס'קינד האָט געוויינט נעכטן פֿאַרן שלאָף, ווייל ס'קען נישט די לעקציע.

איך ווייס נישט, ווי אין אַנדערע שטעט, נאָר דאָ אין דער געגנט, וואָס האָט אַמאָל זיך גערופֿן מיטן נאָמען נײַ-רוסלאַנד (נאָוואָראָסיסקי קראַי), איז די אוקראַיִניזאַציע זייער נישט פּאָפּולער, און דער עולם קוקט דערויף, ווי אויף אַ „גזרה" פֿון אויבן. אין די שטעט זענען קיין אוקראַיִנער נישטאָ, אויף יעדנ-פֿאַל זייער ווייניק, און אויף די דערפֿער איז אַ געמיש פֿון

אַלערליי פעלקער און שטאַמען. דייטשן, בולגאַרן, גריכן, גרויס-רוסן, אוקראַינער און יידן. דאָס איינפירן אוקראַיניש אין אַזעלכע שטעט, ווי אָדעס און כערסאָן, איז פון קיין שום אַנדערן שטאַנד-פונקט נישט באַרעכטיקט, סיידן נאָר פון דעם איין-איינציקן, וואָס מען רעכנט זיך מיט דעם אויפגעבלאָזענעם שאָוויניזם פון די אוקראַינער און מען וויל איבערקאָנקורירן די פעטלוראָווצעס. נאַדיר! ווילסט נאַציאָנאַליזם, ווילסט אוקראַיניזאַציע—נעם, וויפל דו ווילסט. דער אמתער ברייטער רוסישער זשעסט.

די יידישיזאַציע איז דאָ אויך ווייניק פאָפולער. אפשר דעריבער, וואָס זי איז נישט קיין זעלבשטענדיקע באַוועגונג, אויסגעוואקסן פון די באַדערפענישן פון פאָלק און געטראָגן פון די אידעאַלן פון אַן אינטעליגענץ, נאָר זי איז אַ נאָכ-שלעפעניש און אַ צוטשעפעניש צו דער אוקראַיניזאַציע. אוק-ראַינישע שולן ווילן יידן נישט, רוסישע לאָזט מען נישט. מאַכט מען יידישע. אין קריוואָי-ראָג טוט זיך חושך מיט דער אָרטיקער יידישער גימנאַזיע, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פאַר דער מלחמה און מען האָט דאָרט געלערנט (פאַרשטייט זיך) רוסיש, און איצט פירט מען עס ווידער אויף יידיש. דער עולם איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן, אַז יידיש איז די לעבעדיקע שפּראַך פון לעבעדיקן יידישן פאָלק, און דעריבער דאַרפן די יידישע שולן געפירט צו ווערן אויף דער שפּראַך (דאָס איז דאָך יידישיזם, טרייף, קליינבירגערלעך), און דער עולם זעט אין דער יידישי-זאַציע נישט מער ווי אַ קאָמוניסטישן דרוק, אַ פּאָליטיק, און—פּראָטעסטירט. זענען געפלויגן פּאַפירן קיין כאַרקאָוו, און דע-לעגאַציעס זענען געפאָרן, אָפּצווענדן די „גזרה".

אָט איז עס, וואָס שיידט אָפּ אוקראַינע פון ווייס-רוסלאַנד. דאָרט אין ווייס-רוסלאַנד איז די שול-אַרבעט און די גאַנצע קולטור-באַוועגונג אַ געזונטע און נאַטירלעכע. ביי די מאַסן לעבן די אַלטע טראַדיציעס פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, און די אינטעליגענץ איז אַ פּאָלקסטימלעכע. דאָ זענען די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען שוואַכער געווען, און די אינטעליגענץ איז פון דעם טיפּ „כלל-טוער", בעצם אַליין אַסימילירט.

האָב איך, למשל, געקאָנט ביייוואוינען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון „נעזערד“, ווען איינער פון די רעדנער האָט גערעדט יידיש (מען האָט גערעדט רוסיש און יידיש), האָט זיך אויפגעהויבן אַ חברטע און האָט הויך פּראָטעסטירט, אויף רוסיש פאַרשטייט זיך, פאַרוואָס מען רעדט אויף „זשאַרגאָן“, וואָס נישט אַלע פאַרשטייען. און דאָס פּרעזידיום האָט דיזאָזיקע פאַרשווינטע נישט גערופן צו אָרדנונג.

ערשט ווען מען פאָרט דאָ, אין דרום־רוסלאַנד, זעט מען, ווי גרויס דער חורבן איז געווען און ווי פּאַמעלעך־פּאַמעלעך עס גייט צו דאָס צוריק־אויפשטעלן. דער ערשטער אַרייַנפאָר אין שטאָט אַרייַן (מיר האָבן זיך סוף־כל־סוף דערוואַרט אויף אַן „איזוואָשטשיק“), — און עס קוקן אונז אָן פון ביידע זייטן חורבות מיט פינסטערע לעכער אָנשטאָט פענסטער, הויפנס אָנגעוואָרפענע ציגל, עלנד־אַרויסקוקנדיקע קוימענס: ס'איז דאָס בילד פון נאָך אַ מהומה און וועלט־שחיטה. פון די הייזער זענען געבליבן סקעלעטן, אָדער אויך דאָס נישט, און נאָר אַן איבערגעבליבענער ביין — דער טייוול האָט אים נישט גענומען — איז געבליבן. אָט איז דער סקעלעט פון אַ געוועזענער פאַבריק, אָט זענען די צעוואָרפענע ביינער פון אומגעהויערע סקלאַדעס, פון מענטשלעך־באַוואוינטע הייזער. די שטעט פון דער געגנט האָבן אויסגעטרונקען און אויסגעליידיקט דעם כוס פון פּירעניות ביז צום דנאָ. דאָ האָבן אַלע געבושעוועט, אַלץ האָט דאָ צעשטערט, געברענט, באָמבאַרדירט, די רעוואָלוציע, און נאָך מער — די קאָנטער־רעוואָלוציע. פון דעם מיליטער פון דער קאָאַליציע האָבן דאָ „געמאַכט אָרדנונג“ קעגן די באָלשעוויקעס —

די אַריסטאָקראַטן פון אלטערטום, די גריכן. האָבן זיי דאָס דאָ געבאַלעבאָטעוועט! און ווען זיי זענען אַוועק, האָבן זיי צוזאַ־מענגערופן עטלעכע הונדערט מענטשן פון שטאָט, פאַרמאַכט זיי אין אַ הילצערנע געביידע, אַליין האָבן זיי זיך געזעצט אויף די שיפן, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט אויפן דניעפּר, און אַז די שיפן האָבן זיך אָפּגערוקט פון ברעג, האָבן זיי גענומען באָמבאַרדירן די געביידע מיט די עטלעכע הונדערט מענטשן. אָט די אַריסטאָקראַטן פון מזרח, די גריכן, האָבן אַרויסגעוויזן אַן אַכזריות, וואָס אַפילו אין דער לעצטער וועלט־שחיטה איז שווער צו געפינען איר'ס גלייכן...

דערנאָך, אַז די באָלשעוויקעס זענען אַריין אין שטאָט, האָט מען אויסגעזוכט אַלע גריכן -- ציווילע און אומשולדיקע איינוואוינער פון שטאָט — און זיי אַוועקגעלייגט. די אומגע־הויערקייטן האָבן דאָ דערגרייכט זייער העכסטע שטופע. דער גרעסטער טייל פון דער בליענדיקער שטאָט מיט איר באַרימטן פּאַרק ליגט נאָך איצט אין חורבות.

דער „איזוואָשטשיק”, וואָס פירט אונז, אַ הויכער שמאָל־פּנימדיקער רוס מיט אַ קליין שפּיציק בערדל, אַ טיפּ פון אַ סעקטאַנט, וויסנדיק (דער שליח האָט אים דערציילט), אַז מיר זענען אויסלענדער, ווייזט אונז אָן אויף די חורבות און פרעגט אונז מיט איראָניע:

– וואָס? קוקן אויף אונז זענט איר געקומען? האָ?

און אַזויפיל פאַרביסנקייט און סאַרקאַזם איז געלעגן אין זיינע ווערטער...

* * *

אין כערסאָן איז נאָר דער צענטער שטאָט געבליבן פאַר-העלטנסמעסיק לייטיש איינגעאָרדנט. אַזוי, למשל, איז דער גאַנצער דריטער „אוטשאַסטאָק" (באַצירק) מיטן נאָמען „נאַבאַל-קעס" חרוב, און ער עקזיסטירט מער נישט. 18 יידישע משפחות געפינען זיך איצט אין האַלב-חרובע הייזלעך. אַמאָל האָבן דאָ געלעבט 400 יידישע פאַמיליעס. די שטאָט האָט אַמאָל געהאַט אַ באַפעלקערונג פון זעקס און דרייסיק טויזנט מענטשן, איצט איז די צאָל פון דער באַפעלקערונג פון 13 ביז 14 טויזנט נפשות.

אין דערדאָזיקער זאַטער געגנט, וואו אַ קעלבל קאָנט איר נאָך היינט קויפן פאַר 5 רובל, און פונוואַנען עס זענען געגאַנגען די שיפן אָנגעלאָדן מיט ווייץ און קאָרן, וואו מיליאָ-נען עופות זענען פאַרלאָדעוועט געוואָרן צו שפייזן מענטשן אין די ווייטע און נאָענטע מדינות—האָט דער הונגער געריסן נאָך מער קרבנות, ווי אומעטום. שרעקלעכע, די שרעקלעכסטע זאַכן זענען דאָ געשען אין די הונגער-יאָרן, זאַכן, וואָס וועלן בלייבן קלעבן אַזוי ווי שאַנד-פלעקן נישט נאָר אויף רוסלאַנד, נאָר אויף דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, און זיי שרייען און וואָרענען: צו וואָס דער מענטש קאָן אַלץ דערפירט ווערן! אין די צייטן פון הונגער איז דאָ די מענטשן-פרעסעריי געווען פאַרשפרייט. מען האָט מיר אָנגעוויזן דאָס אָרט, וואו מען האָט געקאָכט קליינע קינדער אין טעפּ און זיי געגעסן. איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען אין מיר: נאָר ווען מען האָט מיר געוויזן דאָס אָרט, האָב איך אינסטינקטיוו פאַרשטעלט מיט מיין האַנט דאָס פנים.

איצט זעט די כערסאָנער באַפעלקערונג אויס געזונט, פול בלוטיק. קיין חידוש נישט: דאָס זענען איבערגעבליבענע, דורכגעלייטערטע, די שטאַרקסטע און געזונטסטע, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן אי הונגער, אי טויט-שרעק, אי טיפוס, דיזענטעריע

און אַנדערע מגפות. דאָס עסנוואַרג איז איצט ביליק דאָ, און ביים פּאָרט קוואָקען ווידער מחנות הינער און גענז, וואָס ווערן געפירט קיין אָדעס און קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אָבער די שפע און דער וואוילשטאַנד פון שטאָט, דער עקספּאָרט פון תבואות, איז אָפּגעשטאָרבן, און די שטאָט פירט אַן עלנדע עקזיסטענץ.

אויך די יידישקייט איז אָפּגעשטאָרבן. געווען אַמאָל דאָ 24 שולן, 6 תלמוד-תורות, 2 ישיבות, איצט פּוסטעווען די מיינסטע. אַפילו איבער דעם אַלטן בית-הקברות, וואָס ציילט שוין 180 יאָר, איז דער שטורם אַריבער און האָט אים אָפּ-געמעקט פון דער אויבערפלאַך.

אַן אַלטער ייד, וואָס דערציילט מיר דאָס אַלץ און וואָס באַדויערט די טויטע, זעט אויס, נאָך מער ווי די לעבעדיקע, קלאָגט זיך:

— איר ווייסט דען, וועמען מיר האָבן דאָ געהאַט ליגן אויף דעם בית-הקברות. וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר! ר׳ הלל פּאָריצאָווערס קבר איז דאָ געווען, און ר׳ בעריש׳לס, און ר׳ אַבאַלעס.

און ער רעכנט מיר אויס דעם יחוס פון דעם ר׳ אַבאַלע: פון ווילנער גאונס משפחה איז ער געווען.

ער האָט איבערגעלעבט, דער אַלטער ייד, עטלעכע פּאָג-ראָמען, און ער האָט געשפּילט מיטן לעבן נישט איינמאָל, און האָט געהונגערט און געטיפוסט, און געזען מענטשלעכן לע-בעדיקן צער און פּיין אָן גלייכן, און די מענטשן-פרעסערייּ איז פאָרגעקומען דאָ פאַר זיין נאָז. און דאָס אַלץ איז אַ גאָר-נישט ביי אים אַנטקעגן דעם, וואָס דאָס אַלטע בית-הקברות איז אָפּגעווישט געוואָרן.

ר׳ הלל פּאָריצאָווער, ר׳ בעריש׳ל און ר׳ אַבאַלע...

גיי טרעף, וואָסער חיה דער מענטש איז און ווי אַזוי זיין פּסיכישער אַפּאַראַט איז אַוועקגעשטעלט!

XXVIII

אַ ד ע ס.

אָדעס, די לעב־שטאָט, די זינדיקע, וואָס אַרום איר (אַזוי פלעגן פרומע יידן זאָגן) ברענט דאָס פייער פון גיהנום; וואו דער יצר־הרע האָט געהאַלטן אויסגעלייגט זיינע נעצן, און האָט זיך אַליין געקענט זיצן רואיק, אָדער באָדן זיך אין ים, ווייל די מענטשן האָבן זיך שוין אַליין פאַרפלאָנטערט אָן זיין הילף; אָדעס, די שטאָט פון זון און ווין און שיינע פרויען — איך האָב זי נישט געקענט פאַר דער מלחמה, ווען זי האָט געבליט אין איר גאָט־לעסטערדיקן גלאַנץ. געזעען האָב איך זי איצט צום ערשטן מאָל, און זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק — אַזוי ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט. אַזאַ רחבות־דיקייט, אַזוינע ברייטע גאַסן, אַזוי פיל בוימער (געבליבן נאָך אַ סך, כאָטש פיל האָט מען אויסגעהאַקט אויף צו הייצן), און אַזוי פיל ליכטיקייט אין די גאַסן. אַ הערלעכער אויסגעפּוצטער חתונה־זאַל, נאָר די מחותנים זענען נישטאָ.

ווייל אויף די ברייטע, מאָדערן און גראָד־ליניק אויסגע־לייגטע גאַסן שפּאַצירט אַן עולם, אַזאַ אומבאַשטימטער, אַזאַ איך ווייס־נישט־ווער־דאָס־איזיקער. נישט ער פּאַסט צו די גאַסן, נישט די גאַסן צו אים. עס איז נישט דער פּראָלעטאַריאַט, דער „באַלעבאָס פון לאַנד". זיין צאָל איז קליין אין אָדעס, און זיין וואוינאָרט איז נישט אין צענטער פון שטאָט. עס איז

נישט דער סאָוויעטישער עולם, די באַמטע, די אָנגעשטעלטע, וואָס זיי זענען טיפּיש פאַר מאָסקווע: אָדעסיטן זענען דאָס טונקל-אויגיקע, לאַנג-נאָזיקע, אָפּגעבּרענטע פון דער זון, און די פרויען זענען שרעקלעך געפּודערט און געפאַרבט.

מען פּודערט זיך און מען פאַרבט זיך אין רוסלאַנד, אַזוי ווי אין אַלע מדינות אויף דער וועלט, נאָר וואָס די היימישע, אין רוסלאַנד פאַבריצירטע, שיינהייט-אַרטיקלען זענען זייער שלעכטע, און די פרויען קלאָגן זיך זייער שטאַרק אויף זיי, און אויסלענדישע אַרטיקלען איז מיט גאָלד אָפּצוּוועגן. איז טאַקע אַ גרויס רחמנות אויף ח״הס טעכטער אין אָדעס, וואָס זייער פון דער נאַטור-אויס הויט און ליפּן-פאַרב מוז נעבעך באַדעקט ווערן מיט פּודער און פאַרב פון ערגסטן סאָרט.

אין פאַריז, פאַרזיכער איך אייך, וואָלט געקענט אויסברעכן אַ רעוואָלוציע צוליב אַזאַ געפערלעכן צושטאַנד, ווען די פרויען וואָלטן געווען געצוואונגען צו באַנוצן אַזוינע סקאַנדאַליעזע קאָסמעטיק-אַרטיקלען. זיי וואָלטן רעוואָלטירט, און די מענער וואָלטן געמוזט גיין אויף די באַריקאַדן. אין רוסלאַנד נעמט מען פאַר ליב. אָבער קלאָגן קלאָגט מען זיך. אָדעס איז אויף יעדן פאַל אַ שטאָט, וואו די נישט-צופרידנקייט פילט זיך זייער שטאַרק.

די גאַסן רופט מען מיט די אַלטע נעמען: נישט ליבקנעכט-גאַס (ווי זי הייסט איצט), נאָר „גרעטשעסקאַיאַ"—אַזוי ווי אַמאָל; נישט לאַסאַל, נישט קאַרל מאַרקס, נישט לענין, נישט טראָצקי-גאַס, נאָר יעקאַטערינינסקאַיאַ, רישעליעווסקאַיאַ, פּרעאָבראַזשענסקאַיאַ, און דער פּריוואַט-האַנדל איז דאָ שטאַרקער ווי ערגעץ-אַנדערש, און אַ יידישע אָפּערעטקע פון גאָר דעם אַלטן שניט (דער אינהאַלט ווערט געמאַכט סאָוויעטיש, כּדי צופרידן-צושטעלן די צענזור) שפּילט דאָ פאַר דעם מאָלדאַוואַנקער עולם, כאָטש די מאָלדאַוואַנקע אַליין איז שוין נישט וואָס אַמאָל, די הערשאַפט פון דער אונטערוועלט, פון גנבים, רויבער און פרוי־ען-הענדלער, איז צובראָכן געוואָרן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, און די הערשאַפט קען מער נישט צוריקגעשטעלט

ווערן. היינט צו־טאָג איז די מאָלדאַוואַנקע אַ פאָרשטאָט מיט אָרעמע הייזער, געקאַלעכטע רינשטאָקן, און פּאָליציייאישער (פאַרהעלטנישמעסיקער) ריינקייט. און אַז איך האָב אויפגעזוכט דעם קלוב פון די קוסטאַרן (די האַנטווערקער), האָב איך אים געפונען אויף דער מאָלדאַוואַנקע, און דער קלוב האָט געמאַכט זייער אַ קלאָגעדיקן איינדרוק: אָרעם, חושכדיק און אָפּגעלאָזט.

בשום אופן נישט צו פאַרגלייכן מיט אַן אַרבעטער־קלוב, וואָס געפינט זיך געווייגלעך אויף אַ הויפּט־גאַס אין אַ רייכן לאָקאַל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע, און האָט אָן אַ שיעור צימערן און שיריים פון אַמאָליקן לוקסוס. פאָרט דער „באַלעבאָס פון לאַנד". נעמט ער פאַר זיך פון שענסטן און בעסטן, און דעם בעל־מלאכה איז גענוג, אַז מען פאַררוקט אים ערגעץ. ווי לאַנג איז דען, אַז מען האָט אים בכלל געפּשרט!

די פאָרט־טרעגער האָבן אַ גאַנצן פּאַלאַץ, אַ הערלעכן געצוימען זאַל אויף פאָרשטעלונגען, וואָס קען אַוודאי ארייננעמען ביז טויזנט מענטשן; די מעשה איז נאָר, וואָס דאָס רחבות קען נישט ווערן אײַנגאַנצן אויסגענוצט. דער פאָרט איז טויט, און פונוואַנען די אַלע פאָרט־טרעגער לעבן, — איז אַ פראַגע.

דער אָדעסער פאָרט איז געווען אַמאָל איינער פון די באַלעבאַטסטע אין דער וועלט. אויפן אינערלעכן און אויפן אויסערלעכן רייד פלעגן די שווימענדיקע ריזן ליגן, לאָדעווען, אויסלאָדעווען, פייפן, קומען און גייען, און מאַטראָסן פון אַלע מדינות און ראַסעס האָבן דאָ געהוליעט און פאַרשיכורט דאָס געהאַלט, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען פאַר עטלעכע חדשים שווערער האָרעוואַניע אויף די ימים. און דער שמוגל איז דאָ געפירט געוואָרן גאָר אויפן ברייטן מאָסשטאַב; אונטערגעקויפטע רוסישע פּאָליציי־לייט און צאָל־באַאַמטע האָבן מיטגעלעבט. די אונטערוועלט האָט געפירט דאָס רעדל, און טראַנספּאָרטן פון „לעבעדיקער סחורה" זענען געשיקט געוואָרן קיין קאָנסטאַנטי-

באַפּאַל, און פון דאָרט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנ־צער וועלט. מיט איין וואָרט: דאָס איז געווען אַן אמת בור־שואַזער פּאָרט, אַ צעהוּליעטער, און אַלע פאַרדאָרבנקייטן פון דער איצטיקער געזעלשאַפט האָבן דאָ געבליט, — און עס איז געווען אַ „לעבן".

מאָראַליש, צי אוממאָראַליש — אַדעס פלעגט זיך וויי־ניקער פאַר אַלץ קימערן פאַר מאָראַל — אָבער דער פּאָרט איז געווען פול לעבן, ריהרעוודיקייט.

דער פּאָרט איז איצט טויט, ווי אַלע טויטע. איך האָב מיך אומגעקוקט, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך געפין זיך ערגעץ אין אַ געגנט פון אַנומעלטדיקן אַלטן לעבן, צווישן רעשטלעך פון אַמאָליקע קולטורן. קיין לעבעדיקער מענטש. די וואַך ביים אַריינגאַנג קוקט אונז אָן, פרעגט, ווער מיר זענען, און לאָזט אונז אַריין. די וואַסערן ליגן, שפּיגלען זיך ווייט און ברייט אין ליכט פון האַרבסטיקן טאָג, מען שטערט נישט זייער רו. איין איטאַליענישע שיף, וואָס האָט שוין אויפגעלאָדעוועט תבואה, שטייט האַרט ביים ברעג, און גאָר פון אויבן שרייט איינער אַראָפּ צו אונז אויף אַ געבראָכן רוסיש: „טאָוואַרישטש". זאָל דאָס זיין אַ פאַשיסט, וואָס מאַכט חוזק פון אונז? און זיין שטים ווערט פאַרלוירן אין דער ווייטער ליידיקייט. מיר, צוויי, און די מענטשן אויבן אויפן דעק פון שיף, די וואַך — און מער קיינער נישט.

זעלטן זענען דאָ די שיפן.

מיט אַ צייט צוריק פלעגט יעדע וואָך אָפּגייען אַ שיף קיין ארץ־ישראל. אויך פון רוסלאַנד, אַזוי ווי פון פוילן, איז געווען אַן „עליה". אין דער צייט, ווען אין תּל־אָביב האָט גע־בליט דער מסחר פון בויען הייזער, האָט מען זיך געריסן פון די ערטער, און די ראַטן־מאַכט האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע שוועריקייטן. און אויך אין רוסלאַנד, אַזוי ווי אין פוילן, האָבן צום ערשטן אָנגעהויבן אָנקומען שלעכטע גרוסן, דערנאָך זענען געקומען צוריק־וואַנדערער, און די באַוועגונג איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן.

איצט גייט נאָר איין מאָל אין צוויי וואָכן אַ שיף קיין ארץ-ישראל. יידישע עמיגראַנטן זענען דאָ זייער ווייניק, די פּאַסאַזשירן זענען רוסישע פּילגרימען, וואָס פאָרן צו די הייליקע ערטער און צו קריסטוסעס קבר. אַזוינע צייטן זענען איצט אין רוסלאַנד, אַז רעליגיעזע פּילגרימען שטערט קיינער נישט, און מען גרייט נאָך צו פאַר זיי באַקוועמלעכקייטן אויף די שיפן, און אין פּאָרט קענען זיי זיך אויפהאַלטן עטלעכע טעג, ביז דאָס שיף גייט אָפּ.

איך האָב געגעסן מיטאָג בײַ אַ יידישן רעסטאָראַטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ שם ביי אַלע רייכע סוחרים, וואָס האָבן באַזוכט אָדעס. אַ ייד אַ ציכטיקער, מיט אַ שוואַרץ קיילעכיק קאַפּל אויפן קאָפּ און מיט אַ פיין פּאַרקעמטער באָרד. די מאכלים זענען נאָך געבליבן וואָס אַמאָל: אַ געווירצטע יידישע קיך מיט אַלע פיינקייטן, פעט און געפעפערט. אָבער קיין באַזוכער זענען נישטאָ. דער עולם איז אָרעם. ער דייזט, זאָגט ער מיר, קוים אַ צענטל, וואָס אַמאָל, און דער פינאַנץ-אינספעקטאָר מאַכט אים דעם טויט. מען רייסט פון אים שטייערן.

— שלעכט, הייסט עס?

— שייך צו זאָגן, שלעכט. ס'איז געווען נאָך ערגער. מיטן לעבן איז מען דאָך זיכער.

ער האָט אויך געהאַט בדעה זיך איינצופּאַקן און פאָרן קיין ארץ-ישראל, ער האָט זיך שוין געהאַט געקליבן אין וועג אַריין. עס פלעגט ביי אים זיין אַ שטיקל ציוניסטישער צוזאַמענקום. אַלע „עולים", וואָס פלעגן אָפּפאָרן פונדאַנען מיטן שיף, פאַרברענגענדיק עטלעכע טעג אין אָדעס, האָבן דאָ ביי אים געגעסן מיטאָגן. און עס איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ אייטערע שטימונג, מען האָט געטרונקען ווײַן און נישט געקאַרגט קיין קאָפּיקע, און שטילערהייט אונטערגעזונגען די „התקוה".

דערציילט ער מיר, דער ייד: איך האָב זיי געזעען אַהין פאָרן און איך האָב זיי געזעען צוריקקומען. צוריקוועגס זענען זיי אויך אַהער געקומען, אָבער זעלטן-ווער האָט זיך פאַרגינען

צו עסן אַ גאַנצן מיטאָג. דערשלאָגן זענען זיי געווען און פאַר־צווייפלט... איז ער שוין געבליבן. אפשר וועט ער נאָך פאָרן...

די ציוניסטישע שטימונגען זענען אין אָדעס בכלל זייער שטאַרק. זענענדיק אויף אַ פאַרזאַמלונג פון „געזערד", אַזוי צו זאָגן, אין מיטן געדיכטן פון דער קאָמוניסטישער אַטמאָספערע, האָט זיך צו מיר צוגערוקט איין יונגערמאַן, און אַ צווייטער, און אַ דריטער. שטיל זענען זיי געקומען, און די פּנימער זייערע זענען בלאַס, און שטיל רעדן זיי. „אָדון נאָמבערג..." רעדט צו מיר איינער העברעאיש, און בעט מיך, איך זאָל לייענען זיינע העברעאישע לידער; אַ צווייטער רעדט צו מיר יידיש: „הער נאָמבערג", אָבער דאָס וואָרט „הער" איז דאָ פול מיט באַטייט. דערמיט איז אַלץ געזאָגט. איך בין נישט קיין חבר, און איך האָב מיט די חברים גאָרנישט צו טאָן.

שטיל־שטיל רוימט ער מיר איין: זיי פירן אייך, זיי ווייזן אייך. גלויבט זיי נישט... אַלץ שקר וכזב.

און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אים אַ פרעג צו טאָן, וואָס און ווער ער איז און וואָס איז שקר וכזב, איז ער פאַר־שוואונדן. משמעות, ער האָט דערזעען, אַז מען באַמערקט, ווי ער רעדט מיט מיר.

*

*

אָדעס איז אויך שטאַרק אַרונטערגעקומען. אפילו אינמיטן שטאָט קענט איר נאָך טרעפן חורבות פון גרויסע הייזער, און אין די ווייטסטע גאַסן, אין די פאָרשטעט, פוסטעווען נאָך אין אַ מוראדיקער וויסטקייט און פאַרלאָזנקייט גאַנצע געגנטן. דער „טאָלטשאָק", דער צענטער פון קליינהאַנדל אַמאָל, עקזיסטירט אינגאַנצן נישט מער. קיינער ווייסט נישט צוליב וואָס און פאַר

וועלכע זינד און צו וועלכן צוועק מען האָט אים אַראָפּגענומען. איצט וועט די שטאָט מוזן, פריער צי שפּעטער, אויפבויען עפּעס ענלעכס. „אַזוי זיך" איז עס געשעען. איינס פון די משוגעתן פון דער רעוואָלוציע. די מאַטראָסן האָבן געגעבן דעם לאָזונג. מען מוז פאַרניכטן נישט נאָר די „בורזשואַזיע", נאָר די שפּורן אירע אויסמעקן, ס׳זאָל קיין אָנדענק נישט בלייבן פון איר. איז מען געגאַנגען מיט העק און מיט זעגן און מען האָט צוטראָגן דעם „טאָלטשאָק", און קיין ברעט אויף קיין ברעט נישט געלאָזן. אויסגעגלייכט מיט דער ערד. ס׳איז געווען זומער-צייט, און אַפילו דאָס געהילץ האָט קיינער נישט גענוצט אויף צו ברענען אין אויוון.

פאַר דער מלחמה האָט אָדעס געציילט אַ האַלבן מיליאָן נפשות, אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן זיך אין אָדעס געפינען ביז 700,000 מענטשן. איצט לעבן אין אָדעס נישט מער ווי 300,000 מענטשן, און דער גרעסטער טייל פון זיי איז אַן עולם, וואָס זוכט פּרנסה.

אָבער די שטאָט האָט אַלץ נאָך אַ גאַנץ און אַ רחבות-דיקייט, און די גאַסן זענען ברייט, און די טראָטואַרן זענען גוט געפּלאַסטערט. און די הונדערטער און טויזנטער פאַרוואָרלאָזטע קינדער, וואָס זייער צאָל איז דאָ גרעסער, ווי אומעטום, האָבן דאָ אַ גוט לעבן. די אָסיענדיקע זון וואַרעמט נאָך גענוג. קענט איר זען אינמיטן גאַס אויף אַ טראָטואַר אויסגעזעצט אַ פינף-זעקס שטיק פון זיי אין אַ ראָד און שפּילן גאַנץ געשמאַק מיט שמוציקע (אַזוי ווי זייערע לייבער) קאָרטן און קימערן זיך פון קיין זאַך אויף דער וועלט נישט.

דער עולם, וואָס שפּאַצירט, מיידט זיי אויס און גייט אַרום.

און שפּאַצירנדיקע איז יענעם אָוונט גראָד געווען אַ סך. מאָרגן איז געווען דער זיבעטער אָקטאָבער, דער יום-טוב פון דער רעוואָלוציע, מאָרגן אַרבעט מען נישט.

נאָר אין די קלובן, אין די קעמערלעך, אין אַלע איני-

סטיטוציעס זענען אַלע העגט פול מיט אַרבעט. מען גרייט צו דעם מאָרגנדיקן פּאַראַד.

אין קיוב פון די פּאַרט-טרעגער האָב איך בייגעוואוינט אַ רעפּעטיציע פון אַ פאַרשטעלונג, וואָס זאָל פאָרקומען אויף מאָרגן פאַרנאַכט. און איך מוז זאָגן, אַז גראָד דאָ, מער ווי אין די „קאַזיאָנע" קונסט-אַנשטאַלטן, האָט מען געקענט באַמערקן סימנים פון אַ נייעם פּאַלקסטימלעכן נוסח, זייער פּרימיטיוו, פאַרשטייט זיך, אָרעם אין אינהאַלט און פאָרם, אָבער עכט, געלעבט און געפילט און אויסגעדריקט. ווי מען קען. געווען אַ נומער וועגן די „פּאַרוואָרלאָזטע קינדער", אַ סאַטירע אויף דער וואוינונגס-נויט. מיט איין וואָרט—עפּעס וואָס שפּראָצט פון אַ באָדן אַרויס.

מיין באַגלייטער, וואָס האָט זיך מיט מיר באַפריינדט, האָט מיך אויך געמוזט אָוונט-צייט פאַרלאָזן, ער האָט געמוזט לויפן אין דער אינסטיטוציע, וואו ער אַרבעט, כדי צוצוגרייטן דעם מאָרגנדיקן יום-טוב. יעדע אינסטיטוציע, אויסער דעם, וואָס זי באַטייליקט זיך אין אַלגעמיינעם פּאַראַד, האָט נאָך אַליין צו מאַכן ביי זיך אַ פייערונג.

אויף דעמאָנסטראַציעס, אויף פייערונגען ווערט געלייגט זייער פיל אַכט, און זייער פיל ענערגיע ווערט אַוועקגעגעבן.

כאָטש געזאָגט דאַרף צו ווערן, אַז די לעצטע צייט האָבן די פייערונגען פאַרלוירן זייער צוצי-קראַפט. דער עולם האָט מער קיין קאָפּ נישט פאַר פּאַראַדן.

אויף דער יום-טוב פון זיבעטן אָקטאָבער איז אַריבער, אין אָדעס אויף יעדן פאַל, זייער קאַלט.

אַלץ איז געווען איינגעאָרדנט, אַ מאַרש, מיליטער, פענער, מוזיק, אָבער וויפל איך האָב נישט געזוכט סימנים פון אַ שטימונג, פון געהויבנקייט — האָב איך גאָרנישט געפונען.

אָבער לגמרי גאָרנישט.

דער פּאַרטיער פון מיין האָטעל, וואָס האָט לכתחילה

אַזוי שטרענג קאָנטראָלירט מיין פּאַס, אַז איך האָב געמיינט, גאָט ווייסט וואָסער קאָמוניסט ער איז, אַז איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז געווען אויפן פּאַראַד, האָט ער מיר געענטפערט מיט ניין.

ער האָט געהאַט יאָרצייט און איז געגאַנגען זוכן אַ מנין

XXIX

נאָך וועגן יידישקייט.

איך האָב נישט איינמאָל געטראַכט, פאָרנדיק איבער די שטעט, דערפער און יידישע קאָלאָניעס אין דרום-רוסלאַנד, אַז סוף-כל-סוף זענען מחלוקת, אַרומרייסעניש און אַמביציעס פון יידישע גבאים זייער אַ ווואילע זאַך. זיי עקזיסטירן דאָך אויף דער וועלט, איז דאָס די בעסטע ראיה, אַז מען דאַרף זיי האָבן, — איך וואָלט געזאָגט: מען קאָן אָן זיי נישט אויסקומען. דאָס יידישקייט וואָלט אונטערגעגאַנגען.

איך מיין נישט קיין שפּאַס. איבער מחלוקת איז ביתר, אַ יידישע פעסטונג, חרוב געוואָרן. און אויף מחלוקת האַלט זיך דאָס יידישקייט נישט אין איין שטאָט.

אָט בין איך געווען פרייטיק-צונאַכטס אין כערסאָן. איך גיי אין איין שול אריין, עס איז פול געפּאַקט, נישט מעגלעך זיך אַריינצושטופּן, און אַ חזן אַ טענאָר דריידלט, עגבערט אַ זיכולו, קריכט, קריכט מיט די טענער העכער און העכער, אַז ס'הארץ הויבט אַזש אָן צו קלאַפּן, עס זאָל זיך ביי אים נישט איבעררייסן — אָט, אָט! נאָר ער דרייט זיך אַרויס בשלום, דער חזן, און דער עולם סמאַקעוועט. אי-אי!

אַריינקומען איז אוממעגלעך. אין פּאָליש, ביים אַריינגאַנג, איז פול מיט מענטשן, און זייער פיל יונגוואַרג, כערסאָנער יידישע בחורים, ברייט-פּלייציקע, אָפּגעברענטע פון דער זון,

שטאַרקע, ריזיקע יונגען. אַלע זענען זיי היינט געקומען בעטן צו גאָט און אויפנעמען די קעניגין שבת.

גיי איך אין אַ צווייטער שול, טאַקע דאָ דערלעבן. ערשט דאָרט איז גאָר אוממעגלעך אַפילו צו דערשטופּן זיך ביז צום אַריינגאַנג. דאָרט דונערט אַ באַריטאָן אַ חזן, און גייט נידריקער און נידריקער, אַז ס'איז אַ מורא, די תפילה זאָל נישט דער־שטיקט ווערן אין זיין האַלדז, און אויך ער אַרבעט זיך דורך בשלום, און דער עולם קוועלט. אוי־אוי־אוי... איז דאָס אַ חזן!..

און אַז איך פרעג מיך אויס ביי אונדזער באַלייטער, צי איז כּערסאָן טאַקע אַזאַ גאָטספאָרכטיקע שטאָט, וואָס די שולן זענען דאָ פרייטיק־צונאַכטס געפּאַקט, און עס קומען אַלט און יונג, — דערציילט ער מיר, אַז ס'איז פּונקט פאַרקערט, עס איז שווער צוזאַמענצוקלאַפּן אַ מנין אַ פרייטיק־צונאַכטס. די שולן האָבן געפּוסטעוועט. ס'איז געווען אַ חרפּה. האָט זיך אַ גבאי מיישב געווען און אויסגעשריבן אַ חזן, כּדי צוציען דעם עולם. איז דערפון געוואויר געוואָרן דער גבאי פון דער דערלעבנ־דיקער שול, האָט ער זיך צוגעאיילט, אַליין געפאָרן ברענגען אויך אַ חזן, כּדי צו פאַרקאָנקורירן די ערשטע שול. איז אַרויס אַ מחלוקת. וואָס טייטש? איז דען נישט בעסער געווען, צום ערשטן זאָל אָפּדאַווענען איין חזן און דערנאָך זאָל מען אויס־שרייבן דעם צווייטן? אַזוי האָבן געטענהט די ישרנים, די וואָס ווילן נישט קיין מחלוקת. די גבאים זענען אָבער אַריין אין אַמביציע, און עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. דאַווענען ביידע, און ביידע שולן זענען געפּאַקט, און יעדער חזן האָט זיך זיינע חסידים, און אַ גרויסער עולם איז פאַראַן, וואָס שטייט אינמיטן, האָט זיך נאָך נישט דעצידירט, גייט ער דאָ און גייט דאָרט, האָרכט, זאָגט מבינות, און דערווייל זענען ביידע גאָטס־הייזער פול געפּאַקט, און עס איז הייס־פאַרנע, און די ליכט ברענען היימלעך, און צום הימל שטייגן־אויף די טענער פון טענאָר, וואָס רייסן זיך אין דער הויך, און די טענער פון באַריטאָן, וואָס נידריקן אַראָפּ. אַלטע צייטן האָבן אויפגעלעבט, די ווענט פון די שולן, וואָס זענען שוין יאָרן

צוגעוואוינט צו פּוסטקייט און רעליגיעזער גלייכגילטיקייט, האָבן זיך צערוקט פאַר גרויס איבעררעשונג. דאָס דאַוונען האָט אויפגעלעבט, און די שולן האָבן אויפגעלעבט. דער תּוה פון מחלוקת...

און אין אַ קאָלאָניע בין איך געווען אין אָדעסער געגנט, וואו די קאָלאָניסטן האָבן זיך עטלעכע יאָר אָפּגעמאַטערט און מאַטערן זיך נאָך איצט. דער ישוב איז איצט באַפעסטיקט, דער עלעמענט איז אַ פאַרבלייבנדיקער, איינגעפונדעוועטער. אָבער שווער און האַרט איז נאָך דאָס לעבן, — דאָס לעבן פון אָרעמע פויערים. די קינדער גייען באָרוועס און צובלוטיקן זיך די פיס, און גוט איז, וואָס מען לעבט. דאָס לעצטע גערעטעניש האָט אַריינגעבראַכט תּבואה, וואָס וועט קלעקן ביז צום נייעם שניט. איז אויך דאָ די יידישקייט שטאַרק געפאַלן. נישט אַלע שבת איז דאָ אַ מנין. מען אַרבעט אין די פעלדער, ווען ס'איז דאָ אַרבעט. אַ שול פאַר קינדער ווערט ערשט געבויט, זענען די קינדער דערווייל (ביז מען וועט זיך איינאָרדנען) פאַרגרעבט. קיינעם קריכט קיין זאַך נישט אין קאָפּ אַריין. מען אַרבעט און מען בויט זיך די נעסטן.

דערציילט מיר איינער אַ קאָלאָניסט, אַז ס'איז אויסגעקומען צו הונגערן און מען האָט דורכגעשטופּט. ער האָט איינמאָל באַקומען צוגעשיקט פינף דאָלאַר פון אַ קרוב אין אַמעריקע, איז שיער נישט אַרויסגעקומען אַ גט צווישן אים און זיין ווייב (קיין קינדער האָבן זיי נאָך נישט. ס'איז אַ יונג פאָר-פאָלק). זי האָט געוואָלט קויפן פאַרן געלט אַ פּאָר שיך, ווייל זי איז געווען אומבאַשיכט, און ער האָט געטענהט, מען זאָל ליבער זאָרגן פאַר אַ תּכלית, צוקויפן עטלעכע הינער, וואָס דאָס וועט ברענגען מיט דער צייט אַ הכנסה. אויסגעפירט האָט ער, — בשום אופן, דערציילט ער מיר, האָט ער נישט געוואָלט נאָכגעבן. ער איז — דערקלערט ער — פון די מענטשן, וואָס גיבן נישט נאָך, טאָמער ווייסן זיי, אַז זיי זענען גערעכט, און זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין. קוואָקען טאַקע ביי אים

הינער און הינדלעך, אָבער דאָס ווייב גייט באָרוועס ביז איצט, און שעמט זיך צו ווייזן פאַר אַ פרעמדן מענטש.

די לאַגע פון די איבריקע קאָלאָניסטן איז אַלץ נאָך אַ שווערע. עס קומט אויס צו קעמפן מיט דער ביטערער נויט. אין אָדעסער געגנט אַרבעט דער „אָרט", און ער האָט געהאַט און האָט ווייניק געלט-מיטלען, איז דעריבער דער קאַמף פון די קאָלאָניסטן זייער שווער די ערשטע יאָרן, און זיי זענען אָנגעוויזן אויף זייערע אייגענע כוחות, און צוליב דעם טאַקע זענען זיי פאַרהאַרטעוועט אין קאַמף און באַקומען די פויערישע אויסדויערעוודיקייט.

געלט? ווער האָט געזען אַ קאָפּיקע אין דער קאָלאָניע? זענען געקומען די ימים-נוראים.

און וויסן דאַרף מען, אַז די פופציק יידישע משפחות, וואָס לעבן אין דער קאָלאָניע, שטאַמען פון צוויי באַזונדערע שטעטלעך אין דער אוקראַינע. ביידע, פאַרשטייט זיך, פאַגראָמירטע און פאַראָרעמטע. איינס הייסט: רוכאָוווקאַ, און דאָס צווייטע — ניזשנע-דמיטרעווקאַ. האַלטן זיי זיך אַ ביסל באַזונדער. יעדער גרויסט זיך מיט זיין אָפּשטאַמונג פון זיין שטעטל. זענען זיך מיישב עטלעכע קאָלאָניסטן, אַז ס'איז עפּעס קיין דרך נישט. אַ גאַנץ יאָר איז מען פאַרהאָרעוועט, און די ספר-תורות (די רוכאָוווקער האָבן אַ ספר-תורה, און די ניזשנע-דמיטראָווקער האָבן אַ ספר-תורה) ליגן פאַרפאַקט און מען לייענט נישט אין זיי. די ימים-נוראים קאָן מען נישט אַזוי דורכלאָזן. האָט מען זיך צוזאַמענגעלייגט געלט (גאָט ווייסט, אין וועלכע טיפענישן דאָס איז געווען באַגראָבן) און אויסגעשריבן אַ חזן — — פאַר 25 רובל, אַחוץ דער הוצאה! (דאָס איז אַ פאַרמעגן אין דער קאָלאָניע!). נאָר אַזוי ווי דאָס האָבן אָנגעהויבן צו טאָן די רוכאָווקער, זענען די ניזשנע-דמיטראָווקער נישט באַשטאַנען, און זיי האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט פון זייער זייט און אויסגעשריבן אַן אייגענעם חזן. די קאָלאָניע האָט געהאַט צוויי חזנים אויף ימים-נוראים, און די מחלוקת האָט זיך צעקאָכט ביז צום הימל. די קאָלאָניע האָט געהאַט אַ הוצאה

פון אַן ערך 75 רובל, וואָס דאָס איז אַ ריזיקע סומע פאַר אַ יידישן ישוב אין רוסלאַנד, און מען האָט געדאַווענט און מען האָט געבעטן, יונג און אַלט, קינד און קייט; די 7 „קאָמסאָמאָלצעס" האָבן מורא געהאַט צו דאַווענען — אַזוי האָט מען מיר פאַרזיכערט — אָבער געשטומט האָבן זיי ווי די מייז, און שטילערהייט — דערפון ווייסט דאָך קיינער נישט—האָבן עטלעכע פון זיי יום-כפור דורכגעפאַסט.

אָט אַזוי האָט די מחלוקת געמאַכט אויפלעבן דאָס יידישקייט, וואָס איז געווען כמעט אינגאַנצן ווי אָפּגעשטאָרבן, אין דער שווער-פאַרהאָרעוועטער קאָלאָניע אין אָדעסער ראַיאָן.

און די יידישע קהלה פון קריוואָי-ראָג, וואָס קען זיך בשום אופן נישט רימען מיט איר פרומקייט, ווייל אַן עולם איז דאָרט אַ צוגעפאָרענער, אַהער-פאַרוואָגלטער, וואָס האָט געזוכט אַרבעט אין די אייזן-גרובנס, האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטאַרק אַכטונג געבן אויף כשרות פון פלייש. די מעשה איז געווען, וואָס איינער פון די באַלעבאַטים האָט געוואָלט זיין איידעם מאַכן פאַר אַ שוחט, האָט ער אָבער אָנגעטראָפן אויף דעם ראש-הקהל, אַ ייד אַ תקיף, וואָס האָט געזאָגט ניין. אַן אַנדער שוחט איז אָבער נישט געווען, און דער אַלטער שוחט איז קראַנק און עס ציטערט ביי אים די האַנט. איז מען געגאַנגען זוכן אַ שוחט. זאָל זיין פון נאָענט, זאָל זיין פון ווייט, אַבי דער איידעם זאָל נישט אָנקומען אויף דער שטעל.

הונדערט און זעכציק וויאָרסט איז מען געפאָרן מיט אַקס אויף שלעכטע וועגן, ווינטער-צייט, דורך רעגן און זאַווערוכעס, צו אַ שטעטל, וואָס איז באַרימט מיט אַ גוטער ראַסע בהמות, און וואו עס איז געזעסן אַ שוחט.

מען איז געפאָרן — דער ראש-הקהל אליין מיטן גאַנצן קאָמיטעט — אים אַראָפּצוברענגען.

דער גוי, וואָס האָט זיך פאַרדונגען צו מאַכן מיט זיינע פערד די ווייטע נסיעה און וואָס האָט דערפאַר באַקומען באַצאָלט אַ גרויסע מטבע, האָט אַזש געשאָקלט מיטן קאָפּ: די גאַנצע מעשה איז אים קשה געווען.

— געהערט האָבן מיר, אַז פון ב. ברענגט מען אַראָפּ אַ בוהיי פאַר די קי, אָבער אַ שוחט פון אַזוי ווייט — האָבן מיר נישט געהערט... — האָט ער געטענהט — אַ קריוואָראָגער וואָלט דאָס אויך געקענט.

מען האָט געבראַכט דעם שוחט, און דער איידעם האָט אויך גענומען שחטן, און קריוואָראָגער עולם האָבן אַלע גענומען עסן כשר — להכעיס איינער דעם אַנדערן.

* * *

אָט אַזוי, מוז איך דאָס מודה זיין, לויט מיין בעסטן געוויסן, אַז וואָס איך האָב אַלע מיינע יאָרן געטראַכט וועגן מחלוקת און אַמביציעס פון גבאים און ראשי־הקהל, איז נישט געווען ריכטיק. עס זענען נישט בלויז קוריאָזן, וואָס איך דערצייל דאָ, נאָר כאַראַקטעריסטישע פאַלן. די רעליגיעזיטעט איז שטאַרק געפאַלן אין רוסלאַנד. ס'זענען דאָך עפּעס צייטן פון רעוואָלוציע, און די מענטשן זענען אויסגעוואַקסן אין האַרטן קאַמף פאַר דעם ביסל טרוקענעם רויען לעבן, און יעדע גייסטיקייט האָט געמוזט אָפּטרעטן אָן אַ זייט, אָבער פאַרביטערטקייט איז געבליבן, און אַז ס'זענען אָנגעקומען רואיקערע צייטן, און די מענטשן ווערן ווייניקער איבערקערעריש, איז דער ערשטער אימפּולס, וואָס באַוועגט זיי צוריקצושטעלן דאָס אַלטע, טאַקע די אַלטע געוויינהייט צו מחלוקת און רייסענישן. דאָס צוקאָכט אַ ביסל די געבליטן און פאַרטרייבט די גלייכגילטיקייט... זייט־זשע וויסן, אַז מחלוקת איז אַ שטאַרקער ענין.

* * *

דאָס איז אַלץ אין דרום־רוסלאַנד, וואו די פעטע ערד און די ווארעמע זון און דאָס שפּיל פון פארבן ביי זון־אויפ־גאַנג און אונטערגאַנג מאַכט דעם מענטש מער צוגעבונדן צו ערדישע זאַכן און דערווייטערט אים פון די הימלישע. אָבער אַ מעשה וועגן אַ רעליגיעזער דעמאָנסטראַציע ווייס איך צו דערציילן פון ווייס־רוסלאַנד, און זי קלינגט גאָר אַנדערש.

דאָ, אין לאַנד פון די וועלדער און נעפּלען, אָרעמער ערד און פאַרוואָלקנטע הימלען, איז דער מענטש בטבע מער גענויגט צו אינערלעכע איבערלעבענישן, און אינטערעסירן אים גייסטיקע זאַכן, איז ער פרום, איז ער דאָס אינגאַנצן, מיט דורכגעגנומענקייט און פאַנאַטיזם.

בודע, הייסט דאָס שטעטל, און אַ דעמאָנסטראַציע איז דאָרט געמאַכט געוואָרן פון די אָרטיקע ווייבער, וואָס האָבן געפּאָדערט — אַ מקווה. ערב יום־כּפּור איז די ווייבערשע דע־מאָנסטראַציע פאָרגעקומען, ווען מלאכים ציטערן און פלאַטערן. אָנגעפירט די דעמאָנסטראַציע האָט שרה־מייטע די קצבטע, און 40 ווייבער האָט זי אויפגעשטעלט, און מען האָט מאַרשירט צום רבס שטוב, מען האָט אויסגעהאַקט די שויבן, שיער נישט צוטראָגן דאָס הויז, און דער רב האָט געמוזט מאַכן פּליטה.

ווייל ער איז אַ משכּיל — דער רב, און דער קאָרעספּאָנ־דענט, וואָס דערציילט די מעשה, זאָגט, אַז ער איז פון דער „לעבעדיקער סינאַגאָגע", האָט אים נישט געאַרט, וואָס די סאַ־ניטאַרע קאָמיסיע האָט פאַרחתמעט די מקווה, וואָס איז געווען פול מיט ווערעם און שרעקלעכסטן שמוץ.

איך בין זיכער, אַז שרה־מייטע די קצבטע, כאָטש זי איז פון גידעריקן שטאַנד, אַ קצבס אַ ווייב, האָט דאָס געטאָן מיט דעם גאַנצן כּוח פון רעליגיעזער איבערצייגטקייט, פון טיפער אמונה, אָט יענער אמונה, וואָס האָט, אין פאַרשידענע

צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע, געבויט און חרוב גע־מאכט קולטורן.

לאַכט נישט פון שרה־מייטע די קצבטע!

ערב יום־כפור איז זי געגאַנגען האַקן שויבן צום רב, דעם „אַפּיקורס״, און פּעטשיק ווייבער האָט זי מיטגעריסן מיט זיך...

אין די צייטן פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, אין די צייטן פון דער דיקטאַטור.

זי איז אַ קינד פון אָרעמער ערד, פון טיפע וועלדער און פאַרנעפּלטע הימלען, און איר רעליגיעזיטעט דערנערט זיך פון אַנדערע כוחות, נישט פון דער נייגונג צו מחלוקת...

XXX

אויפן אָדעסער בית-עלמין.

עס לאַכן די טויטע פון די לעבעדיקע אין אָדעס.

איך בין אַרויסגעפאָרן מיט אַ טראַם צום בית-עלמין, און אונזער קאָנדוקטאָרקע איז געווען אַ טיפישע אָדעסער שיינהייט, און אין איר קאָקעטן מונדיר האָט זי אויסגעזעען, אַזוי ווי זי וואָלט אָט שוין געדאַרפט אויפצוטרעטן אויף די ברעטער פון אַ קאַבאַרעט. זי האָט אָבער געטאָן איר אַרבעט, איינקאַסירט ביי אונז די קאָפּיקעס פאַר די בילעטן, און די אויגן האָבן ביי איר געלויכטן, און אַ פאַרפירערישן שמייכל האָט זי געהאַט אויף די ליפן. אַזוי האָט עס געוואָלט דער צופאַל, וואָס גראָד די ליניע, וואָס פירט צום אָרט פון דער אייביקייט, איז געווען באַדינט פון אַ לעבעדיק פאַרגעניגלעך באַשעפעניש, וואָס דער אָדעסער עולם-הזה האָט געשפילט אין אַלע אירע גלידער. און בלומען זענען געווען אין טראַמוויי — לעבעדיקע בלומען פאַר די טויטע.

און דאַמען... וואָס מען רופט: „דאַמען פון דער געזעלשאַפט", געקליידט אין געפּאַסטע, גוט-ליגנדיקע שוואַרצע קאַ-דער, מיט אַ הוט אויפן קאָפּ, די ליפן קוים-קוים צוגעפאַרבט, און דאָס פּנים טונקל-מאַט געפּודערט, און שוואַרצע הענטשקעס אויף די הענט.

דאָס איז מען געפאָרן אויף קבר-אבות, צום פּראַוואָסלאַווו-נעם און צום יידישן בית-עלמין, וואָס געפינען זיך איינס לעבן דאָס אַנדערע.

נישטאָ קייז סאַלאָנען אין אָדעס, וואו אַ „דאַמע פון דער געזעלשאַפט" זאָל זיך קענען באַווייזן אין איר ראַפינירטקייט און גוטן געשמאַק. נישטאָ קיין רייכע קאַפע-הייזער, און אין די טעאַטערן זיצן אין די ערשטע רייען פּראָלעטאַרקעס מיט רויטע טיכלעך אויף די קעפּ. נישטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן. אַן איבערגעקערטע וועלט! אויף די גאַסן שפּאַצירט די אויסגע-פּוצטע, רויט-געפאַרבטע, געשמאַקלאָזע פּראָסטיטוציע...

עפּעס אַנדערש — אויפן בית-עלמין. דאָ איז אַ סאָלידע וועלט, אַ ריכטיקע וועלט, אַ וועלט פון פאַר דער איבערקע-רעניש; דאָ זענען די אויבערשטע געבליבן פון אויבן, און די אונטערשטע, שניידערס, שוסטערס, טרעגער און אַרבעטער זענען געבליבן פון אונטן, — אַרום די פּאַרקאַנעס. דאָ האָבן די רייכע נישט געמוזט פאַרלאָזן זייערע באַקוועמע, מיט בלומען-באַצירטע דירות, און קיינער האָט זיך צו זיי נישט אַריינגעצויגן, און דער פּאַרהאַסטער „זשאַרגאָן" האָט דאָ קיין אָרט נישט: די רייכע באַלעבאַטים האָבן טאַקע גרויסע מאַרמאָרנע מצבות מיט העברעאישע אויפשריפטן, און דאָקטוירים און אַדוואָ-קאַטן — קליינע, ווייסע רונדיקע שטיינער מיט אַ רוסישער אויפשריפט. און דער אַלטער חזן האָט אַ גרויסן שטענדער פון שטיין, און אַ באַזונדער „אוהל" איז דאָ פאַר רבנים, און אַלץ איז דאָ געבליבן אַזוי ווי געווען.

די „דאַמע פון דער געזעלשאַפט" נעמט אַרויס פון דער גאַרדעראָב דאָס שוואַרצע קלייד (אפשר נאָך געבליבן פון פאַר דער מלחמה), און שטייט לאַנג פאַרן שפּיגל, זי גייט אויף אַ באַ-זוך, אַזוי ווי אַמאָליקע צייטן, און זי קאַרגט נישט די לעצטע עטלעכע רובל אויף בלומען.

עטלעכע דאַמען אַזוינע זענען געווען אין וואַגאָן, און איך האָב אַרויסגעפילט זייערע באַהאַלטענע מחשבות פון

זייערע מאַט-פּודרירטע פּנימער, און אַרויסגעליינט האָב איך זיי פון זייערע מעלאַנכאָלישע בליקן.

אָבער איידער דער וואַגאָן האָט גערירט פון אָרט, האָט זיך ביים אַריינגאַנג געשטעלט איינער פון די „פּאַרוואָרלאָזטע״, אַ שלעכטער ריח טראָגט זיך פון אים, און מען זעט אַרויס שטיקער פון זיין אָפּגעצערטן גוף, וואָס די האַרטע ברודיקע הויט איז אויף אים אָנגעצויגן, ווי אַ פּאַרמעט אויף אַן אויסגעפּויקטער, אָפּגענוצטער פּויק, און מיט אַ הייזעריק קול, פינטלענדיק מיט די אויסגעקראָכענע אויגן, פאַרשלאָפן און פויל, זינגט ער עפּעס אַ לידל, לאַנג-לאַנג און מאָנאָטאָן:

אַ פּאָדליעץ איז געווען מיין טאַטע
און אַ פּראָסטיטוטקע — מיין מאַמע.

— מיר פאָרן באַלד—זאָגט צו אים די קאָנדוקטאָרקע. ס'איז, קענטיק, אָפּגעמאַכט אַזוי, און די „פּאַרוואָרלאָזטע״ האָבן אויסגעקעמפט זייערע רעכט, אַז אַזוי לאַנג, ווי דער טראַמוויי שטייט אויפן אָרט, האָט ער דאָס רעכט צו בעטלען, אָבער מיטפאָרן דאַרף ער נישט. ביידע צדדים היטן דעם אָפּמאַך.

גייט ער אַרום אייגקאַסירן, דער פּראָסטער עולם גיט נישט, אָבער די „דאַמען פון דער געזעלשאַפט״ עפענען דעם טייסטער, וואו ס'ליגט אַ ווייס טיכל, אַ ביסל פודער און געלט, און גיבן. ביטער-שמייכלענדיק איז זייער בליק, זיי פרייט דאָס, צו זעען די אייטערדיקע מכה פון רוסלאַנד...

* * *

איך מוז האַלטן וואָרט, און איידער די סעריע ברייוו וועט ווערן פאַרענדיקט, מוז איך נאָך אָפּגעבן פלאַץ פאַר דער פראַגע מיט די „פאַרוואָרלאָזטע קינדער״. עס איז אַ שרעקלעכע

פלאָג. אָבער עס וואָלט געווען ביז גאָר אומגערעכט, ווען מען זאָל די הערשער פון איצטיקן רוסלאַנד באַשולדיקן, אַז זיי האָבן נישט געטאָן, אָדער צו-ווייניק געטאָן, אויף צו קעמפן קעגן דעם אומגליק. דער קאַמף מיט דער „פאַרוואָרלאָזטקייט" ווערט אומעטום געפירט מיט גרויס ענערגיע. אין מאָסקווע און אין אָדעס און אין אַנדערע גרויסע שטעט אַרבעטן קאָמיטעטן, און מיט אַ גרויסן (פאַרשטייט זיך, פאַרהעלטנישמעסיקן) דער-פאָלג. כדי צו שאַפן געלט-מיטלען, ווערן עקסטרע דערלויבט שפּיל-קלובן, אַ רולעטקע, און די גאַנצע הכנסה גייט פאַר די „פאַרוואָרלאָזטע". אויסער דער שטיצע אין באַר געלט, ווערן נאָך פון צייט צו צייט אָרגאַניזירט אויספאַרקויפונגען פון פאַר-שידענע קאָנפיסקירטע זאַכן. אַרום די „פאַרוואָרלאָזטע" פאָרען זיך די בעסטע, יונגסטע, מאָדערנסטע פּעדאַגאָגן און פּעדאַגאָ-גינס. אַ גאַנצע ליטעראַטור איז פאַראַן וועגן דער פראַגע. בכלל זענען פאַראַן צוויי ריכטונגען: איינע, וואָס האַלט די קינדער פאַר „דעפעקטיווע", מאָראַליש אַנטאַרטעטע און נישט-אויסצו-בעסערן; די צווייטע ריכטונג, די מאָדערנע, באַקעמפט די ערשטע ריכטונג. לויט איר מיינונג, זענען אין אַלעם שולדיק נאָר די אומשטענדן; די אויפגאַבע צו דערציִען די קינדער, צו מאַכן פון זיי געזונטע, לייטישע, טויגלעכע מענטשן, איז אַ שווערע, פאָדערט אומגעהויער פיל פּסיכאָלאָגישע פארשטענדניש, געדולד, אויפמערקזאַמקייט, אָבער זי איז אויסצופירן. איך האָב פאַר מיר, צווישן די מאַטעריאַלן וועגן די „פאַרוואָרלאָזטע", אַ ראַ-פּאָרט פון אַזאַ „פאַרזוך-סטאַציע" מיט גליקלעכע רעזולטאַטן, און פון יעדער שורה פון דעם ראַפּאָרט קוקט אַרויס אַזוי פיל פאַרשטענדעניש, אַזוי פיל אמתער הומאַניזם, אַז זעלטן-זעלטן וועט איר דאָס געפינען...

עס ווערט אין רוסלאַנד, פאַרקערט, זייער פיל געטאָן, אָבער די גרויס פון אומגליק איז געווען אומגעהויער, אַזוי ווי ווערעם און היישעריקן האָט די פאַרוואָרלאָזטקייט זיך צעגאָסן איבערן לאַנד, און אַזוי ווי יעדע סטיכיע, אַזוי ווי אַ פּליסי-קער שטראָם, זאַמלט די פאַרבליבענע (פון די מלחמה-יאָרן)

פאַרוואָרלאָזטע מאַסע אַרום זיך נאָך נייע, צוגעקומענע, וואָס באַהעפטן זיך צו איר. דאָס צושטערטע פאַמיליען-לעבן שיקט צו נייע מחנות קינדער צו די אַלטע... עס טרעפט, אַז קינדער אַנטלויפן פון הויז פון די עלטערן, פון דער שול, און שטייען צו צו אַ באַנדע פון די פאַרוואָרלאָזטע, וואָס זענען איצט כמעט אומעטום אָרגאַניזירט אין קליינע שייקעס מיט אַ פירער אָן דער שפּיץ: דער קאַמף איז דעריבער אַ שווערער, אַ טאָפּל-טער — „אויסצולעבן" (אַזוי זאָגט מען אין רוסלאַנד) די אַלטע פאַרוואָרלאָזטקייט און פאַרהיטן פון אַ נייער.

ווילפל זענען איצט פאַראַן פאַרוואָרלאָזטע קינדער אין רוסלאַנד? גענויע ציפערן האָב איך ניט. מען שאַצט זיי אויף אַ פירטל מיליאָן. אָבער אויך די צאָל איז שוין אַ גרויסע דערגרייכונג אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס איז געווען. אין די יאָרן פון הונגער און מהומות זענען געווען מיליאָנען. אויף די סטאַנציעס פון די אייזנבאַנען, אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט פון די הונגעריקע גובערניעס, פלעגן זיך פאַרזאַמלען צו צענדליקער טויזנטער אויף איין פּלאַץ! שווער זיך פאָרצו-שטעלן די גאַנצע שרעקלעכקייט פון דעם בילד. עס ליגן אַזוי ביי אַ סטאַנציע ווייטע, ברייטע שטחים, באַדעקט מיט קינדער. געקומען צולויפן פון ווייטע דערפער, האַלב-אויסגעשטאָרבענע, און געבליבן דאָ ליגן. דער טיפוס איז געקומען — האָט ער אַ העלפט צוגענומען; דער הונגער האָט אויסגעראָטן צען טויזנט, זענען אַלץ נאָך געבליבן צען טויזנט — אַ ריזיקע מחנה, דורכ-געהונגערטע, דורכגעטיפוסטע, דורכגעדיזענטירטע קינדער.

וואָס האָבן זיי געגעסן? — וואָס זיי האָבן געכאַפּט, וואָס זיי האָבן גערויבט, וואָס זיי האָבן געבעטלט!

דערציילט איינס פון די אויסגעבעסערטע, איצט אַ נאָר-מאַל שול-ייִנגל: אין סאַמאַרע זענען מיר געלעגן אויף דער סטאַנציע. מען האָט פאַרקויפט פּיראָגעס מיט מענטשן-פלייש („טשעלאָוויעטשינאַ"). די איבריקע האָבן געזאָגט: ווער עס עסט דאָס, דער שטאַרבט באַלד. איך בין אָבער געווען זייער הונגע-ריק, און האָב געגעסן. „ניטשעוואָ", עס איז געווען גאַנץ געשמאַק...

און פון די דערציילונגען פון אַן אַנדערן איך דערזעל־בער „פּאַרזון־סטאַציע“ ווערן מיר געוואויר, פונוואַנען די „טשע־ראָוויעטשינאַ“ האָט געשטאַמט:

דאָס קינד דערציילט, ווי אַזוי עס האָט זיך אומגעקערט באַנאַכט אַהיים, און ווי צוויי מענטשן האָבן אים נאָכגעיאָגט. איך האָב, זאָגט ער, געוואוסט, ווער זיי זענען. זיי האָבן מיך געוואָלט כאַפּן און דערהרגענען אויף פלייש. בין איך אַנטלאָפן, און זיי — נאָך מיר... אַ סך האָבן זיי געכאַפּט און אויפגעגעסן...

דאָס זענען נאָר קורצע אויסצוגן פון די דערציילונגען פון די קינדער, אָבער איך מיין, דאָס איז גענוג אויף צו געבן אַ באַגריף וועגן דער אַטמאָספערע, וואָס די פּאַרוואָרלאָזטקייט האָט אין איר געלעבט.

נישט געווען קיין מורא פאַרן טויט, ווייל דער טויט איז געווען דער נאָרמאַלער צושטאַנד, דאָס בלייבן ביים לעבן — אַ גליקלעכער צופאַל.

די פּאַרוואָרלאָזטע קינדער האָבן זיך באַוועגט מיט די אייזנבאַנען. געפאָרן זענען זיי נישט אין די וואַגאָנען, נאָר אונטן, צווישן די רעדער, אָבער אויך פונדאַנען האָט מען זיי מיט געוואַלד אַוועקגעריסן, פלעגן זיי וואַרטן, ביז דער צוג האָט גענומען רירן פון אָרט, און דעמאָלט אַרונטערגעשפּרונגען און אַנגעטשעפּעט זיך פון אונטן צום וואַגאָן... איינעם האָבן די רעדער צעשניטן, דער צווייטער און דער דריטער האָבן דערויף נישט געלייגט קיין שום אַכט, זיי זענען ווייטער גע־שפּרונגען. איינער איז געהרגעט געוואָרן, דעם צווייטן איז גע־לונגען צו דערפאָרן ביז דער נאָענטסטער סטאַציע, דאָ האָט מען אים אַוועקגענומען. און ער האָט ווייטער געוואַרט און איז ווייטער געשפּרונגען...

אָט איז נאָר אַ טייל פון די אומגעווייטלעכקייטן, וואָס פון זיי איז די פּאַרוואָרלאָזטקייט אויסגעוואַקסן, און דערפון וועט שוין זיין קלאָר, וואָסער וואָגעניש דאָס איז פון דער

זייט פון די פעדאַגאָגן, וואָס ווילן דאָך, נאָך אַלץ, פּרואוון אָט די אַנטמענטשלעכטע קינדער צוריקצופירן צו די גרענעצן און לעבנס-באַנעמונג פון נאָרמאַלע מענטשן...

* * *

מיין באַזוך אויפן אָדעסער בית-עלמין איז אייגנטלעך געווען געווידמעט מיינע שרייבערישע אינטערעסן. איך האָב געוואָלט באַזוכן דעם קבר פון מענדעלע מוכר-ספרים. נישטאָ קיין מצבה *), צווישן דעם גראָז זעט זיך קוים אַ קליין ברעטל מיט אַן אויפשריפט: „שלום יעקב אַבראַמאָוויטש". האַרט דערלעבן — דער קבר פון פרוגן — אויך אין אַזאַ צושטאַנד.

אָבער די קברים פון דער אַלטער וועלט, פון דער פאַר-מלחמהדיקער, זענען אַ גאַנצע מלוכה, אַן אָפּגעזונדערטע, בכבודיקע וועלט, און אַרום טייל קברים ווערן נאָך עד-היום געפלעגט בייטן מיט בלומען, און דאַמען אין שוואַרצן קומען צום באַזוך.

אויף דעם קבר פון זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור קומען קיין דאַמען אין שוואַרצן נישט. זיין פאַמיליע, אַ טאָכ-טער מיט אייניקלעך, לעבן אין גרויסער נויט. זיינע ווערק זענען הפקר, מען דרוקט זיי איבער און מען באַצאָלט נישט. די „יעווסעקציע", וואָס האָט שוין געפייערט שלום-עליכמען און פרצן אַפילו האָט זי שוין געפייערט (כאָטש מיט פיל באַוואָ-רענישן און מיט צענזור-פאַרקירצונגען), האָט עפּעס ווי פאַר-געסן אין מענדעלען. איז זיין קבר פאַראייַנזאַמט און פאַרלאָזט.

*) נישט לאַנג, בעתן 10-טן יאָרצייט, האָבן די קאָמוניסטן געשטעלט אַ מצבה, און די יאָרצייט גופא איז אָפּגעריכט געוואָרן מיט גרויס פייערלעכקייט.

רעד.

איך האָב אויסגעריסן אַ קליין בלימל פֿון אַ גוט-געפּאַ-טער בייט פֿון אַן אַמאָליקן גביר, און האָב עס געלייגט אויף מענדעלעס קבר.

מיין שרייבערישע נקמה אין דער יידישער בורזשואַזיע איז דאָס געווען.

מיט די יעווסעקעס און זייער באַציאונג צו מענדעלעס קבר זאָל זיך עמעץ אַנדערש אָפּרעכענען.

XXXI

פראַגן אָן ענטפערס.

איך האָב פאַרבראַנגט אין רוסלאַנד אינגאַנצן אַ דריי חדשים, אָבער אין זכרון ביי מיר איז געבליבן אַן אויסגעשטרעקטער פּאַס צייט, וואָס דוכט זיך צו פאַרנעמען פיל מער, ווי די דריי חדשים, און דאָס באַדאַרף אויך נישט צו חידושן. די מאָס פון דער צייט איז נישט דער זייגער, נאָר די סומע איינדרוקן, וואָס מיר האָבן געהאַט, וויפל מיר האָבן געלעבט. ווען די חושים זענען טעטיק, און דער מוח באַקומט שטאָף צו באַאַרבעטן, ווען דאָס לעבן איז מיט עפּעס אויסגעפילט, גייט דער זייגער פּאַמעלעכער, און דער אָפּשניט צייט איז לענגער.

אויף יעדן פאַל, ווען דאָס שטיק צייט ווערט ווידער אויפגעלעבט אין זכרון, ווערט עס געמאָסטן נישט מיטן קאַלענדאַר און נישט מיט דער סומע קלעפּ פון דופק, ד. ה. פון פיזיאָלאָגישע פונקציעס פון לעבן, נאָר מיט דער טעטיקייט פון די דענק-אַפּאַראַטן — מיט די מער באַוואוסטזיניקע פונקציעס פון לעבן.

דאָס לעבן אין רוסלאַנד האָט געגעבן צו טראַכטן: יעדע שעה און יעדע מינוט. מענטשן זענען געקומען און האָבן איבערגעדרייט אַ וועלט מיט אַן אומדערהערטער ענערגיע; מיט אַן עקשנות און ריקזיכטלאָזיקייט, דורך בלוט און פייער

און אומצאָליקע קרבנות, האָבן זיי געצוואונגען די אומגעדרייטע וועלט צו האַלטן זיך אַזוי — אין איר אומגעדרייטקייט. אַלע אויסערלעכע כּוחות האָבן געשטורעמט קעגן זיי, און שונאים פֿון אויסן, — דאָס איז אַלץ נאָך גאָרנישט. די אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים האָט מען גובֿר געווען, ווײַל די כּוחות, וואָס האָבן געאַרבעט פֿאַרן באָלשעוויזם, זענען נאָך נישט קיין אויסגענוצטע, פֿרישע, צאַפּלדיקע, און פֿון דער צווייטער זייט איז אַלץ געווען אויסגענוצט. דער אמתער שונא—און אַ שונא, וואָס מען האַלט אין איין זיגן קעגן אים און מען קאָן אים פֿאָרט נישט באַזיגן — דער אמתער שונא איז געווען, און איז נאָך איצט, אָט די איבערגעדרייטע וועלט, וואָס האָט שוין אַזאַ נאַטור, אַז זי ציט צוריק, צו דער נישט-אויסגעדרייטקייט. לאָזט אַ רגע אָפּ די האַנט, און דידאָזיקע וועלט וועט זיך מעכאַניש צוריקדרייען, אַזוי ווי אַ משא, וואָס הענגט אין דער לופֿט און דרייט זיך איבער מיט דער שווערער זייט אַראָפּ.

איר קאָנט אין רוסלאַנד נישט באַקומען דעם איינדרוק, אַז די זאַכן גייען זייער נאַטירלעכן וועג.

און ווײַל איר געפֿינט אייך אין אַזאַ וועלט, אַן אומגעדרייטער, איז אַלץ אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי נײַ, און גיט כּסדר צו טראַכטן.

איך וואָלט געוואָלט נאָך עטלעכע בריוו ווידמען אָט די מחשבות, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין קאָפּ בײַ פֿאַרשידענע געלעגנהייטן.

איך האָב קיין שום פּרעטענזיעס נישט פֿאָראויסצוזאָגן, צי דער באָלשעוויזם וועט זיך האַלטן, און אויב ער וועט זיך נישט האַלטן, „מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן". דער פּרואוו פֿון איינפֿירן דעם סאָציאַליזם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין רוסלאַנד, איז, אָן שום ספק, אַ וועלט-געשעעניש פֿון דער ערשטער מדרגה, אַ וועלט-געשעעניש, וואָס לויט זײַן וויכטיקייט און פֿאַרנעם האָט עס זײַן גלײַכן נישט אין דער היסטאָריע פֿון דער מענטשהייט.

די לעזער פֿון די בריוו מוזן געדענקען, אַז אויף דער פֿראַגע, וואָס אינטערעסירט זיי אפֿשר אַממייסטן, בין איך נישט אין

שטאַנד צו ענטפֿערן. איך מיין די פֿראַגע וועגן דעם, וואָס וועט זיין, וואוהין גייט רוסלאַנד און וואוהין גייט די וועלט. די קאָמוניסטן האָבן דערויף זייער ענטפֿער—און נישט איינער—די „אָפּאָזיציע" דענקט אַנדערש און זעט אַנדערש פֿאָר די צוקונפֿט, ווי די אָפֿיציעלע פּאַרטיי; די מענשעוויקעס האָבן זייערע טעאָריעס, און די „סמיענאָוויעכאָוצעס" זייערע. צי האָב איך אַליין איינעם פֿון די שטאַנדפּונקטן, אָדער מיין אייגענעם? — ניין.

וואָס מיך האָט אַממייסטן אינטערעסירט אין רוסלאַנד, איז בשום אופֿן נישט די אויבנדערמאָנטע פֿראַגע. פֿון אַ נסיעה אין רוסלאַנד קאָן מען ווייניק קלוג ווערן. דאָס זענען פֿאַרוויקלטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, און ווען מען שטודירט זיי אינדערהיים, קאָן מען זיך שאַפֿן אפשר אַ קלאָרערן באַגריף וועגן דעם, ווי כאַפּנדיק מיטן אויג איינצלנע דערשיינונגען. די „קאָנטראָל-ציפֿערן", אַ זאַמלונג פֿון עקאָנאָמישע איבערזיכטן און סטאַטיסטישע טאַבעלן, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דער רעגירונג, לאָזן כאַפּן אַ בליק אויף דער טעטיקייט פֿון דער עקאָנאָמישער מאַשין. איך מוז זאָגן, אַז ווער עס לייענט אויפֿמערקזאַם דאָס קליינע, אָבער אינהאַלטסרייכע ביכל, מוז אַרויספֿילן אַ געוויסן פּעסימיזם, אַ זאָרג פֿאַר דער צוקונפֿט, וואָס קוקט אַרויס פֿון צווישן די שורות. איך מיין, אַז אין די קאָמוניסטישע ספֿערן גיט מען זיך אָפּ רעכענונג, אַז די עקאָנאָמישע סיטואַציע ווערט פֿאַרשאַרפֿט, און מען איז דאָרט בכלל נישט אָפּטימיסטיש געשטימט.

אָבער, ווי געזאָגט, דאָס זענען פֿאַרוויקלטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס איך לאָז איבער פֿאַר פֿאַכלייט און — פּאָליטיקער.

שטענדיק אינטערעסאַנט און שטענדיק ניי בלייבט די מענטשלעכע נאַטור. ווי אַזוי פֿילן די מענטשן, בשעת זיי זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אין אַן אומגעדרייטע וועלט (אויף יעדן פֿאַל, דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל נישט איבערטרייבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז דער גרעסטער טייל מענטשן אין רוסלאַנד האָט דאָס געפֿיל פֿון אומגעדרייטקייט), וואָס טראַכטן זיי, [illegible]

אייגנשאַפטן אַנטוויקלען זיך ביי זיי, ווען זיי זענען אין אַזאַ לאַגע.

די מענטשלעכע נאַטור, די מענטשלעכע פּסיכיק! צי איז זי אַזאַ מין סטאַבילע, פעסטע זאַך, וואָס אַנטוויקלט זיך נאָר פּאַמעלעך-פּאַמעלעך, אין פאַרלויף פון דורות, אַז מיר קאָנען קיינמאָל נישט באַמערקן די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר, אָדער — צי קאָן נישט די מענטשלעכע נאַטור אַמאָל קאַטאַ־סטראָפאַל געענדערט ווערן דורך איבערבּרוכן, רעוואָלוציעס? —

די גרעסטע שטערונג אויפן וועג פון קאָמוניזם איז, ווי דאָס איז יעדן באַקאַנט און ווי דאָס קומט יעדן אין קאָפּ אַריין, בשעת ער טראַכט דערפון — דער פאַקט, וואָס דער מענטש, דער יחיד, האָט זיינע אינדיווידואַליסטישע נייגונגען, וואָס ער זאָרגט און טוט אַלץ, אין 99 פּראָצענט פאַלן פון הונדערט, נאָר פאַר זיך אַליין. די געזעלשאַפט, דער כּלל — אָדער זי אינטערעסירט אים איינגאַנצן נישט, אָדער זי אינטערעסירט אים ערשט אויפן צווייטן פּלאַן. דאָס קאָמוניסטישע סיסטעם פאָדערט, פאַרקערט, פון יעדן איינציקן, אַז אַלע זיינע אָנשטרענגונגען זאָלן קודם־כּל אָפּגעגעבן ווערן פאַרן כּלל; פאַר זיך אַליין — אויפן צווייטן פּלאַן.

דערפון, פון דער סתירה צווישן דער מענטשלעכער נאַ־טור, וואָס ציט צו אינדיווידואַליזם און דעם באַלשעוויסטישן סיסטעם, וואָס וויל אַלץ בויען אויף דעם סאָציאַלן חוש, שטאַמט דאָס געפיל פון אומגעדרייטקייט און נישט־נאַטירלעכקייט, אַז עס דאַכט זיך, מען וועט אַ רגע אָפּלאָזן די לייצעס, וועט זיך אַלץ ווידער צוריקקערן. וואולגאַר אויסגעדריקט, וועט דאָס הייסן: אַז די מענטשלעכע נאַטור ווערט מיט געוואַלד אונטערגעדריקט.

אָבער צי איז די מענטשלעכע נאַטור אַזאַ געגעבענע זאַך, וואָס לאָזט זיך (טאַקע מיט געוואַלד) נישט ענדערן? —

ווען דער מענטש וואָלט געהאַט די סאָציאַלע געפילן, וואָס פאַרמאָגט די בין, צי די מוראַשקע, וואָלט דאָס קאָמוניסטישע סיסטעם געווען דאָס איינציק־מעגלעכע, דאָס איינציק־נאַטירלעכע. בשעת דער בינען־שטאָק ווערט באַפאַלן, צי ווען דער קעניגין־

מוטער דראָט אַ סכנה, מוז יעדע איינציקע בין פילן אַ פּ י ז י ש ן ווייטיק, אַזאַ שטאַרקן, וואָס צווינגט זי אָפּצוגעבן דאָס אייגענע לעבן פֿאַר דער זאַך פֿון כּלל. אָט אַזוי דאַרף אויסצוזען די מענטשלעכע נאַטור, כּדי דאָס סאָציאַליסטישע סיסטעם זאָל פֿאַר איר זיין דאָס „נאַמירלעכסטע״.

די איצטיקע מענטשלעכע נאַטור קאָן נישט באַווייזן דאָס. דער איבערצייגסטער קאָמוניסט וועט נישט פילן די אינערלעכע אומרויִקייט, יענעם ציטער, וואָס עס פילט דער איצטיקער יחיד, ווען זיינע אייגענע אינטערעסן ווערן געשטעלט אין קאָן. ווען די פאַבריק גייט שלעכט, וועט ער זיך באַמיען, זי זאָל גיין גוט, — ער וועט טון זיין חוב. אָבער נעכט נישט שלאָפן, פּייניקן זיך אין אומרו, אַזוי ווי דער אינדיווידואַליסטישער פאַבריקאַנט - דאָס איז ביי אים נישט געמאָלט.

דערויף וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַן אַנדערע מענטש-לעכע נאַטור — נענטער צו דער נאַטור פון די בינען און מו-ראַשקעס און ווייטער פון דער נאַטור פון טיגער און לייב.

וואָסער דור וואַקסט אויף אין רוסלאַנד איצט און צי איז די מענטשלעכע נאַטור — נישט נאָר זיינע געדאַנקען און איבער-צייגונגען — איבערגערוקט געוואָרן, אַזוי אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ נייעם סאָרט מענטש? — אָט איז די פראַגע.

דאָס באָלשעוויסטישע סיסטעם האָט זיך אָפּגעגעבן רעכענונג דערפון, און די שולע, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט, איז אַן אוויסגעשפּראָכענע פאַרטיי-שולע, אַ שולע, וואָס האָט די אויפ-גאַבע — פריער פאַר אַלץ — צו דערציען אַ קאָמוניסט. אין די שטעט דערגרייכט זי לייכט איר ציל. וואָס אויף די דערפער טוט זיך, וואו עס וואוינט די הויפּט-טייל פון דער באַפעלקערונג— איז שווער צו זאָגן.

אָבער דערציען אַ קאָמוניסט און איבעררוקן די מענטשלעכע נאַטור — דאָס זענען צוויי פאַרשידענע זאַכן.

* *
*

איך פלעג לאַנגע שעהן פאַרבריינגען אין מוזעאום פון דער רעוואָלוציע, וואָס אין מאָסקווע. עס געפינט זיך אין די געביי־דעס פון ענגלישן קלוב, דעם אַריסטאָקראַטישן צענטער פון אַמאָליקן מאָסקווע. דאָס מוזעאום גופא האָט אַ קנאַפּן איטערעס. עס זענען דאָרט געזאַמלט אַלע מאַטעריאַלן פון די פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. דער „בונד" האָט אויך דאָרט אַ קליינע אָפּטיילונג. מיך האָט אינטערעסירט גאָר עפּעס אַנדערש. דאָרט פלעגט איר טרעפן יעדן טאָג גרופּעס שילער מיט זייערע לערער, אָדער אַליין, וואָס האָבן דאָ פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אויף צו מאַכן די אויפגאַבעס, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די שולן. פלעגט מען אַזוי שטיין און איבער־שרייבן אין די נאָטיץ־ביכלעך, וויפל מענשעוויקעס און באָלשע־וויקעס עס האָבן זיך געפונען אויף דער שטאָקהאָלמער קאָנפע־רענץ פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וויפל עס האָבן געשטימט פאַר לעניניס רעזאָלוציעס דעמאָלט, וויפל — קעגן, די טעקסטן פון די רעזאָלוציעס, אַלע ענדערונגען און אויסבעסערונגען, וואָס זענען אין זיי אַריינגעטראָגן געוואָרן. און די שטערנס אונטער די פלאַקסענע האָר פון די מאָסקווער שילער האָבן שטאַרק געשוויצט, און שטאַרק פאַרטאָן איז מען געווען, און מיט דער איבערצייגונג, אַז מען טוט עפּעס אומ־געהויער וויכטיקס.

מיט אַ יאָר צען צוריק האָט מען אַזוי פלייסיק נישט גע־לערנט איכאָווייסקיס היסטאָריע, און די דאַטעס, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו קיניגן און ווען עס זענען געשטאָרבן די ראָמאַ־נאָווס, זענען נישט מיט אַזויפיל פּינקטלעכקייט געלערנט געוואָרן, ווי איצט די איינצלהייטן פון יעדער ס.ד.אישער קאָנפערענץ.

זענען דאָס דיזעלבע מענטשן — האָב איך זיך געפרעגט — מיט דיזעלבע נאַטורן, נאָר וואָס פריער האָט מען זיי געלערנט עפּעס אַנדערש, און איצט עפּעס אַנדערש? —

דער מענטש איז אַ ה״ה, וואָס לאָזט זיך דרעסירן. דאָס איז אומבאַדינגט וואָר. די פּרייסישע פּאָלקס־שולע האָט אַזוי לאַנג איינגעפּאָמפּט דעם יונקערישן גייסט אין דער גראָד־ליניקער פּסיכיק פון די דייטשן, ביז זיי האָבן אַרויסבאַקומען דעם טיפּ דייטשל פון פאַר דער מלחמה, וואָס האָט געשראָקן די וועלט, און האָט גאָרנישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן, ווי נאָר צו שרעקן די וועלט.

און עס איז קיין שום ספק נישט, אַז דער יונגער דור אין די רוסישע שולן איז אויסגעדרעסירט קאָמוניסטיש. ווי טיף און ווי דויערעוודיק־שטאַרק אַזאַ דרעסור איז — די פראַגע איז נישט אויפגעקלערט. לאָזט אָפּ די דרעסירטע חיה פריי אויף אַ באַשטימטער צייט, און זי וועט צוריק באַקומען די אינסטינקטן פון וואַלד. — ווי שטייט עס מיט דעם מענטש ?—

פון דער קאָמוניסטישער נאַטור פון דער בין ביז צו דער אינדיווידואַליסטישער פון דער רויב־חיה איז אַ לאַנגער מהלך.

אויף וועלכן פונקט וועט דער מענטש בלייבן שטיין ? און צי איז נישט געמאָלט, אַז גראָד ער, דער מענטש, זאָל געפינען אַ סינטעז, אַ פאַראייניקונג פון די צוויי עלעמענטן ?

XXXII

וועגן די יעווסעקן.

מיר איז אויסגעקומען אַזויפיל מאָל צו דערמאָנען די יעווסעקעס און שטענדיק נישט צום גוטן, אַז איך פיל אַ באַדערפעניש זיך גענויער אָפּצושטעלן אויף דעם ענין יעווסעקנטום. עס האָט אַ פּנים, גלייך איך וואָלט געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן זיי, און דאָס וואָלט געווען פון מיין זייט נאָך פיל מער ווי נישט גערעכט, ווייל — נאַריש. וואָס קאָן באַצוועקן אַזאַ „קאַמף”, מישטיינס געזאָגט, קעגן די יעווסעקעס אין אונזער אַ „בורזשואַזער” מדינה, און וואָס זאָל זיין דער תכלית דערפון? מיר דאָ וועלן זיי דאָרט נישט אַראָפּזעצן, און גלאַט אַזוי אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ און „אַריינזאָגן” וואָלט אויך געווען — מינדעסטנס — אַ צייכן פון שלעכטן געשמאַק און שלעכטן טאָן.

אפשר איז מיר דערפאַר אויסגעקומען צו רעדן מיט גערייצטקייט וועגן זיי, ווייל די ענינים, אַרום וועלכע זיי פאַרען זיך, שטייען מיר צו-נאָענט, האָב איך נישט געקאָנט איינהאַלטן די אָביעקטיוויטעט און די רויִקייט פון אַ זייטיקן באַאָבאַכטער-מעגלעך.

די באָלשעוויקעס האַלטן, אַז קיין אָביעקטיוויטעט איז בכלל נישט פאַראַן אויף דער וועלט. יעדער רעדט, באַוואוסט צי נישט-באַוואוסט, וואָס דער אינטערעס פון זיין קלאַס דיקטירט

אים. נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת, און קיין רעלאַטיווער אמת איז נישטאָ, נאָר אַ קלאסן-אמת.

ווען איר זאָלט מיך פרעגן, צי עס איז פאַראַן אַן אָביעקטיוויטעט, וואָלט איך, אַלס סקעפּטיקער, מיר דערלויבט צו צווייפלען דערין. צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ קערפּער, וואָס געפינט זיך ערגיץ-וואו אין דער אומענדלעכקייט פון רוים. ער איז קיינמאָל נישט און ערגעץ-נישט פריי פון השפּעות, קיינמאָל נישט און ערגעץ נישט — אָביעקטיוו. ער דרייט זיך אַרום עפּעס, ער ווערט צוגעצויגן. נישטאָ אַזאַ פּונקט אין שטח, וואו מען זאָל קאָנען איינהאַלטן די אָביעקטיוויטעט. אומעטום לויפן דורך די ווירקונגס-פעלדער פון ווייטע און נאָענטע קערפּער. עס איז מיט דעם מענטש אַזוי. נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס דער נישט-אָביעקטיווער מענטש, ווען ער ווערט צוגעצויגן פון עפּעס, פאַרלירט ער זיין „איך" אינגאַנצן, און פאַלט אַזויווי אַ שטיין צו דער ערד; דער אָביעקטיווער מענטש ווערט צוגעצויגן, ציט-צו; די פאַרשידענע השפּעות שלאָגן זיך אָפּ אין זיין אינערלעכקייט, און די באַוועגונג קאָן נישט זיין קיין גראַדליניקע דעריבער. עס באַקומט זיך אַן „אָביעקטיוויטעט", אַ רעלאַטיווע און אינדיווידועלע.

נאָר אויף אַזאַ אַרט אָביעקטיוויטעט פּרעטענדיר איך; מינדעסטנס — שטרעב איך צו איר.

און ווען איך האָב גערעדט מיט גערייצטקייט וועגן די יעווסעקעס, איז עס געווען דערפאַר, וואָס טייל השפּעות, ווי דער אינטערעס צום יידישן קולטורעלן לעבן, וואָס שטייט מיר צו-נאָענט, האָבן אויף מיר געווירקט צו-שטאַרק און האָבן מיך מיטגעריסן. איז אָבער צייט שוין צו באַהאַנדלען די יעווסעקעס זאַכלעך און זעען זיי נישט אין זייער פּאַראייגצלטקייט, נאָר אויף דעם הינטערגרונט פון רוסלענדישן לעבן.

די יעווסעקעס זענען מענטשן אַזוי ווי אַלע מענטשן און קאָמוניסטן אַזוי ווי אַלע קאָמוניסטן. ווען די באַגאַבטערע יידן-קאָמוניסטן זענען אַוועק אויף אַלגעמיינע ארבעט, און געבליבן זענען מענטשן נישט-ערשט-קלאַסיקע, איז עס נישט די שולד

פון די, וואָס זענען געבליבן ביי דער יידישער אַרבעט, און אפשר אויך נישט די שולד פון די, וואָס זענען אַוועק, נאָר די שולד איז עס פון יידישן לעבן, — דאָס אָרעמע און צובראָכענע לעבן פון אַן אָרעם און צובראָכן פאָלק. פאַר טראָצקיס פעאיקייטן, למשל, און זיינע אַמביציעס איז די אַרבעט אין דער יעווסעקציע, ווען אפילו ער וואָלט געהאַט אינטערעס דערפאַר, נישט צוגעפאַסט.

עס איז אַ פאַקט, אַז אַ גרויסער, דער גרעסטער טייל פון די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן נישט נאָר אַ לעבעדיקן אינטערעס פאַרן יידישן לעבן, נאָר זיי זענען בפירוש נאַציאָנאַל געשטימט, האָבן זיך אַליין דערווייטערט פון דער יעווסעקציע, צוליב פאַרשידענע מאָטיוון, מייגסטנס — פערזענלעכע. די, וואָס זענען געבליבן אין יידישן לעבן, באַטראַכטן זיך אַליין (טיילמאָל) פאַר מאַרטירער אין אַ געווויסן זין. ווייל ס׳איז אַן אַרבעט אָן ברכה און אָן פאַרגעם. געהאַסט זענען זיי פון מיליאָנען און פון קיינעם נישט געבענטשט. און בסך-הכל זענען זיי דאָך—קאָמוניסטן, אָט אַזוי ווי אַלע. זיי פירן אויס די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרטיי אין די ראַמען פון יידישן לעבן. וואָס האָט איר צו זיי? פאַרוואָס זאָל דאָס וואָרט „יעווסעק״ מער אָפּשרעקן, מער אָפּשטויסן, ווי דאָס וואָרט „קאָמוניסט״.

דער פערזענלעכער כאַראַקטער פון די מענטשן, וואָס שטייען אָן דער שפּיץ — זאָל דאָס זיין די סיבה פון דעם באַזונדערן האַס צום יעווסעקנטום? — איך האָב שוין געזאָגט: קיין ערשט-ראַנגיקע מענטשן איז צווישן די פירער פון דער יעווסעקציע נישטאָ. אסתּר פרומקין, ליטוואַקאָוו, טשעמעריניסקי — זענען אַלטע טוער, מענטשן, וואָס זייער לעבן איז דורכגעגאַנגען אין אונטערערדישער אַרבעט, בלי-ספק ערלעכע און איבערגעגעבענע מענטשן, אָבער נישט איינער פון זיי האָט אין זיך עפּעס פון אַ פ י ר ע ר, פון זעלבסטשטענדיקייט. אָבער, צי זען פאַרמאָגן די סעקציעס פון די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן גרעסערע פיגורן? אין די סאָוונאַרקאָמען (סאָוונאַרקאָם איז גלייך אונזערס אַ מיניסטאָרן-קאַבינעט) פון די פאַרשידענע פע-

דעראַטיווע און אויטאָנאָמע רעפּובליקן זיצן נישט קיין קליגערע און באַגאַבטערע מענטשן, ווי אין דער יעווסעקציע.

שולדיק אין דער קללה פון יעווסעקנטום איז — דאָס יידישע לעבן.

אין רוסלאַנד הערשט די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", ריכטיק זיך אויסצודריקן, אָן שיין-רעדנעריי — די דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דידאָזיקע דיקטאַטור איז דער איינציקער קוואַל פון מאַכט. דאָס איז אמת. נישט נאָר וואָס מען וויל מיט קיינעם נישט טיילן די מאַכט, נאָר מען דער־ווייטערט אַלץ און מען באַקעמפט אָן רחמנות, וואָס נאָר עס זאָל קענען אויף עפּעס אַן אופן ענדערן די ליניע פון דער פּאַרטיי. קיין אַנדערער האָט קיין דעה נישט, נישטאָ קיין צוויי מיינונגען, נישטאָ קיין מיטעלע ליניע, אַזוי איז עס, און דאָך איז עס נישט אַזוי.

די קאָמוניסטישע „תורה", אין איר אויסגעהאַלטנקייט און אָן-פשרהדיקייט, בלייבט דאָך נישט הענגען אין דער לופטן; זי האָט פאַר זיך אַ לעבעדיק לעבן, דאָס לעבן פון אַ הונדערט און דרייסיק מיליאָנענדיקער באַפעלקערונג, און מיט דעם שטו־מען לעבן טיילט זי פאַקטיש די מאַכט. זי מוז זיך צופּאַסן צו דעם לעבן, אויב זי וויל עקזיסטירן ווי לאַנג עס זאָל נישט זיין. אמת, עס איז נישט דערלויבט דעמדאָזיקן לעבן פריי זיך צו אָרגאַניזירן און אַרויסשטעלן די פאָדערונגען, אָבער מיט אַ שלאָס אויפן מויל, שטומערהייט, רעדט דאָך דאָס לעבן אין קורצע, אָפּגעהאַקטע פראַזן: דאָס איז מעגלעך און דאָס איז נישט מעגלעך.

מען פּאַסט זיך צו צום לעבן און מען פאַרבייגט די קאָמוניסטישע „תורה" און מען לערנט אַנדערש דעם פשט. דער אויפטו מיטן „נעפּ" (דעם פרייען האַנדל) האָט דאָס באַוויזן.

די צופּאַסונג קומט פאָר אויף אַלע געביטן: אויפן עקאָ־נאָמישן, רעליגיעזן און אַפילו — כאָטש אין אַ קלענערע מאָס — אויפן קולטורעלן.

די צופּאַסונג קומט פאַר דאָרט, וואו דאָס לעבן, דאָס טייג, וואָס די קאָמוניסטן קנעטן, האָט אַ ממשות, האָט אַ וויכטיקייט, האָט אַ וואָג. מען קען נישט איגנאָרירן די 100 מיליאָן פּויערים אין רוסלאַנד, מוז מען זיך ווי-עס-איז צופּאַסן צו זיי. דאָס יידישע לעבן, דאָס צעקראָכענע, האָט מען איגנאָרירט.

דער קאָמוניסטישער „גייסט" איז נישט געבליבן שוועבן אין דער לופטן; ער האָט געמוזט אראָפּנידערן פון זיינע הויכן, אויב ער האַט געוואָלט באַשאַפן פאַר רוסלאַנד כאָטש דעם מינימום מעגלעכקייט פון עקזיסטענץ — דאָס טעגלעכע שטיקל ברויט, וואָס דער פּויער אַרבעט אויס. דער „גייסט" האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ געוויסער „מאַטעריע", און האָט פּאַקטיש געמוזט זוכן שלום צו מאַכן מיט דער „מאטעריע". די יידישע קאָמוניסטן האָבן קיין באַדערפניש נישט געהאַט אראָפּצונידערן פון זייערע הימלען און פון זייער „תורה": זיי זענען געבליבן פּאַנאַטיקער, נישט קיין מלוכה-מענער.

בשעת דאָס אַלגעמיינע רוסלענדישע לעבן האָט (שטומערהייט) געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אַנטקעגן דער קאָמוניסטישער טעאָריע; פּעסטע, איינגעזעסענע מיליאָניקע פּויערישע מאַסן, פּאַרטראָגנדיק די אָפּעראַציעס, וואָס מען האָט געמאַכט איבער זיי, האָבן דאָך רעאַגירט, און צו זייער שטים האָט מען זיך צוגעהערט — אין דער אייגענער צייט האָבן די „יעווסעקעס" געקענט „האַקן אַזוי ווי אין קרויט אַריין", מיט גאָרנישט זיך רעכענען, גאָרנישט נעמען אין אַכט. איצט, גאָר אין דער לעצטער צייט האָט מען „געכשרט" די בעלי-מלאכות (סוחרים און הענדלער איז דאָך אָפּגערעדט, אַז זיי זענען נישט בגדר פון מענטשן, וואָס מען דאַרף זיך מיט זיי רעכענען), איז ממילא אויסגעקומען אַזוי, אַז די „יעווסעקעס" האָבן פּאַקטיש געווירקט אַזוי ווי אין אַ ליידיקייט. די משונהדיקסטע, די ווילדסטע עקסטרעמקייט איז פון קיין שום זייט נישט געוואָרן אויפגעהאַלטן, נישט געבויגן. די „יעווסעקעס" זענען געווען די-

„פרייסטע" מענטשן — די הפקרדיקייט פון דעם יידיקן חלל איז אויסגעפאַלן אויף זייער גורל.

און נאָך איין זאַך: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, כאָטש זי איז די איינציקע הערשערין, רעגירט דאָך נישט דירעקט. עס זענען דאָ מיניסטאָרן-קאַבינעטן — סאָוונארקאָמען, — וואָס זענען געבויט אויף דעם סיסטעם פון ראַטן. דער סאָוונארקאָם (ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן) איז (מינדעסטנס פאָרמעל) אַ געקליבענער. אמת, די וואַלן זענען נישט קיין פרייע, און אויב אין דאָרפישן ראַט פאַלן נאָך אריין גאָר אַ גרויסע צאָל אומפּאַרטייאישע, איז אָבער וואָס מען שטייגט העכער, צום ראַיאָן-ראַט, צום קרייז-ראַט און צום „סאָוונארקאָם", ווערט אַלץ מער און מער געזיפּט, ביז די אומפּאַרטייאישע ווערן אינגאַנצן אויסגעזופּט, און עס בלייבן נאָר די קאָמוניסטן.

פונדעסטוועגן האָט דאָך אַ גרויסע באַדייטונג דער פאַקט, וואָס די רעגירונג, וואָס באַשעפטיקט זיך דירעקט מיט די לויפנדיקע ענינים פון לעבן, איז אָפּגעטיילט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס הערשט. דער „סאָוונארקאָם" איז אַ צווייטע, שוין מער צוגעפּאַסטע אויפלאַגע פון קאָמוניזם. די מאַסן פון דער באַפעלקערונג וואָלטן נישט געקענט פאַרטראָגן די ריינע קאָמוניסטישע „תורה", ווען זי זאָל צו זיי נישט דערגרייכן דורך די „סאָוונאַרקאָמען".

די צרה מיט די „יעווסעקעס" איז, וואָס זיי זענען אי די הערשער, אי די אויספירער, וואָס צווישן זיי און דער יידישער באַפעלקערונג איז קיין מיטעלער אָרגאַן, אַזוי ווי דער „סאָוונארקאָם", נישט פאַראַן. קומט דעריבער ממילא אַלץ אַרויס אַזוי רוי, אַזוי פאַנאַטיש, אַזוי אוממענטשלעך, וואָלט איך געזאָגט.

*

אויב די „יעווסעקן" זענען ערגער ווי די קאָמוניסטן פון די איבריקע פעלקער, איז עס — אָביעקטיוו גענומען — די שולד פון יידישן לעבן — דאָס צעשפרייטע אוממַמשותדיקע, נישט זעסהאַפטיקע יידישע לעבן, וואָס האָט נישט געקאָנט אַרויסווייזן דעם מינדעסטן ווידערשטאַנד קעגן דעם פאַנאַטיזם פון באַגרענעצטע מענטשן.

דאָס יעווסעקנטום איז אַ יידישע, ספּעציפיש יידישע צרה; עס האָט געקאָנט אויפוואַקסן און געדייען נאָר אויף דעם יידישן באָדן.

XXXIII

די יעווסעקעס און די ערד-איינאָרדנונג.

דער גרויסער אויפטו פון לענינען איז געווען, וואָס ער האָט געמאַכט אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און זי דורכגעפירט מיט דער הילף פון פויערנטום—אַ הונדערט-מיליאָניקע מענטשלעכע מאַסע, וואָס האָט קיין שום נייגונגען נישט צום סאָציאַליזם. דאָס פויערנטום האָט באַקומען זיין חלק אין באַר — ערד האָט עס באַקומען, פרייהייט פון פּריץ, מזומן אויסגעצאָלט. אויף ווי לאַנג עס וועט קלעקן פאַרן פויער אָט דאָס חלק, וואָס ער האָט באַקומען, כדי אויפצוהאַלטן זיינע סימפּאַטיעס פאַר די קאָמוניסטן — דאָס איז די פראַגע פון אַלע פראַגעס. אייביק וועט עס נישט געדויערן. דאָס איז קלאָר. די שענסטע מתנה, וואָס מען האָט באַקומען, קאָן נישט גאַראַנטירן קיין אייביקע סימפּאַטיעס. סימפּאַטיעס וועפּן-אויס מיט דער צייט, און עס בלייבן די טאָג-טעגלעכע אינטערעסן. קיין בונד פון אינטערעסן, עקאָנאָמישע מיין איך, צווישן פויערנטום און קאָמוניזם איז נישטאָ. ווען דער פויער וועט פאַרגעסן, אַז די ערד האָט אַמאָל געהערט צום פּריץ, דעמאָלט וועלן איבערגעריסן ווערן אַלע פעדים, וואָס פאַרבונדן אים מיטן קאָמוניזם.

וועט זיך דער קאָמוניזם מוזן צובויגן צו די אינטערעסן פון דער גרויסער מאַסע פויערים. מאַכמעד וועט מוזן גיין שריטווייז צום באַרג, ווייל דער באַרג צו מאַכמעדן וועט ג[illegible]

גיין. דאָס איז די טענדענץ, דער גאַנג פון אַנטוויקלונג, ווען מען גלויבט אין אַ פרידלעכער אַנטוויקלונג.

און דער סימבאָל פון דעם בונד צווישן די פויערים און די אַרבעטער בלייבט שטיין — דער האַמער און דער סערפּ. ס'איז געווען זייער אַ פּשוטער געדאַנק, דער לעניניש ער, ווייל אַנדערש איז קיין מלוכה-פּאָליטיק נישט געווען מעגלעך. אָבער אַלע גרויסע און וויכטיקע געדאַנקען זענען פּשוט.

אָן דעם בונד מיטן פּויערנטום וואָלט דער קאָמוניזם געבליבן הענגען אין דער לופט, און וואָלט זיך גאָר אין אַ קורצער צייט אויסגעפּרעגלט אין אייגענעם סאָוס.

און עס איז געווען די טראַגעדיע פון דער „יעווסעקציע", וואָס זי האָט מיט קיינעם נישט געהאַט צו שליסן קיין בונד. דער סערפּ האָט געפעלט — אַ געזונטע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסע, און צווישן האַמער און וואָג-שאָלן,—דער סימבאָל פון קרעמער—האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט זיין קיין שלום.

זענען זיי טאַקע געבליבן הענגען אין דער לופטן, אָפּגעריסענע און — פאַרהאַסטע. אפילו זייערע שאָסן און גראַנאַטן זענען געפאַלן אַזוי ווי אין אַ יידיקן חלל אַריין. נישט געווען קיין ווידערשטאַנד.

און עס איז דעריבער אַזוי נאַטירלעך, וואָס די בעסערע פון זיי האָבן זיך איצט מיט פיל איבערגעגעבנקייט געוואָרפן אויף דער אַרבעט ביי דער ערד-איינאָרדנונג, כאָטש דאָס יידישע פּויערנטום, אַזוי ווי יעדעס אַנדער פּויערנטום, ווייזט נישט אַרויס קיין שום נייגונגען צום סאָציאַליזם; פאַרקערט, עס ווייזט אַרויס אַלע סימנים פון אַ קאָנסערוואַטיווער מאַסע, און וואָס מער די די יידישע פּויערים ווערן זעסהאַפט, איינגעוואָרצלט, אַלץ מער ציט עס זיי צו אינדיווידועלע פאָרמען פון דער ווירטשאַפט, אַלץ מער ציט עס זיי — אויפן קולטורעלן געביט — צוריק צו אַלטע פאָרמען פון יידישקייט.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין מאָסקווע פון מיין נסיעה איבער די יידישע קאָלאָניעס אין דרום-רוסלאַנד וואו אַלע קאָלאָניסטן זענען זיך צעפאַלן, און אומעטום איז מען

איבערגעגאַנגען צו אינדיווידועלע ווירטשאַפטן, האָב איך געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ יידישן קאָמוניסט, אַ יעווסעק, וואָס האָט זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דער ערד־איינאָרדנונג און ער טוט זייער פיל אויף דעם געביט. ער איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָסער איינדרוק די קאָלאָניעס האָבן געמאַכט אויף מיר.

— דעם בעסטן איינדרוק — האָב איך געזאָגט, — איין זאַך אָבער איז מיר קשה: וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט פאַר אייך, סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן? פאַר מיר און מיינס גלייכן, פאַרשטיי איך, וואָלט עס געווען אַן אַרבעט. איר נעמט און שטעלט אויס קליינע אייגנטימער, און פאַרביסענע אָנהענגער פון אייגנטום, ווייל דאָס געפיל פון אייגנטום, ווי איר ווייסט, איז ביים פויער האַרטער און פאַרביסענער, ווי ביים שטאָט־מענטש. איר, וואָס אייערע אַלע באַמיאונגען זענען אָנגעווענדט דערויף, צו פאַרמינדערן די ראָלע פון אייגנטום און דערפירן זי אויב נישט צו נול, טאָ אויף יעדן פאַל ביז צו מינימום, באַשאַפט מיט אייערע אייגענע הענט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קליינע אייגנטימער? —

זיין ענטפער איז געווען — אַ שמייכל, וואָס איך האָב אים געקאָנט אויסטייטשן, ווי איך וויל. עס האָט געקאָנט הייסן, אַז מיין פראַגע איז נאַאיוו. די ראַטן־מלוכה גייט איצט אויפן פּראַקטישן וועג פון סאָציאַליסטישער בויאונג, און ווען עס קאָן נישט זיין סאָציאַליסטישע, איז גענוג בויאונג אַליין. און עס האָט געקאָנט הייסן: וואָס איז די נפקא־מינה? אַבי צום געזונט. ס'איז אַן אַרבעט אַ לעבעדיקע און אַ פּרוכטבאַרע, און מען טוט די אַרבעט.

די יידישע ערד־איינאָרדנונג איז — אַחוץ, וואָס זי איז אַ ממשותדיקע הילף פאַר דער פּאַראָרימטער יידישע באַפעלקערונג — אויך נאָך — איך וואַג דאָס צו זאָגן — אַ שטיקל תיקון פאַר דער יעווסעקישער נשמה, — די פאַרראָסטעטע און טרוקענע נשמה, וואָס איז נישט געטראָגן געוואָרן פון קיין שום סימפּאַטיעס, און האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון וואַרעמקייט און דער־הויבנקייט.

אפילו דער „באוועס" ליטוואקאָוו האָט געקאָנט דערלעבן דעם נחת, וואָס אַ גרופּע קאָלאָניסטן, באַזעצנדיק זיך אויף דייערע ערדן, האָט אים געדאַנקט אין זיין „עמעס" און האָט צו דער גרינדונג פון נייעם ישוב אים געשיקט אַ דעפּעש און אָנגערופן די קאָלאָניע אויפן נאָמען פון זיין צייטונג.

און ערגעץ אין אַ צענטער פון דער ערד-איינאָרדנונג האָב איך געטראָפן דעם „קליינעם קאָמיסאַר". דער „קליינער קאָמיסאַר" — אַזוי וועלן מיר אים אָנרופן — איז געווען אַ שם-דבר אין רוסלאַנד. דער גאַנצער האָס צו דער „יעווסעקציע" איז אויסגעגאָסן געגאַנגען צו זיין קאָפּ. און אַ קאָפּ האָט דאָס מענטשל אַ שוואַכס. דאָס גאַנצע מענטשל איז קליין און שוואַך, אָבער געטראָגן האָט עס אַ גרויסן לאַנגן רעוואָלווער, און האָט ליב געהאַט אָנצוואַרפן אַ פּחד. דער קליינער קאָמיסאַר, אַז ער איז אַריינגעקומען אין אַ שטעטל, האָט מען געוואוסט, אַז מען וועט שוין גלאַטיק נישט אָפּשניידן. האָט מען געדאַרפט צונעמען אַ שול צי אַ בית-המדרש, איז ער געקומען מיט זיין לאַנגן רעוואָלווער. ער האָט געהאַט אַ שרעקלעכע הנאה, אַז מען האָט אים געשאָלטן. דאָס איז געווען אַ סימן פאַר אים, אַז ער טוט זיין אַרבעט בשלמות, אַז ער קריכט דער „בורזשואַזיע" אין דער לעבער אַריין.

אַ פּאַרטיי-סטאַזש האָט ער געהאַט אַ גוטן. אַליין געווען אַן אַרבעטער, אַ שניידער, פון די אָרעמע שניידערלעך מיט די גראָע אויסגעלאָשענע אויגן און דאַרע פּנימלעך, וואָס איין גאָט ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין זייער נשמה און צו וואָס זיי זענען אַלץ פּעאיק. געאַרבעט יאָרן-לאַנג אין „בונד", און נישט זייער הויך זיך דערדינט. שוואַכע גייסטיקע פּעאיקייטן, כאָטש אַן איבערגעגעבענער און אַ קאָנספּיראַטיווער. געווען אַ סך אַזוינע טיפּן אין דער אונטער-ערדישער באַוועגונג. ער האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן, כמעט היסטאָרישן פאַרדינסט, ביי די באָלשעוויקעס: ער איז געווען דער ערשטער „בונדיסט", וואָס האָט זיך געשטעלט אין רשות פון קאָמוניזם, בשעת דער „בונד" און אַלע זיינע פירער זענען נאָך געווען געגנער פון

די קאָמוניסטן. דערשפּירט האָט דאָס אָרעמע שניידערל, אַז דאָס איז זיין טאָג געקומען, און אַז דער קאָמוניזם איז זיין זאַך.

האָט ער געאַרבעט מעשים און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף יידן.

אָבער די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם זענען אַריבער, און דער קליינער קאָמיסאַר האָט מער נישט געקענט שפּילן די ראָלע פון פריער, צוליב זיין באַגרענעצטקייט. און איך האָב אים געטראָפן, אים און זיין לאַנגן רעוואָלווער, אויף דער פּראָווינץ ביי דער ערד-איינאָרדנונג.

ער צאַצקעט זיך נאָך אַלץ מיטן רעוואָלווער, ווייל ער איז דער סימן פון זיין מאַכט, אַז ער, דאָס אָרימע שניידערל, איז אַ פּאַרשוין, אַ מענטש, וואָס האָט וואָס צו זאָגן. אָבער די גאַנצע מוראדיקייט איז געוואָרן אָפּגעטאָן פון אים, ער באַגייט זיך מיט די קאָלאָניסטן, ווי אַן אמתער בעל-רחמים, שוין צו-פיל ווייכהאַרציק. ער שרייט-אָן, און שרייבט אָן אַ צעטל, מען זאָל אַרויסגעבן שטיצע; ווענדט מען זיך צו אים נאָך עפּעס, וועט ער צוערשט גאַנץ גוט אויסזידלען, און לסוף טוט ער וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים. עס האָט אַ פּנים, ווי די נשמה פון דעם קליינעם קאָמיסאַר וואָלט דאָ געזוכט אַ תּיקון.

דער לאַנגער רעוואָלווער, ווען ער ציט אים אַרויס פון זיין הויזן-טאַש, זעט אויס אין זיינע דאַרע הענט אַזוי ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון אַן אונטערגעוואַקסן קינד.

און קיינער שרעקט זיך מער נישט פאַר אים.

* * *

איך קאָן נישט זאָגן, ווי גרויס עס איז די צאָל אָנהענגער פון דער „יעווסעקציע” צווישן די יידישע אַרבעטער.

פון די האַלב-לעגאַלע פּאַרטייען עקזיסטירן נאָך קליינע רעשטלעך פון די לינקע „פּועלי-ציון". מען רודפט זיי נישט, אָבער זיי זענען אויך נישט דערלויבט. אין מינסק האָב איך געטראָפן אַ פּלאַקאַט וועגן זייערס אַן אָוונט, איז ער געווען אַרויסגע-האָנגען אויפן שול-הויף, דאָס נעסט פון דער האַלבער (שטילער-הייט טאָלערירטער) אומלעגאַליטעט, ווי אַ שטייגער די תלמוד-תורה. איך רעכן נישט, אַז די שטימונגען פון קאָמוניסטן-ציוניסטן זאָלן זיין שטאַרק אין רוסלאַנד. רעשטלעך זענען דאָס, און מיט נישט קיין זייער קלאָרער פיזיאָנאָמיע. גרעסער זענען די שפּורן, וואָס דער „בונד" האָט געלאָזן.

איר קאָנט עס באַמערקן דערפון, וואָס נאָך ביז צום היינטיקן טאָג ווערט אין דער אָפיציעלער פּרעסע און אויף די מיטינגען געקעמפט געגן „בונד" מיט דער גרעסטער פּאַר-ביטערטקייט. קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, משרתים פון דער בור-זשואַזיע — דאָס איז דאָס מינדסטע, וואָס איר קאָנט הערן וועגן די בונדיסטן.

פון דעם איז צו דרינגען, אַז די בונדיסטישע שטימונגען מוזן נאָך לעבן ביי די יידישע אַרבעטער. די באָלשעוויקעס שיסן נישט אין דער ליידיקער לופט אַריין.

דעם ערשטן יידישן אַרבעטער-מיטינג האָב איך בייגע-וואוינט אין מינסק. ס'איז געווען דער 25-יעריקער יובילעאום פון פּראָפעסיאָנעלן פּאַריין פון די שניידערס. אַ גרויסער עולם איז געקומען, אַן ערך 700—800 מאַן, און צווישן זיי אַ גרויסע צאָל עלטערע אַרבעטער, און אַ טייל פון זיי מיט בכבודיקע באַוואָקסענע בערד, האַלב-גרוילעכע שוין. רעדנער האָבן גע-רעדט: אָפיציעלע, מלוכהשע, אוניפאָרמיש. איידער דער רעדנער הויבט אָן, נאָכדעם ווי דער פּאָרזיצער האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, שפּילט אויף די מוזיק עטלעכע טאַקטן פון אינטערנאַ-ציאָנאַל, און דער גאַנצער עולם שטעלט זיך אויף די פיס. געענדיקט דאָס שפּילן, זעצט זיך דער עולם, און דער רעדנער הויבט אָן זיין פייערלעכע רעדע. דריי פערטל פון איר ענען אויסגעפּילט מיט אַ וואָרנונג און אַ פּראָטעסט געגן די

„משרתים פון דער בורזשואַזיע“ — די בונדיסטן. געענדיקט, שפּילט ווידער די קאַפּעלע עטלעכע טאַקטן פון אינטערנאַציאָנאַל, און דער עולם שטעלט זיך; אויפגערופן דעם צווייטן רעדנער — ווידער דערזעלבער צערעמאָניאַל, און ווידער אַ רעדע געגן „בונד“, און אַזוי איינער נאָך דעם צווייטן, אַ שטיק צען יידישע רעדעס.

נאָר איין רעדנער, אַ רוס, פון ווייסרוסישן סאָוונאַרקאָם (ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט צוויי יידישע פראַזן און איז איבערגעגאַנגען צו רוסיש), האָט אויך געווידמעט זיין רעדע דעם קאַמף מיטן „בונד“, אָבער (מעשה גוי!) האָט ער דאָך דערמאָנט, אַז דער „בונד“ האָט אין זיין צייט עפּעס אויפגעטאָן פאַר די יידישע אַרבעטער, נאָר וואָס איצט איז שוין אַריבער זיין צייט. און מען האָט ווידער געשפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל און מען האָט זיך געהויבן פון די ערטער.

ווען די פייערלעכע צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט (ס'איז געווען אַ קאַפּיטשקע לאַנגווייליק, אָנגעצויגן, און דאָס הויבן זיך אַלע ווײַלע פון אָרט איז געוואָרן איבערדריסיק), האָב איך מיך גוטמוטיק געווענדט צו אַ באַקאַנטן, גאָרנישט קיין נאַרישן קאָמוניסט, מיט דער פראַגע:

— וואָס איז די מעשה, וואָס איר האָט אַזויפיל גערעדט וועגן „בונד“?

— מענטש! — האָט ער געענטפערט — דאָס איז דאָך געווען אַ בונדישער פאַריין. און מען שלאָגט זיי אַרויס פון די קעפּ דעם בונדיזם.

איך דערמאָן מיך דעם אַרבעטער-עולם, וואָס איך האָב געזען אויף יענער פאַרזאַמלונג, און קאָן מיר אַליין בישט אָפּגעבן אַ רעכענונג, צי איז טאַקע דער גאַנצער עולם געווען מיט די רעדנער, און צי זיי האָבן אויסגעדריקט די שטימונגען פון אוידיטאָריום. אַ גרויסן בייפאַל און אַן אויפריכטיקן האָט געהאַט נאָר דער פאָרשטייער פון „סאָוונאַרקאָם“, באַזונדער פאַר די צוויי יידישע פראַזעס, וואָס מיט זיי האָט ער אָנ-

געהויבן זיין רעדע. די איבעריקע רעדעס זענען אויפגענומען געוואָרן קאַלטלעך. איבעריקנס, ווער קאָן וויסן, וואָס מענטשן פילן, אַז מאָמענטאַל קנאַקט אַרויס די קאָפּעלע, און זיי מוזן זיך שטעלן אויף די פיס?

XXXIV

דער צוזאַמענשטויס אויף דעם געזערד־צוזאַמענפאָר.

דאָס איז געווען אַ היסטאָרישע נאַכט, און די מענטשן, וואָס זענען געווען ביי דער דיסקוסיע, וועלן זי לאַנג-לאַנג נישט פאַרגעסן.

„אַזוינס האָבן מיר דאָ נישט געהאַט פאַר די לעצטע אַכט יאָר, זינט די באָלשעוויקעס רעגירן”, האָבן מיר געזאָגט אומ־פּאַרטייאישע מענטשן.

דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן זייער מאַט און נישט אינטערעסאַנט. ווײַנשטיין האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער באַציאונג פון „געזערד” (געזעלשאַפט פאַר יידישע ערד-איינאָר־דענונג) צו די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס העלפן דער קאָלאָניזאַציע, און זיין רעדן האָט דעם עולם זייער קנאַפּ אינ־טערעסירט. אָבער אומגעריכטערהייט איז די דיסקוסיע אַוועק ווייט-ווייט, און עס האָט געשמעקט אין זאַל מיט פולווער און מיט אויפרייס.

פלוצלונג זענען אויפגעשוואומען אין געדעכעניש די „אַלטע גוטע צייטן”, ווען קיין דיקטאַטור איז נישט געווען, יענע צייטן, ווען מענטשן האָבן זיך געטיילט אויף פּאַרטייען, און יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט די פרייהייט צו רעדן און אַגי־טירן, ווען מענטשן אויף פאַרזאַמלונגען פלעגן זיך קאָכן, ווען מיינונגען און שטאַנדפונקטן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. ס'איז

געווען אַ היסטאָרישער אָוונט, נישט נאָר ווייל מען האָט גע־רעדט פרייער ווי געוויינלעך, נאָר אויך ווייל דער אָוונט איז געווען זייער אָנגעשטרענגט דראַמאַטיש. ס'איז געווען אַ צוזאַ־מענשטויס פון ריכטונגען אין דער קאָלאָניזאַציע גופא, און דאָס אינטערעסאַנטסטע פון דעם צוזאַמענשטויס איז געווען, וואָס די נאַציאָנאַלע ריכטונג האָבן רעפּרעזענטירט—„די גויים״; פאַרקערט, די אַנטי-נאַציאָנאַלע, אָדער נישט-נאַציאָנאַלע, האָט רעפּרעזענטירט — די יעווסעקציע.

פאַרזאַמלונגען אין ראַטן-פאַרבאַנד פאַרלויפן איצט זייער מאָנאָטאָן, גרוי-וואָכעדיק. מען איז געוואָרן זייער פּראַקטיש, זייער זאַכלעך. מען אַנטלויפט פון פראַזעס, ווי פון אַ בייזן שד. מען היט זיך פון שיין-רעדעריי. יעדע רעדע איז אָנגעפּיקעוועט מיט ציפערן, מיט פאַקטן. מען פילאָזאָפירט נישט — און עס איז נישטאָ וואָס; מען פּאָלעמיזירט נישט—נישטאָ קעגן וועמען. עס רעדט שטענדיק נאָר איין צד — די דיקטאַטור. און איר רעדן איז טאַט. אַזוי זאָל עס זיין און אַזוי וועט עס זיין.

צי איז דאָ נאָך אַ צווייטער צד, וואָס האָט עפּעס צו זאָגן? מסתמא איז ער דאָ, מסתמא וואָלט ער געווען. אָבער דער צווייטער צד קען גאָרנישט טאָן, קען נישט רעדן און ממילא האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטן.

דער צווייטער צד — דער אומפּאַרטייאישער — לאָזט זיך פירן. דאָס איז אַ גאַנץ גרויסע מאַסע אינטעליגענטן, וואָס לאָזט זיך באַאיינפלוסן. דער מענטש איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַלץ, וואָס שטערט אים זיין עק־זיסטענץ, און דער מענטש (דער אומפּאַרטייאישער) פילט דאָ אינסטינקטיוו, אַז פון זיין טראַכטן קען קיין גוטס נישט אַרויס־קומען, נישט פאַר אים, נישט פאַר קיינעם, מיט זיין טראַכטן וועט ער דערפירן נאָר דערצו, וואָס ער וועט זיין אין אַ שטענ־דיקן קאָנפליקט מיט זיך אַליין: ווייל ווייטער ווי טראַכטעניש וועט עס נישט גייען. ווער וויל דאָס זיין אין דער ראָלע פון אַ האַמלעט אַלע טעג און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

לאָזט ער צו, אַז זיי קאָמוניסטן זאָלן שוין דערפילן פאַר אים אויך די פונקציע פון טראַכטן.

די יידישע אַזוי-גערופענע אומפּאַרטייאישע אינטעליגענץ „סימפּאַטיזירט״, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, מיט אַ טרוקענער, קאַלטער, טויט-בלייכער „סימפּאַטיע״ מיט די קאָמוניסטן.

דאָס וואָס אין רוסלאַנד פלעגט מען רופן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, — נישטאָ אַזוינע מער. צו אַרבעטן ווערט גערופן יעדער, און יעדער טוט גערן די אַרבעט אין „געזערד״; מען האָט זיך פּשוט געוואָרפן אויף דער אַרבעט. ביז 60,000 מיטגלידער זאָל איצט דער „געזערד״ פאַרמאָגן, און פון זיי איז די גרויסע מערהייט אומפּאַרטייאישע; אַפילו ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן באַטייליקן זיך. מען האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, ווייל זי איז אַ לעבעדיקע און אַ פרוכטבאַרע. די קאָמוניסטן האָבן איבער דער אַרבעט די השגחה, אַזוי ווי אומעטום. אַזוי ווי ס'איז איצט איינגעפירט אין ראַטן-רוסלאַנד. דער „ספּעץ״ (ספּעציאַליסט) פירט די אַרבעט, ער איז דער „זאַמיעסטיטעל״ (שטעלפאַרטרעטער), און איבער אים שטייט אַ קאָמוניסט, וואָס דאַרף גראָד נישט פיל צו פאַרשטיין פון דער אַרבעט, אָבער ער גיט אַכטונג, אַז די ליניע און די פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָל דורכגעפירט ווערן. אַזוי האָט מען זיך שוין איינגעלעבט אין ראַטן-פאַרבאַנד, און קיינעם פעלט נישט איין צו זיין אומצופרידן דערמיט.

דער אומפּאַרטייאישער מוז זיך שטענדיק האַלטן אין די גרענעצן פון דער פּראַקטיק, פון די טאָג-טעגלעכע פראַגן. די פּערספּעקטיוון פון דער אַרבעט, די אַלגעמיינע ליניע — דאָס געהער נישט צו אים. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, רעד און שרייב — די יידישע סעקציע, זי אַליין האָט דאָס צו טאָן — דיקטאַטור!

און דאָ מיטאַמאָל האָט עס אויסגעשאָסן, אַזוי ווי פון אונטער אַ וואולקאַן, די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט! זי איז פּלוצלונג לעבעדיק געוואָרן און האָט באַקומען לשון. ס'איז

אַוועק אַ הייסע דעבאַטע, אָבער אַזוי מיטן גאַנצן קנאַק. און דער עולם האָט געהאָרכט און געהאָרכט, און האָט גישט געגלויבט די אייגענע אויערן.

צי זענען אָנגעקומען „משיחס צייטן"? בראַגין, דער אומפּאַרטייאישער, שטייט אויף דער טריבונע, און ווי אַ גלייכער מיט גלייכע רעדט ער צו די „יעווסעקעס": „איר זענט נאָכשלעפּער! איר האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּלאַן! איר האָט נאָר צוגעלייגט אייער שטעמפּל צו געשעענע זאַכן. די באַוועגונג פֿון יידן צו גיין אויף ערד איז אייך איבערגעוואַקסן, אַז מען האָט אייך געזאָגט פֿאַר עטלעכע יאָר, אַז ס'איז מעגלעך צו באַזעצן הונדערט טויזנט יידישע פֿאַמיליעס אויף ערד, האָט איר געשריגן, אַז דאָס זענען חלומות, געפֿערלעכע, קליינבירגערלעכע, נאַציאָנאַליסטישע, טעריטאָריאַליסטישע אוטאָפּיעס! איצט, אַז די באַוועגונג איז אויסגעוואָקסן, האָט איר אַליין שוין גענומען רעדן פֿון הונדערט טויזנט פֿאַמיליעס. אָבער איצט, מיט דעם דערפֿאָלג פֿון דער אַרבעט, איז אויך די פּערספּעקטיוו אויסגעוואָקסן. איצט מוז מען אויפֿהויבן די לאָזונג: אַ יידישע טעריטאָריע, אַ יידישע רעפּובליק, אַ יידישע נאַציאָנאַלע באַזע. קומט מען און מען זאָגט אייך דאָס, שרייט איר, אַז דאָס איז טעריטאָריאַליזם. איר זענט נישט קיין פּירער, איר שלעפּט אייך נאָך, און אויף אייך ליגט דאָך דער חוב צו זיין די פּירער, אויף אייך, די קאָמוניסטן. ווייל... ווייל... ווייל...

און דאָ האָט דער עולם שוין אַליין געמוזט זיך אָנשטויסן פֿאַרוואָס. — דערפֿאַר, ווייל ווען אַן אַנדערער זאָל וועלן אָנפֿירן, וועט מען אים געבן איבער די הענט.

אָט אַזוי האָט בראַגין, דער אומפּאַרטייאישער, געדונערט פֿון דער טריבונע, און איז אַריין אין פּאַטאָס, און אַז ער האָט געענדיקט, האָט דער זאַל געהילכט פֿון בראַוואָס. די „יעווסעקעס" טשעמערינסקי, אסתּר פֿרומקין, ליטוואַקאָוו, זענען געזעסן ווי אויף פֿייערדיקע קוילן... מען האָט זיך געשושקעט.

בראַגין איז שיער נישט אויסגעוואָקסן דער העלד פֿון טאָג.

ער האָט גערעדט מיט פייער און איבערצייגונג. די אומע־טיקייט פון ציפערן, די גראָקייט פון די חשבונות וועגן גרויסע צו קליינע הייזער, צווי קי מיט איין פערד, צו פאַרקערט, צוויי פערד מיט איין קו, אָט די גראָע זאַכלעכקייט איז פאַרשוואונדן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט, אין די קולואַרן איז קיינער נישט געבליבן, די שפּאַנונג איז געוואַקסן.

בראַגין אַליין איז איינער פון די שענסטע טיפּן פון דער „יידישער געזעלשאַפטלעכקייט". אַ גוטער רעדנער, אַ טעמפּע־ראַמענטפולער, און פון זיין אַמאָליקער צוגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער פּאַרטיי איז אים געבליבן זייער פיל נאַציאָנאַלער פּאַטאָס. ער איז אויפריכטיק, נישט איבריק דיפּלאָמאַטיש, און טרעפט אין פינטל אריין.

די רעדע איז פאַקטיש געווען אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די „יעווסעקעס". קעגן זייער באַגרענעצטקייט און טעמפּקייט, וואָס האָט זיי געמאַכט אַזוי פרעמד און אָפּגעריסן אין דער יידישער גאַס.

אַזוינע רעדעס קאָנען נישט דערלאָזט ווערן אין ראַטן־פאַרבאַנד. דאָס איז קלאָר. ווייל דאָס איז קעגן דעם גאַנצן סיסטעם. שלעכט צי גוט, אָבער דער ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט, און האָט בשום־אופן נישט בדעה אויפצוהערן צו עקזיסטירן. פאַר־קערט, ער וויל דעראָבערן די וועלט, און דער ראַטן־פאַרבאַנד קאָן זיך האַלטן נאָר מיט דעם כוח פון אַ דיקטאַטור. דאָס ווייסט יעדערער, און די קאָמוניסטן ווילן אייך דאָס נישט באַהאַלטן. זיי זאָגן עס אָפן און פּרעדיקן עס אָפן. וואָלטן זיי געקאָנט אָפּלאָזן די „ייצעס, איינפירן פרייהייטן, וואָלטן זיי דאָס געוויס געטאָן. און מיטן גרעסטן פאַרגעניגן וואָלטן זיי דאָס געטאָן. קיין רשעים זענען זיי נישט. זיי קאָנען נישט דערלויבן קיין פרייהייטן, ווייל דערמיט ווילן זיי דאָס גאַנצע סיסטעם, די גאַנצע געביידע פון דער ראַטן־אָרדנונג שטעלן אין סכּנה. איך מיין, אַז אין דעם טאָג, וואָס אין ראַטן־פאַרבאַנד וואָלט אָפּגעשאַפט געוואָרן די דיקטאַטור, און די מענטשן וואָלטן באַ־קומען די פרייהייט צו רעדן, שרייבן און אַגיטירן, וואָס זיי

ווילן, אין דעם טאָג וואָלטן די ערשטע גליקלעכע געווען גראָד די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעמאָלט וואָלטן זיי געפילט, אַז זיי זענען באמת שטאַרק... אָבער דערצו איז ווייט... זייער ווייט. (לאָמיר זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין נביאות אויף דער צוקונפט.)

דעריבער טאַקע האָב איך נישט איבערגעטריבן, ווען איך האָב אָנגעהויבן דערפון, אַז דאָס איז געווען אַ היסטאָרישע נאַכט.

אָבער מיינט נישט, אַז די „היסטאָריע" האָט טאַקע געמאַכט דער אומפּאַרטייאישער בראַגין. דאָס וואָלט נישט געווען פאַר זיינע כוחות. בראַגין איז טאַקע אַ מענטש מיט פאַרדינסטן. ס'איז אַ סברה, אַז לענין אַליין האָט פון אים געהאַלטן. ער איז אַ מענטש מיט פּראָיעקטן, מיט פאַנטאַזיע, מיט געוואַגטקייט, און לענין האָט ליב געהאַט אַזוינע מענטשן. ער האָט זיי אויסגעזוכט, וואו נאָר ער האָט געקאָנט. לענין איז געווען אַ דאָקטרינער. אָבער ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט. און ער האָט געקאָנט צוקלויבן מענטשן.

בראַגין איז דער איניציאַטאָר פון דער „אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג". ער האָט געמאַכט דעם פּראָיעקט, און לענין האָט אונטערגעשריבן — „אָדאָבריאַיו" (איך געפין פאַר גוט), און דער פּראָיעקט איז אויסגעפירט געוואָרן. בראַגינען געהער אויך דער פּראָיעקט וועגן אַ יידישער רעפובליק, אויף וואָס ער האָט געזאַמלט חתימות פון אַלע קאָמוניסטישע גדולים, צווישן זיי אויך טראָצקי. ער שרייבט אַרטיקלען אין די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי-צייטונגען. בראַגין איז אַן אייגענער מענטש, אָבער נישט קיין קאָמוניסט. און צען אַזוינע ווי ער וואָלטן נישט געקאָנט אַזוי אַרויסטרעטן עפנטלעך און מיט אַזאַ דרייסטקייט, ווי ער האָט דאָס געטאָן, ווען ער וואָלט נישט געוואוסט, אַז ער האָט הינטער זיך ברייטע, זייער ברייטע פּלייצעס, אויף וועלכע ער קאָן זיך אָנשפּאַרן. נישט קיין אַנדערע, ווי דער פאָרזיצער פון „וציק" קאַלינין, און דער

מיטגליד פון דעם אייגענעם „וויציק" לאַרין, האָט ער געהאַט אויף זיין זייט.

לאַרין, דער פּאָרזיצער פון איצטיקן צוזאַמענפאָר, איז נישט בראַגין. ער איז אַן אַלטער קאָמוניסט, איינער פון די איטעליגענטסטע קעפּ אין ראַטן־פאַרבאַנד. ער איז געזעסן ביים טיש און מיט זיין געלעמטער האַנט (ער איז אַ פּאַראַליזירטער מענטש), האָט ער אונטערגעשפּאַרט זיין קאָפּ. לאַרין (זיין נאָמען איז לוריע) איז אַ טיפּישער אינטעליגענט פון יידישער אָפּשטאַמונג, דורך און דורך אַסימילירט. ער איז אַ געמיש פון רוסישער קולטור און גוט יידיש בלוט. אויף זיין פּנים שפּיגלט זיך אָפּ דער אַדעל פון אַלטע יידישע רבנים, צוזאַמען מיט דער שאַרפקייט און ביטערקייט פון אַ קעמפער. זיין פּאַראַליטש, זיין קערפּערלעכע געבראָכנקייט, שטרייכט נאָך מער אונטער זיין גייסטיקייט. צווישן אים און די יעווסעקעס איז משמעות קיינמאָל נישט געווען קיין שלום (און ווער וואָלט געקאָנט לעבן מיט זיי בשלום?) — אָבער אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער תהום, וואָס טיילט זיי פונאַנדער.

פון איין זייט איז געשטאַנען קאַלינין, וואָס זיין רעדע אַ טאָג פריער האָט שטאַרק באַטאָנט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין דעם גאַנצן ענין פון דער קאָלאָניזאַציע. אָט די רעדע האָט די יעווסעקעס אַריינגעבראַכט אין אַ שרעקלעכער צעררודערונג, אַז זיי זענען געשפּרונגען פון דער הויט און זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. קאַלינינס רעדע איז דורך די יעווסעקעס פאַרהאַלטן געוואָרן גאַנצע צוויי טעג, דאָס איז אַ פאַקט. ערשט אויף איבערמאָרגן איז די רעדע געווען אין די צייטונגען, נאָכדעם ווי זי איז צענזורירט געוואָרן אויף זייער אַ שטרענגן אופן. פון איר זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן די אַלע שטעלן, וואָס זענען נישט געפעלן געוואָרן די יעווסעקעס. ערשט אין 10 טעג אַרום האָט קאַלינין, דער העכסטער אָפיציעלער פאָרשטייער פון ראַטן־פאַרבאַנד, באַקומען די געלעגנהייט אָפּצודרוקן זיין רעדע, ווי זי איז גערעדט געוואָרן.

אויף דעם זעלבן באָדן, וואָס קאַלינין, שטייט און איז געשטאַנען לאַרין.

אַנטקעגן איז געשטאַנען די „אַלטע גוואַרדיע״, דאָס צענטראַל־ביוראָ פון דער יידישער סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס פאַר זיי איז דער נאַציאָנאַליזם פון די „גויים״, קאַלינין און לאַרין, געווען טרייף, ציוניסטיש, קליינבירגערלעך, ראַטן־אחד־העמיזם, און נאָך און נאָך. זיי האָבן די רעדע פון קאַלינינען צום ערשטן פאַרהאַלטן, דערנאָך געקירצט, ביז זי האָט ענדלעך באַקומען די דערלויבעניש (מסתמא, פון דער העכסטער אינסטאַנץ, פון דעם פּאָליטישן ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) צו זיין געדרוקט.

אינערלעך האָט דער קאַמף שוין לאַנג אויסגעבראָכן, און בראַגין האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך אויף וועמען אָנצולענען.

XXXV

דער קאַמף צווישן לאַרינען און בראַגינען פון איין זייט און די יעווסעקעס פון דער צווייטער זייט האָט זיך געענדיקט מיט דעם נצחון פון די יעווסעקעס. לאַרין און בראגין זענען מער נישט אין דער פאַרוואַלטונג פון „געזערד", בלויז אין ראַט זענען זיי פאַרבליבן.

דער נצחון איז אָבער געווען בלויז אַ פאָרמעלער. די גאַנצע צ. ב. פון די יעווסעקעס וואָלט דאָך געמוזט אַוועק, ווען זיי וואָלטן פאָרמעל נישט אויסגעפירט. אין אמתן אָבער זענען זיי געשלאָגן און פילן זיך געשלאָגן. דער פאַקט איז, אַז זיי האָבן קאַלינינס רעדע צום ערשטן גוט אַרומגעשניטן און אַרויס־געוואָרפן פון איר אַלע שטעקן, וואָס האָבן געשמעקט מיט „נאַציאָנאַליזם", און דאָך איז די רעדע דערנאָך (מיט דער הסכמה פון פאָליט־ביוראָ) געווען אָפּגעדרוקט אין גאַנצן פאַרנעם אין די אָפיציעלע סאָוויעטישע צייטונגען. דאָס אַליין ווייזט שוין, אַז קאַלינינס שטאַנדפּונקט האָט געקראָגן די אָפיציעלע הסכמה.

זאָל מען אָבער נישט מיינען, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, צי מען זאָל אויסרופן איצט אַ „יידישע רעפּובליק", צי נישט, קיינער האָט דאָס נישט געפאָדערט. אַלע זענען איי־ניק דערין, אַז איצט איז צו פרי צו וואַרפן דעם לאָזונג פון אַ יידישער רעפּובליק. דאָס וואָלט געוויס געשמעקט מיט אַוואַנ־טורע. די לערך 25 טויזנט יידישע משפחות (ביז 150.000 נפשות)

פון יידישע קאָלאָניסטן, נעבן צוזייט און צושפּרייט, פון ווייס-רוסלאַנד ביז קריוואָראָג, כערסאָן, אָדעסער געגנט, ביז קרים. אומעטום זענען די יידישע ערדן קליינע אינזלען צווישן אַ ים פון נישט-יידן. נאָר אויף צוויי ערטער, אין קריוואָראָגער ראַיאָן און כערסאָנער, זענען פאַראַן גרעסערע מאַסיוון, פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער לענג און אַ 15 קילאָמעטער ברייט.

אין קרים האָט זיך עס ערשט אָנגעהויבן, און די לאַגע איז דאָרט נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר. ס'איז נאָך נישט קלאָר, וויפל מען וועט דאָרט קענען באַזעצן און ווי ווייט דאָרט איז מעגלעך אַ גרעסערער קאָנצענטרירשער ישוב—אַ נאַציאָנאַלע באַזע.

אָט וועגן דער נאַציאָנאַלער באַזע האַנדלט עס זיך, אריינ-צוברענגען אין דער גאַנצער באַוועגונג דעם פּאַטאָס, נישט נאָר פון עקאָנאָמישער הילף, נאָר פון נאַציאָנאַלער בויאונג, קאָנצענ-טרירונג פון די יידישע מאַסן, כדי צו שאַפן די מעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַלן קיום.

אָט דאָס טאַקע, דער נאַציאָנאַלער מאָמענט פון דער גאַנצער באַוועגונג, איז פאַר די יעווסעקן געווען טרייף, וואָס טרייף הייסט. מאַסיוון, גרויסע ערד-שטחס, דורכאויס באַזעצט מיט יידן, האָבן זיי אויך געוואָלט (כאָטש זיי האָבן דאָס נישט געטאָן, ווייל, ווי בראַגין האָט ריכטיק געזאָגט, נישט זיי האָבן געפירט די באַוועגונג, נאָר זיי האָבן זיך נאָך איר נאָכגע-שלעפּט), אָבער מאָטיווירט האָבן זיי עס דערמיט, ווייל ביי מאַסיוון, ביי אַ קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע, איז די אַרבעט גרינגער, מען שפּאָרט איין מי און באַאַמטע, די הוצאות וועלן זיין ווייניקער, ווי ביי צעשפּרייטער, צעוואָרפענער קאָלאָניזאַציע. פון אַ נאַציאָנאַלער באַזע האָבן זיי נישט גערעדט און נישט געלאָזט רעדן. און אַז יעווסעקן לאָזן נישט, רעדט מען נישט.

עס פאַרשטייט זיך, האָבן זיי געזאָגט, אויב אַ געניגנדיקע צאָל יידן וועלן זיך באַזעצן אויף איין אָרט, קומט זיי, לויט די געזעצן פון דעם ראַטן-פאַרבאַנד, אַ זעלבסט-פאַרוואַלטונג.

די זעלבסט-פֿאַרוואַלטונג קאָן אויסוואַקסן מיט דער צייט, מיט דעם וואַקסן פֿון דער צאָל יידן, צו אַ ראַיאָן-פֿאַרוואַלטונג, ביז צו אַן אויטאָנאָמע געגנט און ביז צו אַ רעפּובליק. אויב ס'וועט זיין, וועט זיין, און אויב נישט — נישט. אונזער אויפגאַבע איז נישט אָפּצוהיטן די עקזיסטענץ פֿון יידישן פֿאָלק. דאָס זענען קליינבירגערלעכע, שאָוויניסטישע געגנג.

די יידישע קאָלאָניזאַציע — טענהן זיי — איז נישט קיין יידישער ענין, נאָר אַ סאָוויעטישער. סאָציאַליסטישע בויאונג איז עס. אַ גרויסע צאָל בירגער פֿון ראַטן-פֿאַרבאַנד זענען געבליבן הענגען אין דער לופֿט און האָבן פֿאַרלאָרן די מעגלעכקייטן פֿון פּרנסה, דאַרף מען זיי איינאָרדנען. אָרדנט מען זיי איין אין די פֿאַבריקן צו ביסלעך, און צו ביסלעך אויף דער ערד. בלייבנדיק אין די קליינע שטעטלעך, שטעלן מיט זיך פֿאָר די יידישע מאַסן, וואָס זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, אַ סכּנה פֿאַר דעם לאַנד. זיי וועלן געשטופּט ווערן צו באַשעפֿטיקן זיך מיט אַלערליי נישט לעגאַלע און נישט פּראָדוקטיווע פּרנסות, מיט שמוגל וכדומה. דעריבער איז די גאַנצע אונטערנעמונג אַ סאָוויעטישער ענין, אַן אַלגעמיינער, נישט קיין ספּעציעל יידישער.

אַזוינע ווערטער, ווי בויען אַ יידישע נאַציאָנאַלע באַזע, ווי שטרעבן צו דערהאַלטן דעם קיום פֿון דער יידישער אומה, זענען פֿאַר די יעווסעקן געווען די גרעסטע אַפּיקורסות.

איצט לאָמיר הערן, וואָס קאַלינין האָט געזאָגט אין זיין באַרימטער רעדע. זי איז פֿול און איבערפֿול מיט דער אַפּיקורסות.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז קאַלינין, אַלס קאָמוניסט און מאַרקסיסט, מאַכט נישט אַוועק מיט דער האַנט דעם עקאָנאָמישן מאָמענט. ער איז דער סאַמע וויכטיקסטער. אָבער דערביי האָט ער זיך דערלויבט צו זאָגן אַזוינע ווערטער, וואָס יעדן יעווסעק האָט זיך געוואָלט מיט דער האַנט פֿאַרשטאָפּן די אויערן, כּדי נישט צו הערן דאָסדאָזיקע אַפּיקורסות און דידאָזיקע שאַנד.

אָט וואָס קאַלינין האָט צווישן אַנדערס געזאָגט:

„פאַר דעם יידישן פאָלק שטייט אַ גרויסע אויפ־גאַבע—אָפּצוהיטן זיין נאַציאָנאַליטעט, און צוליב דעם איז נייטיק איבערצופירן אַ באַדייטנדן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַן איינגעזעסענעם פויערנטום, אין אַן ערד־אַרבעטערישע קאָמפּאַקטע באַפעלקערונג, וואָס זאָל ציילן מינדעסטנס עטלעכע הונדערט טויזנט. נאָר ביי אַזוינע באַדינגונגען קאָן די יידישע מאַסע האָפן אויף אַ וויייטערע עקזיסטענץ פון איר נאַציאָנאַליטעט. דאָ שטייט פאַר דעם יידישן פאָלק אַ גרויסע אויפגאַבע און אויף איר דורכפירונג זענען נויטיק גרויסע אָנשטרענגונגען און מי מצד די מאַסן, וואָס זענען נישט געוואוינט צו ערד־אַרבעט.”

און אויף אַן אַנדער אָרט האָט קאַלינין געזאָגט:

„אין קעגנזאַץ צו דער אסימילאַציע, וואָס פאַרכאַפּט יעדן קליינעם פאָלק, ווען עס פעלט נאַציאָנאַלע אַנט־וויקלונג—האָט זיך אין די יידישע מאַסן אַנטוויקלט דאָס געפיל פון זעלבסטדערהאַלטונג, דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַליטעט. עס איז קיין ספק נישט, אַז די שאַפונג פון ערד־אַרבעטערישע קאָמונעס, דאָס אָרגאַניזירן פון פויערשער ערד־אַרבעטערישער ווירטשאַפט, איז ביי די איצטיקע קאָנקרעטע באַדינגונגען איינער פון די שטאַרק־סטע מיטלען אויף צו דערהאַלטן די יידישע נאַציע אַלס נאַציע. איך זאָג, אַז אין יסוד פון דער דערשיינונג ליגט די עקאָנאָמישע שטרעבונג, און די רעגירונג פון די ראַטן, איינאָרדנענדיק די יידישע שטאָטישע און שטעטלשע אָרימקייט אויף דער ערד, פאַרשטייט זיך, שטעלט זיך נישט דעם ציל דאַדורך צו דערהאַלטן די יידישע נאַציע אומאָפּהענגיק פון איר ווילן (מיין קורסיוו).

אָבער נישט נאָר די אַפּיקורסות אַליין האָט קאַלינין געזאָגט. ער האָט זיך אויך דערלויבט צו רעדן ברייט און אויס־פירלעך וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס וואַקסט אין רוסלאַנד,

אָט וועגן דעם נייעם טיפּ פון סאָוויעטישן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דעם באָדן פון דעם נייעם לעבן און די נייע אָרדנונגען.

ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„ווי אַזוי האָט זיך צוגעקלעבט (צו די אַרבעטער און פּויערים) דער אַנטיסעמיטיזם? פאַרוואָס איז די רוסישע אינטעליגענץ, משמעות, נאָך מער אַנטיסעמיטיש, ווי זי איז געווען אין די צייטן פון צאַריזם? דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אין קאַנאַל פון דער רעוואָלוציע געוואָרפן די אינטעליגענטישע און האַלב-אינטעליגענטישע שטאָטישע יידישע מאַסע... אין דעם מאָמענט, ווען אַ גרויסער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ איז אַוועק, האָט זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלוציע, פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך די יידישע אינטעליגענץ אַ וואָרף געטאָן אין קאַנאַל פון דער רעוואָלוציע און האָט אים אויסגעפילט אין אַ גרעסערן פּראָצענט, ווי עס מאַכט אויס לויט איר צאָל, און האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען פון די אַמטן. אָט אויף דעם באָדן אַנטוויקלט זיך דער אַנטיסעמיטיזם.

נאָר פאַר דער יידישער נאַציע, אַלס נאַציע, האָט די דערשיינונג אַ גרויסע באַדייטונג, און איך מוז זאָגן, אַז אַ נעגאַטיווע באַדייטונג (מיין קורסיוו). ווען מען האָט מיך אויף אַ פאַבריק געפרעגט: פאַרוואָס זענען אין מאָסקווע דאָ אַזויפיל יידן? האָב איך געענטפערט: ווען איך וואָלט געווען אַן אַלטער רב, וואָס זיין נשמה ווייטיקט פאַר דער יידישער נאַציע, וואָלט איך געלייגט אין חרם אַריין אַלע יידן, וואָס גייען קיין מאָסקווע אויף סאָוויעטישע שטעלעס, ווייל זיי ווערן פאַרלוירן פאַר זייער נאַציע. אין מאָסקווע פאַרמישן די יידן זייער בלוט מיט דעם רוסישן בלוט, און פאַר דער ייד-

שער נאַציע זענען זיי אין צווייטן דור, העכסטנס אין דריטן דור, פאַרלוירן; פון זיי ווערן געוויינלעכע רוסי־פיקאַטאָרן״.

אַזוינע ווערטער האָט זיך די יעווסעקן נישט געחלומט צו הערן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, און דערצו נאָך פון וועמען! פון דעם פאָרזיצער פון ראַטן־פאַרבאַנד, דעם העכסטן אָפיציעלן פאָרשטייער און אַ מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ, פון דעם קליינעם קאָמיטעט פון פינף, וואָס רעגירט ממש מיטן ראַטן־פאַרבאַנד.

די רעדע איז פאַר זיי אַראָפּגעפאַלן אַזוי ווי אַ דונער פון הימל. און אָט האָט זיך באַלד אין די קולוארן אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע מצד די יעווסעקן, אַז קאַלינין האָט „גלאַט אַזוי״ גערעדט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז ער רעדט צו יידישע פויערים. זיי האָבן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קאַלינין האָט זיך אייגנטלעך פאַררעדט ביז צו נאַרישקייטן, און אַז די רעדע האָט גאָר קיין באַדייטונג נישט. צוויי טעג האָט מען זיך טאַקע געפּאָרעט מיט דער רעדע, אַרויסגעוואָרפן פון איר אַלע „נישט כשרע״ שטעלן. ס׳האָט געהייסן אַזוי, אַז קאַלינינס רעדע איז אַזוי גוט ווי נישט גערעדט געוואָרן, עס האָט גאָר קיין ממשות נישט, וויכטיק איז נאָר, וואָס טשעמערינסקי, ליט־וואַקאָוו זאָגן, ווייל זיי זענען די אָפיציעלע פאָרשטייער בנוגע יידישע זאַכן. קאַלינין איז אַ פויער, און ער האָט גערעדט צו פויערים פויערישע רייד, קליינבירגערלעכע סברות און שאָוויניזם...

אָבער דאָס פייער האָט שוין אינעווייניק געברענט. לאַרין איז געזעסן די גאַנצע צייט אַ דענערוווירטער, ווייל ער אַליין שטייט דאָך אויפן שטאַנדפּונקט פון קאַלינין. ביים פּרעסע־טיש האָט מען געהערט, ווי ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ צווישן־רוף צו די יעווסעקן: וואָס ווילט איר, צענזורירן דעם חבר קאַלינין? און נאָכדעם ווי ליטוואַקאָוו האָט גענומען אין אַ גיפטיקער, בייזער רעדע אַרונטעררייסן בראַגינען, האָט זיין געדולד געפּלאַצט.

ווייל גיפטיק צו גיפטיק איז נישט גלייך. ליטוואַקאָווס יעדע איז געווען אַ מוסטער פון סאַדיזם, פון איינעסן זיך אין די ביינער, פון פּערזענלעכע צושטייענישן צו אַ מענטש, וואָס איז אָן געווער. בראַגין איז דאָך סוף-כל-סוף אַן אומפּאַרטיי־אישער און דאָס הייסט אין ראַטן-פאַרבאַנד — אַ מענטש אָן גייסטיקער באַוואָפנונג. אַ מענטש, וואָס קאָן זיך נישט דער־לויבן דאָס, וואָס מען דערלויבט זיך אַנטקעגן אים, אַ מענטש אַ געבונדענער, וואָס קען נישט צוריקשלאָגן ווען מען שלאָגט אים. אין זאַל איז געשטאַנען דער איינדרוק, אַז אַ שלאַנג וויקלט זיך און וויקלט אַרום אַ זיכערן קרבן. יעדע פראַזע ליטוואַקאָווס — אַ חוזק, אַן אויסלאַכן פון דער אומבאַהאָלפנקייט בראַגינס. און דער עולם לאַכט, אַזוי ווי אין אַ צירק, בשעת דער קלאָון כאַפּט די פּעטש: איינס, און צוויי, און דריי, און נאָך, און נאָך... ס'איז געווען עפּעס מוראדיקס, אומ־מענטשלעכס אין דער אַרויסטרעטונג פון ליטוואַקאָוון.

לאַרין האָט זיך אויפגעשטעלט און אויף זיין פּנים האָבן געציטערט די מוסקולן.

„איך אַלס קאָמוניסט — האָט ער גערעדט שאַרף, און זיין מאַטע שטימע האָט געקלונגען מאָדנע קלאָר — בין פאַראַנטוואָרט־לעך צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַר אַלע דער־שיסונגען, וואָס מיר האָבן אויסגעפירט. און ווען ס'וועט נייטיק זיין, וועלן מיר ווייטער שיסן יעדן, וואָס וועט זיך שטעלן אין וועג. אָבער קיינמאָל וועל איך נישט דערלויבן, אַז אומפּאַר־טייאישע מענטשן, וואָס אַרבעטן מיט אונז, וואָס העלפן אונז, וואָס שטייען אין דינסט פון דער ראַטן-מאַכט, זאָלן ווערן באַ־האַנדלט דאָ אַזוי, ווי בראַגין איז באַהאַנדלט געוואָרן פון חבר ליטוואַקאָוו.

ער האָט אַקצענטירט, אַז דאָס רעדט ער, לאַרין, אַ מיט־גליד פון צי"ק (צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט) און אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דאָ גערעדט דער פּאָרזיצער פון צי"ק און דער מיטגליד פון פּאָליט-ביוראָ, דער חבר קאַלינין.

ס'איז געווען אַן אָפענע שלאַכט צווישן די צוויי שטאַנד-פּונקטן און צווישן צוויי גרופּעס.

דאָס איז געווען דער העכסטער דראַמאַטישער מאָמענט פון יענעם אָוונט.

לאַרין האָט געוואָרפן די הענטשקע די יעווסעקן.

באַלד דערנאָך האָט גענומען דאָס וואָרט טשעמערינסקי, און פייערלעך אַקצענטירנדיק, האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע:

„איך רעד אָפיציעל אין נאָמען פון צענטראַל-ביוראָ פון דער יידישער סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי"...

און ביי דידאָזיקע ווערטער איז געוואָרן אַ פּאַטשערייי ביי די יעווסעקן. דאָס האָט געהייסן: מיר זענען די אָנפירער, מיר האָבן דאָ די דעה, נישט לאַרין, נישט קאַלינין, נאָר—מיר.

דער ברוך איז געווען אַן אָפענער.

אומזיסט האָט דערנאָך וויינשטיין געפּרואווט צו פאַרגלעטן דעם איינדרוק, געבנדיק עטלעכע לויב-ווערטער לאַרינען, און דערביי אויך אַן אָנצוהערעניש ליטוואַקאָוון, אַז ער האָט אַריבער-געכאַפּט די מאָס.

די זיצונג האָט זיך געענדיקט אַרום 11 אַ זייגער ביי-נאַכט. די יעווסעקן זענען באַלד אַריין אין אַ באַזונדערן צימער אויף אַ בעראַטונג. מענטשן, וואָס זענען געווען אין די קולואַרן, האָבן געהערט די געשרייען ממש ביז צום הימל, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון יענעם צימער אַרויס. וואָס אויף יענער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן און וואָס מען האָט דאָרט גערעדט, דאָס ווייס איך נישט צו דערציילן. אַזויפיל איז נאָר באַוואוסט, אַז די זיצונג האָט זיך פאַרצויגן ביז 4 אַ זייגער פאַרטאָג, אַז דאָרט האָט מען מער נישט גערעדט, נאָר געשריגן און געקלאַפּט אין די טישן, און אַז פון צייט צו צייט זענען אַרויס מענטשן פון דאָרטן מיט צעפלאַמטע פּנימער...

די יעווסעקן האָבן געזיגט. אָבער דאָס איז געווען פון

יענע נצחונות, וואָס אויף זײ זאָגט דאָס ווערטל: נאָך איין זיג אַזוינער און דו ביסט פֿאַרלוירן.

איך בין אַוועק פֿון מאָסקווע אונטער דעם איינדרוק, אַז די יעווסעקן פֿילן זיך זייער שלעכט נאָך דעם זיג.

XXXVI

אַ ה יי ם.

מען מוז אַ טראַכט טאָן וועגן אהיים פאָרן. עפּעס האָט געגומען נאָגן ביים הארץ, מאָנען: היידא, אויף דער פרייער וועלט אַרויס!

פון די אוקראַינער סטעפּעס האָב איך געמוזט איילן קיין מאָסקווע, און איילעניש מאַכט מיך מיד און מאַכט מיך טעמפּ. דאָרט, אין די סטעפּעס, האָט אַ רעגן געגומען דורכווייקן די שוואַרצע ערד, און געמאַכט פון איר אַן אמתע געדיכטע קלעפּיקע מאַסע, וואָס ביסטו איינמאָל אַריין אין איר מיט אַ פוס, איז נישט אַזוי גרינג אים ווידער אַרויסצובאַקומען. אַזוי זענען זיי, די סטעפּעס! אָט איז אַן אויסגעשפּרייטער מאַטראַץ פאַר דיר די ערד, שפּרייז און פאָר וואו דו ווילסט; און אָט איז עס מיטאַמאָל געוואָרן אַ ווילדעניש, אַ קלעפּיקער ים, נישט אַריין און נישט אַרויס. אונזערע אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן ווייטסטן פונקט פון קריוואָראָגער ראַיאָן, האָבן געהאַט צו מאַכן 90 וויאָרסט, איז די ערשטע 80 וויאָרסט זענען מיר דורכגעלאָפן אין צוויי און אַ האַלבער שעה צייט, און אויף די לעצטע צען וויאָרסט (דער רעגן האָט געגומען נעצן) האָט מען געבראַכט ווידעראַמאָל צוויי שעה צייט, און קוים מיר זענען בשלום, דורכגענעצטע ביז צום ביין, אַדורכגעקומען. געפּרוּאווט איינמאָל אַרויס צוגיין פון אויטאָמאָביל,

האָב איך קוים מיט צרות אַרויסגעשלעפּט אַ פוס פון דעם שי־טערן שוואַרצן טייג.

אין מאָסקווע איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון „געזערד“, און מען איז געווען אַזוי פאַרנומען, אַז מען האָט גאָרנישט געזען, און אַזויפיל זיך געקאָכט, אַז קיין ריינע מחשבה איז נישט געקומען אין קאָפּ אַריין... צייט אומצוקערן. פּאָליטיקירן קען מען ערגעץ אַנדערש בעסער, ווי אין מאָסקווע, אויב מען האָט נאָר דעם ריכטיקן חשק דערצו.

און עס האָט אָנגעהויבן צו ווינטערן. עס האָט איינמאָל ביינאַכט זיך אומגעדרייט דאָס וועטער, אַ זאַווייערוכע האָט ריס געטאָן, עפּעס האָט עס געהאַט אַ פּנים, ווי דער ווינטער וואָלט געמאַכט גענעראַל־פּראָבע. האָט עס געשאָטן אין דער לופט מיט אַ פיין־געמאָלענעם טרוקענעם שניי פּאַליעסווייז און פּאַליעסווייז. די „איזוואָשטשיקעס“ האָבן געקלאַפּט די הענט, און פון זייערע שווייגנדיקע מיילער האָט געזעצט אַ פּאַרע... איך בין געפאָרן מיט אַן „איזוואָשטשיק“ צו מיין האָטעל, וואָס האָט זיך איצט געפונען אויף יענער זייט טייך, און דאָס קליינע פערדל האָט הירזשענדיק גאַלאָפּירט מיטן גאַנצן ברען איבער דעם רויטן פּלאַץ. עס האָט געשאָטן און מען האָט גאָרנישט געקענט אַרויסזען. די קאָנטורן פון קרעמל האָבן זיך פאַרלוירן, אָבער אינדערהויך האָט געברענט און געפלאַטערט אַ רויטער שיין, וואָס האָט אַריינשניידנדיק זיך אין דער ווייכער מאַסע אַריין, זיך געוויגט און געשפּילט אין שפּיל פון ליכט און שאָטן. דאָס האָט די רויטע פאָן, געוויגט פון ווינט, געפלאַ־טערט איבערן קרעמל; די רויטקייט, וואָס ווערט ביינאַכט באַ־ליכטן מיט אַ רעפלעקטאָר, איז געווען פול מיט סודות פון ברענענדיקער מאַכט פון מענטשן איבער מענטשן.

די ווייסע פאַרשנייטע וועלט מיט דעם רויטן אָפּשיין איבער איר, דאָס קליינע בריהדיקע פערדל מיט דעם שווייגנ־דיקן „איזוואָשטשיק“, איך אין דער מיט — ווי קום איך אַהער? פונוואַנען? וואוהין? —

עס זענען די טיפישע מחשבות, וואָס וואַקסן אַרויס

פון דער פאַרפרעמדקייט. זיי באַפאַלן דיך מיטאַמאָל און צוריקן.

יענע נאַכט האָב איך באַשלאָסן וואָס גיכער אָפּצופאָרן.

* * *

ביים מאַכן די פאָרבאַרייטונגען צום אָפּפאָרן, וואָס דאָס איז אין רוסלאַנד פאַרבונדן מיט אַ גאַנצע פּראָצעדור, צו באַקומען די וויזע צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט אַ פּוילישן קאָמוניסט, אַ געוועזענעם אָפיציר פון די לעגיאָנען. ער אַרבעט אין מיניסטעריום פון אויסערן און ער איז געווען גענוג פריינטלעך מיר באַהילפיק צו זיין. דאָס איז אַ טיפּ, וואָס איך האָב ביי יידן נישט באַגעגנט. די פּוילישע עלעגאַנץ איז געבליבן אין איר פולער גילטיקייט אויך אין זיין קאָמוניסטישער אוניפאָרם, און די פּוילישע העפלעכקייט איז ביי אים געבליבן. נישט קיין גרויסער בעל-מוח איז ער געווען, דער יונגערמאַן, אָבער אַ פרומע קאָמוניסטישע נשמה, מיט אַ נייגונג צו ליריזם. ער האָט געגלויבט, אָבער ער האָט, קענטיק, טאָג-טעגלעך נויטיק געהאַט אַ חיזוק פון זיין אמונה, כדי זי צו דערנערן און אויפצוהאַלטן. ער האָט זיין יונג לעבן אַוועקגעגעבן פאַר דער אידעע, און האָט זי דעריבער אָפּגעהיט מיט דער גאַנצער קראַפט און צאַרטקייט פון זיין נשמה.

ער האָט געפילט, ווען ער האָט אָנגעטראָפן אַ מענטש, וואָס דענקט אַנדערש פון אים.

פאָרזיכטיק, מיט אַרומגייענדיקע פראַגן, האָט ער געוואָלט וויסן דעם איינדרוק, וואָס איך טראָג אַרויס פון רוסלאַנד.

און מיר האָט זיך געוואָלט אים זאָגן עפּעס גוטס, עפּעס,
וואָס טרייסט און באַרויקט.

לאָמיך עס דאָ איבערחזרן:

פֿיר פֿראַגן — האָב איך געזאָגט — האָב איך מיר געשטעלט, און נאָר אויף אייגע פֿון די פֿראַגן קען איך געבן אַן ענטפֿער, וואָס זאָל אײַך באַפֿרידיקן. די ערשטע פֿראַגע איז: צי איז דער סאָציאַליזם בכלל מעגלעך? דערויף ענטפֿער איך: יאָ. ער מוז דאָך זײַן מעגלעך. עס מוז דאָך געפֿינען ווערן אַן אויסוועג פֿון דער איצטיקער לאַגע, ווען נאָר אַ קליין הייפֿל מענטשן געניסט פֿון אַלץ, וואָס דער מענטשלעכער זשעני האָט באַשאַפֿן פֿאַר די מענטשן, און די ברייטע מיליאָנען פֿירן אַן עקזיסטענץ פֿון לאַסט-פֿי.

די צווייטע פֿראַגע: צי איז דער סאָציאַליזם ש ו י ן א י צ ט מעגלעך, אָדער עס מוז נאָך אַריבערגיין אַ געוויסע צײַט, אַ שטופֿע פֿון אַנטוויקלונג, ביז ער וועט מעגלעך זײַן? — איך לאָז די פֿראַגע אָפֿן. איך ווייס נישט. די טעאָרעטיקער ברעכן זיך די קעפּ דעריבער.

די דריטע פֿראַגע: צי איז דער סאָציאַליזם שוין איצט מעגלעך אין ר ו ס ל אַ נ ד? — ליידער, ליידער. מיר דאַכט זיך, אַז די מאַשין קלאַפּט בײַ אײַך נישט. צוטיילן מיט יושר די רײַכטימער — דאָס איז נישט אַלץ. דאָס ערשטע איז, זיי צו ב אַ ש אַ פ ן אין אַ גענוגנדער מאָס פֿאַר דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. און אָט דאָ הינקט איר שטאַרק אונטער. איר שאַפֿט ווייניק, איר זענט אָפּגעשטאַנען עקאָנאָמיש, אינדוסטריעל, און עס איז נישט פֿאָראויסצוזען, ווי אַזוי דאָס אַלץ זאָל זיך בײַ אײַך ראַדיקאַל ענדערן צום גוטן.

די פֿירטע, די לעצטע פֿראַגע איז: אָנגענומען, אַז פֿאַרקערט, אַז דער סאָציאַליזם איז מעגלעך, און שוין איצט, אין רוסלאַנד. צי זענען די באָלשעוויקעס געוועזן די ריכטיקע מענטשן אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ, צי האָבן זיי אַלץ געטאָן פֿאַר זייער אידעאַל, צי האָט די מענטשלעכע קליינלעכקייט, די פֿאַרדאָרבנקייט און דער חשק צו מאַכט זיי נישט אָראָפּגעפֿירט

פון ווען? צי זענען זיי נישט געווען רוצחים, מאַכט-יאָגער און אַלק דאָס בייז, וואָס מען זאָגט וועגן זיי? —

זעט איר, דערויף וויל איך אייך מאַכן אַן אויפריכטיקן קאָמפּלימענט. פון אויסנאַמען, פאַרשטייט זיך, קען מען נישט רעדן, אָבער בכלל פאַר איך אַוועק מיט דער איבערצייגונג, אַז אין אייער לאַגער הערשט אַ געוויסע מאָס פון אידעאַליזם, און אַז די מיינסטן פון אייך מיינען דאָס בעסטע פאַר דער מענטשהייט.

ווייסט איר, האָב איך ווייטער געזאָגט, אַז די פאָרם פון מאַכט, וואָס איר האָט דאָ, האָט מיר טיילמאָל געגעבן צו טראַכטן מחשבות, וואָס וועלן אפשר אייך אויסזעען, ווי ווילדע, וואָס האָבן אָבער, לויט מיין מיינונג, אַ היפּשע דאָזע אמת. עס איז לעכערלעך צו זאָגן, אַז איר האָט דאָ די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. איר האָט די אַרבעטער נישט געפרעגט זייער מיינונג, און זיי קענען זי אַזוי ווייניק פריי אַרויסזאָגן, ווי איך און איר. אייער סיסטעם פון רעגירן דערמאַנט מיך גיכער אָן פּלאַטאָנס רעפּובליק פון די פילאָזאָפן. קיינער קען קיין דעה נישט האָבן, אַחוץ דער פילאָזאָף, ווייל ער ווייסט אַמבעסטן, וואָס די געזעלשאַפט האָט נויטיק. די באָלשעוויקעס האָבן די אַמביציע צו מיינען, אַז זיי פאַרשטייען ריכטיק דאָס לעבן, אַז זיי האָבן די ריכטיקע פילאָזאָפיע פון לעבן, און זיי קענען ריכטיק פאָראויסזען די צוקונפט. און מיט דעם כוח פון דער פילאָזאָפיע זייערער, נישט מיטן כוח פון די אַרבעטער, רעגירן זיי.

איך האָב אים געבעטן שטאַרק מצער געווען, דעם געוועזענעם פּוילישן אָפיציר און איצטיקן קאָמוניסט, מיט מיינע רייד.

— מיר זענען אַ רעגירונג פון די אַרבעטער! — האָט ער געזאָגט פעסט, כדי צו שטאַרקן זיך אַליין אין זיין גלויבן.

איך האָב מער נישט געענטפערט. עס וואָלט געווען נישט גוט פון מיין זייט, ווען איך וואָלט דאָס געטאָן.

דאָס זענען געווען צופעליקע, נישט פריער דורכגעטראַכטע ווערטער, וואָס איך האָב מיט אים גערעדט. אויב איר ווילט זיי אָננעמען אַלס רעזומע, אַ סך־הכל פון דעם וואָס איך האָב געשריבן וועגן רוסלאַנד—האָב איך גאָרנישט דאַגעגן.

איך אַליין פון מיין זייט, פאַר מיין אייגן געברויך וועגן, האָב קיין רעזומע נישט בויטיק. מיר מאַכט נישט אויס, אויב איך פיל זיך אין שטראָם פון לעבעדיקע, לויפנדיקע געדאַנקען.

איך געהער צו דער משפחה פון יענע פילאָזאָפן, וואָס וואָלטן צוזאַמען מיט פלאַטאָנען קיינמאָל נישט געקאָנט שאַפן קיין רעפובליק, ווייל זי וואָלט געווען פליסיק, אַזוי ווי זייערע געדאַנקען.

און די מאַכט פאָדערט – שטאַנדהאַפטיקייט. פאַרגליווערטקייט פון געדאַנק. איבער די וואַסערן קאָן נאָר אַ גייסט שוועבן...

איבהאַלט

	אַ שטיקל הקדמה	5
I	דער אַרויספאָר פון פוילן	9
II	אויף דער גרענעץ	15
III	מינסקער וואַנדערונגען	24
IV	מען פילט זיך אין רוסלאַנד ווי נאָך אַ קראַנקייט	32
V	יידישע קולטור־טעטיקייט אין ווייס־רוסלאַנד	40
VI	ביי די אייזנבאַנער	48
VII	מיין אָנקומען קיין מאָסקווע	56
VIII	אַ טאָג אין מאָסקווע	64
IX	ווי עס פילט זיך דער נעפמאַן	72
X	וואו זענען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ?	79
XI	סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ	87
XII	דער „רויטער פלאַץ" און לענינס קבר	95
XIII	אַנטיסעמיטיזם	103
XIV	דאָס יידישע פראָבלעם	111
XV	אין יידישן טעאַטער אין מאָסקווע	119
XVI	פון די רוסישע טעאַטערס	127
XVII	ווי זעט אויס מאָסקווע	135
XVIII	דער הונגער אויף סחורות	143

XIX	ווי האַלט עס מיט יידישקייט אין רוסלאַנד —	151
XX	אַרבעטער-קלובן און... כאַר-שולן — —	160
XXI	אויסלענדער — — — —	168
XXII	פון מאָסקווע קיין כאַרקאָוו — —	175
XXIII	אין כאַרקאָוו — — — —	183
XXIV	מיין ערשטער אַרויספאָר אין סטעפּ — —	191
XXV	פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע — —	199
XXVI	אַן אַלטע און אַ נייע קאָלאָניע — —	206
XXVII	כערסאָן — — — — —	215
XXVIII	אָדעס — — — — —	223
XXIX	נאָך וועגן יידישקייט — — —	232
XXX	אויפן אָדעסער בית-עלמין — — —	240
XXXI	פראַגן אָן ענטפערס — — —	248
XXXII	וועגן די יעווסעקעס — — —	255
XXXIII	די יעווסעקעס און די ערד-איינאָרדנונג —	262
XXXIV	דער צוזאַמענשטויס אויף דעם געזערד-צוזאַמענפאָר	270
XXXV	(המשך) — — — — —	278
XXXVI	אַהיים — — — — —	287